Insurance so good, it's #forgettable
jnl INSURANCE
auto • home • business
845.782.3580
support@jnlinsurance.com

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

ב"ה • פרייטאג תצוה, י"ד אדר א' תשפ"ד לפ"ק • Friday Feb 23, '24 Vol. 12 • # 23 (552)

INJURED?
Car Accident – Falldowns
Construction Accidents
Medical Malpractice
Product Liability – Personal Injury
Call Now:
718-400-9LAW(529)
שמואל נתנאל יאושעה
InjuryMaxx

## זעלטענע אַנטשלאָסנקייט למען קיום ק"ק קרית יואל שיינט אַרויס מיט שענסטע קאָלירן ביים אָנהייב היי-יעריגן "דיוס קאַמפּיין"

קרית יואל'ס באַרימטע וואָרימקייט שטאַרט אַרויס ווען 10 משמשי בתי מדרשות דקהל יטב לב נעמען אויף 'יעדן יחיד מחברי הקהלה' וועלכע זענען מאליו יקרא אויסצוזאָגן 'התחייבות דמי חבר'

38



29

לגדור גדר:

## 'וועד העירוב קרית יואל' אַנגעהויבן וויכטיגע פּראָיעקט אַרומצונעמען 'מירון-לייפּניק' וואַסער מיט צוים

אַרבעט ווערט באַגלייט דורך געטרייע משגיחי וועד העירוב: הר"ר דוד יצחק פּאלקאָוויטש הי"ו, הר"ר שלמה לייב גרובער הי"ו און הר"ר יואל ב"ר יצחק דוד פּרידמאַן הי"ו

קרית יואל
חסד
ווינטער קאַמפּיין
"היטשט און געווינט" געווינער
זייט 65
288-3880

- שישו ושמחו בשמחת רבינו -

## סאטמארער חסידים גרייטן זיך צו געהויבענע חתונה בחצרות קדשינו פון נכדת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

קומענדיגן מיטוואָך פּרשת תשא הבעל"ט אין די זאַלן פון 'עטרת אברהם'

24

אחיכם יוצאים למלחמה:

## געריכט נעמט אָן אַלע אַמיקוס פיילינגס אין בעפאָרגרייטונג צום אַפּיעלס; 'פּערל'ס' לעגאַלע טיעם העלדיש אויפן פראָנט פאַרצוזעצן קאַמף פאַרן חינוך הטהור

PEARLS

אבל וחפוי ראש: געריכט אפּגעוואָרפן יאַפּפּע"ד'ס 'אָרעל ארגומענט' פּאַרלאַנג און בלאָקירט גרופּע פון אריינרעדן בעת די געריכט סעסיעס

30



איבערפאַל פאַראורזאכט אומגעהויערע שאָדנס אינעם אָפיס גופא — מעכטיגע "פינף און צוואנציג טויזענט" דאָלער קאַמפּיין אונטערגענומען דורך 'מרכז הצלה' אין חוץ לארץ צו קענען צוריקשטעלן דעם אָפיס ווירטשאַפט

## שוידערליכער איבערפאַל באישון לילה איבער די אפיסעס פון 'מרכז הצלה'

רווח והצלה יעמוד ממקום אחר: פעולות הצלה זעצט ווייטער פאר אין אנדערע אפיסעס אין בית שמש און אין ירושלים

79

איך אדער מיין שווער?
כ'האב חתונה געהאט אינמיטן יאר, ווער פיילט פאר מיין פרוי?

- אונזער ***פארגרעסערטער שטאב*** שטייט גרייט מסדר צו זיין אלע אייער שטייערן אויפן ריכטיגע וועג, ***גרינג, שנעל און באקוועם.***

מיט אונזער ***נייע חידוש'ליכע סיסטעם,*** וואס מ'האט נארוואס איבערגעארבעט און אהערגעשטעלט פונדאסניי, וועט איר קענען פיילן אויף א גאר גרינגע און געשמאקע פארנעם - א מחיה!

845.774.2615 EMAIL: MAIL@1040EXPRESS.NET ADDRESS: 4 LEIPNIK WAY UNITE 002 MAILING: PO BOX 1287 MONROE, NY 10949

1040 Express
THE EXPRESSWAY FOR ALL YOUR TAX NEEDS

# קרן אלמנות ויתומים דארה"ב וקאנאדא

בשר ודגים - מדי יום ביומו - ומדי שבת בשבתו - ומועד במועדו

25 Ross St. Brooklyn NY 11249 718-782-5349 Fax 646-993-6741

בעזהי"ת

**הרב אברהם לויפער שליט"א**
**אבד"ק דאראג**
**מייסד ומנהל**

**ברוקלין:**
וויליאמסבורג
בארא פארק
פלעטבוש - קענזיגטאן
קראונהייטס
סיגעיט - בעי רידזש
בענסענהורסט - מארין פארק
דזשארדזש טאון - מיל בעיסען
**סטעטען איילענד - איסט סייד**

**קווינס:**
פלאשינג - קיו גארדענס
ריגא פארק

**פייוו טאונס:**
פאר ראקעוועי - לארענס
וואדמיר - סידערהוירסט

**אפסטעיט:**
קרית יואל
מאנסי - סקווירא
סאוט פאלסבורג
נייטרא - קאשוי

**ניו דזשערזי:**
לעיקוואוד - דזשעקסאן
דזשערזי סיטי - יוניאן סיטי
פאסעיק - קליפטאן
עליזאבעט - דיעל
בערגענפיעלד - וויינלאנד

**פענסילווועניא:**
פילאדעלפיא - פיטסבורג

**קאנעטיקוט - טשיקאגא**
**קליוולאנד - באלטימאר**
**לאס אנדזשעלעס - דיטרויט**
**פלארידא - קאנאדא:**
מאנטריאל - טאהש - טאראנטא

יכולין לשלוח טשעק על שם
**CONG. OHEL TORAH**
**25 Ross St.**
**Brooklyn NY 11249**
**(TX. I.D. 11-305-0300)**

*

יכולים לקרוא 24 שעה
718-782-5349 #1
וליתן נדבתו ע"י קרעדיט קארד

*

יכולים ליתן ישר מבאנק
אקאונט שלו ע"י ACH.
נא לקרוא
718-782-5349 #2

*

ע"י Chase Quickpay
kerenalmones@gmail.com
718-809-5495

*

יכולין לסדר תשלומין על
האקאונט שלו בחנות של בשר
או של דגים, וכן ע"י O.J.C.
או Fidelity Charitable
The Donors Fund וכדומה

*

**לסדר מעמדות קבועים**
**מדי שבוע בשבוע**
**או חודש בחדשו - לקרוא**
**718-782-5349 #2**
**או לשלוח אימעיל**
**kerenalmones@gmail.com**
**בקרית יואל יכולים למסור**
**המעות להרב ר' יואל (בר"ב)**
**לויפער שליט"א**

**2,713**
**משפחות**
**5,726**
**ילדים בבית**

**חשבון הקרן**
נתייסד אייר תשע"ו עד ט"ו שבט תשפ"ד
**$62,606,194.00**

**סניף קרית יואל**
**131 משפחות 258 ילדים בבית**

| תשפ"א | תשפ"ב | תשפ"ג | תשפ"ד עד ט"ו שבט |
|---|---|---|---|
| $1,015,733.00 | $1,336,889.00 | $1,733,335.00 | $574,890.00 |

**חשבון השנה**
שבט - ניסן תשפ"ג $8,129,403.00
(עם הקמחא דפסחא)
אייר - תמוז תשפ"ג $3,627,315.00
אב - תשרי תשפ"ד $4,866,993.00
חשון - ט"ו שבט תשפ"ד $4,089,211.00
**ס"ה $20,712,922.00**

# הארציגע דאנק בריוו פון אלמנות שתחי'

**הונדערט און צווייטער פארזעצונג**

### מכתב 0595 (E02.075)

לכבוד הרב לויפער עמו"ש, ומשפחתו עמו"ש,

דאס זאגן 'יישר כח' וועט נישט זיין גענוג, נאכדעם וואס מ'האט באקומען אייער פסח פעקלעך לכבוד יום טוב!!

דאס איז פשוט אומגלויבליך!! וויאזוי וואלטן מיר זיך אן עצה געגעבן אן אייער הילף??

מיר וואונטשן אייך און אייער גאנצע משפחה א גוט יו"ט, און נאר מיט געזונט און אידיש נחת פון די גאנצע משפחה!!

חג כשר ושמח, און יישר כח, מרת .....

### מכתב 0596 (E03.069)

לכבוד הרב לויפער,

איך וויל אייך נאכאמאל באדאנקען פארן העלפן גרינגער מאכן מיין פסח, דורך צושטעלן אלעס וואס איר האט צוגעשטעלט. דאס איז אויסער די טשיקן און פיש.

די אינגעלייט וואס האבן דעליווערט די פסח'דיגע ארדערס זענען געווען זייער צוגעלאזן, און האבן אריין געשלעפט די שווערע באקסעס ביז אין מיין הויז אריין.

דער אייבירשטער זאל אייך ווייטער שענקען די מעגליכקייט ארויסצוהעלפן פאר אזויפיל אלמנות.

א גרויסן יישר כח!! חג כשר ושמח!

מרת .....

### מכתב 0597 (E08.029)

לכבוד הרב לויפער, עמו"ש

מיט אמת'דיגע אנערקענונג, דאנקען מיר אייך פון טיפן הארצן.

אייער ברייטהארציגקייט איז באמת א מתנה, און וועט אויף אייביג געדענקט ווערן...

א הארץ פול מיט גוטסקייט אזוי ווי אייערס, איז אזוי חשוב און אזוי זעלטן, עס וועט אויף שטענדיג געשעצט ווערן.

מיט א גרויסן הכרת הטוב,

משפחת .....

### מכתב 0598 (E14.027)

לכבוד הרב והרבנית לויפער, עמו"ש,

איך ווייס אז איר קענט מיך נישט פערזענליך, אבער יעדעס מאל וואס איך גיי אין די גראסערי סטאר צו קויפן פלייש אויף שבת טראכט איך פון אייך. אלע מצוות וואס איר טוט זאל זיין לזכות פאר אברהם בן העניא, וזוג' שרה בת מרים וכל משפחתו.

עס איז נישט גרינג צו זיין אן אלמנה. מיין מאן ע"ה איז שוין נישטא כמעט 20 יאר. ער איז נפטר געווארן זייענדיג בלויז 55 יאר. איך בין זיכער אז איר פארשטייט אז יעדן שבת און יעדן יום טוב באטראכט איך זיין בענקל, און כ'וואונטש זיך הלוואי איז ער דארט. איך האב ב"ה גוטע קינדער וואס קומען אויף יעדן שבת און יום טוב.

אייער ברייטהארציגקייט ראטעוועט מיר ממש דאס לעבן. איך דארף מיך נישט זארגן ווי אזוי איך קען זיך ערלויבן צו האבן פלייש אדער פיש. אייער פסח ארדער ערמעגליכט אז מיינע קינדער זאלן קענען קומען.

'יישר כח' איז צו א קליין ווארט, אבער איר זאלט געבענטשט ווערן מיט אלעס גוטס לאורך ימים ושנים טובים. איך שעץ ביז גאר אייער ברייט האנט און די שווערע עבודה וואס איר לייגט אריין אין ארויס צו העלפן פאר די אלמנות און יתומים.

פון מיין שלימות'דיג הארץ, א ריזיגן יישר כח,

מרת .....

### מכתב 0599 (E10.088)

טייערער הרב לויפער, עמו"ש

איך קען נישט טרעפן די ווערטער אייך גענוג צו דאנקען! ווי גוט איז אונזער טאטע אין הימל!!! דער קעניג!!!

וואס געבט זיך אפ מיט אונז, זיינע קינדער, צו האבן ברווח עסן פאר שבת און יו"ט!

הרב לויפער עמו"ש, א גאנצע וואך קען איך קוים ווארטן צו עסן מיין סעלמאן פיש! לכבוד שבת קודש! ווען נישט אייער שטיצע, וואלט איך געקויפט 2 קליינע פארציעס און עס צושניטן פאר מיינע קינדער. אבער

יעצט קען איך עסן א גאנצע פארציע! מיין שבת איז גאנץ און געשמאק (דאס איז מיין בעסטע עסן)!!

א דאנק.

א פרייליכן חנוכה!!!

דער אייבירשטער זאל צוריק צאלן כל משאלות לבכם לטובה מיט געזונט, פרנסה און נחת!! ביז 120!!!

מרת .....

### מכתב 0600 (E11.028)

לכבוד הרב לויפער,

א הארציגן יישר כח פאר די וואונדערבארע פיש און פלייש, וואס איך טוה אלס מער און מער מכיר טוב זיין, ווי מער צייט ס'גייט פארביי. מיינע קינדער זענען נארוואס אהיים געפארן נאך א צוויי-וואך'יגן באזוך פון אויסלאנד. אונז האבן געהאט געהויבענע נחת'דיגע מאמענטן, וואס זענען געמאכט געווארן אפילו נאך מער געשמאק א דאנק די מחי'דיגע סעודות וואס איך האב זיי געקענט קאכן. אונזער חנוכה סעודה - פארברענג מיט מערערע משפחות אינאיינעם איז געווען א געוואלדיגע הצלחה, אין א געוויסן מאס צוליב די באליבטע פיש וואס איך האב סערווירט - נאר א דאנק אייך.

א פרייליכן חנוכה - זאל הקב"ה בענטשן אייך מיט אייער משפחה און נדבנים, מיט א יאר אנגעפילט מיט געזונט, ליכטיגקייט, און א גרויסע מאס שמחה!

מיינע בעסטע וואונטשן, מרת .....

### מכתב 0601 (Y07.045)

לכבוד משפחת לויפער הרוממה שיחיו

לכם דומי' תהלה.

אז די הארץ איז פיל, בלייבט מען שטיל.

איך קען נאר וואונטשן "אלעס" גוטס פאר ענק אלע.

מרת .....

**מיר זוכן "גבאי צדקה"** (פאנדרעיזער)
**שיין באצאלט אויף די שעה** (נישט פראצענט)
**ביטע רופט:**
**718-782-5349 ex. 4**

| פרנס משפחה בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| משפחה ברוכי ילדים | $325 | $3,600 | $2,000 | 3x$500 | $24,000.00 |
| משפחה גדולה | $250 | $2,500 | $1,500 | 3x$360 | $18,000.00 |
| משפחה רגילה | $210 | $2,000 | $1,200 | 3x$300 | $15,000.00 |
| אלמנה עם 3 יתומים | $172 | $1,600 | $900 | 3x$250 | $12,800.00 |
| אלמנה עם 2 יתומים | $136 | $1,200 | $600 | 3x$200 | $9,600.00 |
| אלמנה ויתום | $100 | $1,000 | $450 | 3x$180 | $7,200.00 |

| פרנס אלמנה - יתום בשר ודגים | לשבוע | ניסן | תשרי | חנוכה פורים שבועות | ס"ה לשנה |
|---|---|---|---|---|---|
| אלמנה | $72 | $750 | $300 | 3x$150 | $5,200.00 |
| אלמנה רק לשבת ויו"ט | $40 | $750 | $300 | 3x$150 | $3,600.00 |
| יתום | $36 | $360 | $180 | 3x$72 | $2,600.00 |
| יתום רק לשבת ויו"ט | $20 | $360 | $180 | 3x$72 | $1,800.00 |
| ליום $1 / לשבת $3 | $9 | $240 | $120 | 3x$36 | $936.00 |

| פרנס לכל האלמנות |
|---|
| לשבת קודש ולכל השבוע $312,000.00 |
| פרנס השבת קודש $120,000.00 |
| פרנס היום $36,000.00 |



joy2media.com
Sale
Sale
Sale
Sale
Sale
Sale
Sale
Sale
March 1
פורים
April 1
פסח
פסח
פסח
פסח
SPECIAL LATE HOURS
OPEN TILL
10:00 PM
THURSDAY & MONDAY
FEB. 22 & 26
BE AHEAD OF THE FLAME
PRE-PESACH CANDELABRA
Giant
SALE
YOUR FLAME AWAITS.
Come browse our amazing selection of discounted candelabras.
CROWN
STERLING
Call: 845.783.0675 Visit: 7 Van Buren Dr. Monroe, NY
Royal Service \ Luxury Collection \ Accessible Pricing
SALE DATES:
MONDAY, FEB. 19 – TUESDAY FEB. 27


DPMGGROUP.COM
פאַרוואָס האָב
איך נישט גערופן
שלומי'ס...
Shlomie's
Dial, skip the aisle™
774.7771
TEXT OR EMAIL
orders@shlomies.com
Shop online: www.shlomies.com
THE KING IN SERVICE

Corporate · Individual · and More

EXCLUSIVE

DOCUMENTS PICKUP FROM YOUR HOME/OFFICE

* Valid till Feb. 29.

# מיין טאקסטער ארבעט שווין

פיילט זי באזונדער?



dartmedia.us

**פרישע נייעס:**

- אונזער ***פארגרעסערטער שטאב*** שטייט גרייט מסדר צו זיין אלע אייער שטייערן אויפן ריכטיגע וועג, ***גרינג, שנעל און באקוועם.***
- מיט אונזער ***נייע חידוש'ליכע סיסטעם,*** וואס מ'האט נארוואס איבערגעארבעט און אהערגעשטעלט פונדאסניי, וועט איר קענען פיילן אויף א גאר גרינגע און געשמאקע פארעם - א מחיה!

ספעציעלע כולל דיסקאונט.

**845.774.2615**

WEBSITE: WWW.1040EXPRESS.NET
EMAIL: MAIL@1040EXPRESS.NET

NEW ADDRESS
ADDRESS: 4 LEIPNIK WAY UNITE 002, KIRYAS JOEL NY 10950
MAILING ADDRESS: PO BOX 1287 MONROE, NY 10949

1040 Express
THE EXPRESSWAY FOR ALL YOUR TAX NEEDS




| | | | |
|---|---|---|---|
| ON-SITE SHUL WITH MINYANIM | 3 SHABBOS MEALS FULLY CATERED | TOAMEHA & MELAVA MALKA | EIRUV SURROUNDING 11 ACRE PROPERTY |
| COMFORTABLE ROOMS & LOUNGING AREAS | SUNDAY BREAKFAST | PARK-LIKE SETTING WITH WALKING TRAIL | MAJESTIC INDOOR POOL & FITNESS CENTER |

Dates still available this season
March 1-3 - March 8-10 - March 15-17

SLEEPY HOLLOW
HOTEL & CONFERENCE CENTER

914.358.8200 | kosher@sleepyhollowhotelny.com
455 S Broadway Tarrytown, NY 10591

# BUILD YOUR FOUNDATION SO YOU CAN BUILD WORLDS

The ICA Special Education Master's Program prepares you for a successful career in education. Led by master educators who provide one-on-one guidance within a frum atmosphere, we accommodate your schedule and your values.

pivotgroup.nyc

## 2 SEPARATE TRACKS

### SPECIAL EDUCATION

Graduate qualifies for positions as P-3 provider, SEIT, Special Education Teacher

22-Month program

Internship certification after 9 months

### APPLIED BEHAVIOR ANALYSIS (ABA)

Graduate qualifies for positions as ABA Coordinator, Behavioral Therapist, Clinical Director

14-Month program





ICA

- 1:1 Ongoing Student Support
- Convenient Online Classes
- Separate Cohorts for Men & Women

Niagara University

718.506.0912
info@icainstitute.com
icainstitute.com

★★★★★ Ranked among Top 5 Special Education Programs in NYS

Registration closes next week. Register today.


בס"ד
Welcome!
Get ready for an amazing journey filled with unforgettable memories.
Meet our experienced team!
Mrs. Golde Shtesl
Camp Director
Mrs. Chani Unger
Program Director
Mrs. Rivky Vogel
Specialty Director
Mrs. Draizy Itzkowitz
Staff Director
Mrs. R.S. Schneebalg
Camp Mother
Select Counselor Positions
available for Heimishe Post High School Girls.
Please call:
845.587.6028
d.itzkowitz@hcsny.org
camp
Machon Lev
Make this summer unforgettable for your daughter with activities that focus on independence, vocational training and social skills development.
BEAUTIFULLY RENOVATED FACILITIES
DEVOTED STAFF
ACTION-PACKED PROGRAM
EXCITING OVERNIGHT TRIPS
2 SEPARATE AGE TRACKS: 16-18 (TC1) AND 18-22 (TC2)
Call to reserve your spot!
Brooklyn: 718.854.2747 x 1613
Rockland 845.426.2199 x 1613
HCS

בס"ד

# ס'דאָ נייעס!




- היימיש און ערליך
- רייך, ציענד און געשמאק
- דעקט בכבוד'דיג יעדע חסידות

# ערוואַרט עס!

אין די געשעפטן אין אַלע היימישע געגנטער



בס"ד
ACUTE CARE NOW OPEN
ACUTE CARE BY CARESTIER NOW OPEN
EVERY SUNDAY
1pm to 9pm
ALL AGES WELCOME
NO PCP CHANGE
GRAND OPENING SPECIAL • GET A FREE RUBIKS CUBE •
DAY OR NIGHT, PAIN HAPPENS. CARE SHOULD TOO.
WALK INS WELCOME! NO APPOINTMENT NEEDED FOR ACUTE CARE
Carestier health
845.836.1111
Primary care + Urgent care + Multi specialty group
501 NY 208 Suite 201
Monroe NY 10950
845-836-1111
info@carestierhealthcare.com
ADDITIONAL DAYS & HOURS FOR ACUTE CARE WILL FOLLOW SOON
SERVICE YOU CAN COUNT ON. CARE YOU CAN TRUST.
MGM HelloMGM.com

# Vaad Hakehilos

office@vaadhakehilos.org

# ועד הקהלות

מיוחד לאישור כלי
טעכנאלאגיע מטעם
הקהלות הקדושות

Phone: 845.557.7771

בס"ד

# מודעה משמחת

שטייענדיג אין חודש אדר ווען די כלים ווי
רעקארדערס וכדו ווערן מער פארקויפט,
טוען מיר דא לשאלת הרבים מפרסם זיין די

# MP3

פלעיער/רעקארדער, מיטן

# מוכשר חותם

פונעם ועד הקהילות

וועלכע זענען שוין פראדוצירט געווארן לויט
די הוראות פון די רבני קהילות הקדושות



SAMVIX
**GLASBA**
(64GB)



SAMVIX
**DYNAMITE**
(32GB, 64GB, 128GB)



SAMVIX
**IBUSINESS**
(32GB, 64GB, 128GB)



**OZNIO**



GREENTOUCH
**SIX PLAYER**
(BLACK, WHITE)



GREENTOUCH
**X3 PLAYER**
(BLACK, WHITE)



**דערביי טוען מיר
אונטערשטרייכן אז דער
חותם איז נישט אויף קיין
שום סארט כלי בכלליות, נאר
יעדע כלי באזונדער דארך
אנטהאלטן דעם חותם מיט א
פערזענליכע (יוניק) ID נומער**

נאך פארשידענע כלים
וועלכע האבן ערהאלטן דעם
באשטעטיגונג, זענען
ערווארטעט צו ערשיינען
אינעם מארקעט אין די נאנטע
חדשים בע"ה, לטובת הציבור.

ויה"ר מיר זאלן קענען ווייטער מזכה זיין דעם ציבור מיט דעם פאראיינגטעטער
כח הרבים פון די קהילות קדושות, לתועלת והנאת כל הציבור.

## ועד הקהילות

זכרו
תורת מש"ה
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר • ש"ס • הלכה
קרית יואל

והפכתי אבלם לששון ונחמתים ושמחתים מיגונם

# כְּאִישׁ אֲשֶׁר אִמּוֹ תְּנַחֲמֶנּוּ כֵּן אָנֹכִי אֲנַחֶמְכֶם

נשגר כוס תנחומין מול האי גברא רבא ויקירא, הנודע לשם ולתפארה, עוטה כשלמה אורה, בשבח יקר ורבותא
ידיו רב לו, במעשיו הטובים ובנדבת לבבו בעוצם חילו, שכרו הרבה מאוד על פי פעלו, ככוכבי השמים לרוב
חיים שיש בו אהבת תורה, עושה גדולות ונפלאות להגדיל תורה ולהאדירה, מקים עולה של תורה, שבחו מי ימלל
ויהללוהו בשערים, תפארת גדולתו ומעשיו הכבירים, כולם אהובים כולם ברורים, כנחלה בלי מצרים, עד בלי די
סדרש תנחומ"א נביע, כנחל הנובע, באבלך הכבד בלב קרוע, בשם מאות לומדי החבורה אשר בצערך משתתפים

כבוד ידידינו המופלג והנאמן, הרבני הנגיד הנכבד, נודע במעשיו הטובים
בצדקה וחסד בדרכי ישרים, בר אוריין ובר אבהן, מאושר בנימוסין ולו יאה קילוסין,
אוהב את התורה, מחזיק את התורה, בחכמה פותח שערים, שמו הטוב מפארים

# מוה"ר אליעזר שניטצער הי"ו

מגדולי תומכי חבורתינו ומחשובי לומדי'
ובנדבתו זוכה ומזכה הרבים להוסיף ולהגביר חיילים לתורה, ועוד ידו נטויה, אשרי לו וחלקו

היושב בעמק הבכ"ה , אחר שהלקח ממנו אבידה גדולה ויקרה

## בפטירת אמו החשובה

נחמו נחמו בעת ישבו בעמק הבכ"א על פטירת אמו היקרה והחשובה,
אשה צנועה וחכמת לב, רבות בנות עשו חיל ואת עלית על כולנה, צדקה ומעשים טובים וישרים,
מנשים באהל תבורך, זכתה להקים דור ישרים לשם ולתפארה

## מרת מערל בת מוה"ר חיים יעקב שאול ע"ה

ששבקה חיים לכל חי, לדאבון לב כל משפחתה ומכירה

## והננו שולחים בזה את מיטב תנחומינו לכבודו ולכל המשפחה הכבודה שיחי'

וכשם כל אלפי חבורתינו לומדי התורה הק' הננו לברכו שלא יוסיף עוד לדאבה

תנחומינו ישעשעו את נפשו מעומק לבבינו, המקום ינחם אתכם, בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, שלא תוסיפו לדא־בה, וזכות צדקותי' ומעשי' הטובים והישרים עלי' עוררה, להיות נפשה בצרור החיים צרורה, קל שדי יתן לה רחמים, ות־זכה לרב טוב הצפון ומשכורה, ולא ישמע עוד שוד ושבר בגבוליכם, ששון ושמחה ישיגון ונסו יגון ואנחה, ויזכה להמשיך בפעליו הגדולים מתוך נחת ושמחה, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא, עד עת יעמוד הכהן לאורה, במהרה בימינו אמן.

כה דברי המנחמים בצער רב, שבורים ורצוצים באבידתו הגדולה, מכיריו ומוקיריו

## הנהלת חבורת זכרו תורת משה קרית יואל

CONG. YETEV LEV
SATMAR
KIRYAS JOEL

קהל יטב לב
סאטמאר
קרית יואל

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

5 Garfiled Road, Monroe, NY 10950 • T. 845.783.5688 F. 845.783.5699

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זי"ע • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בס"ד

# זמני התפלה לשבת קודש

## בבית המדרש הגדול

**בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א**

## שב"ק תצוה

## מנחה וקבלת שבת

## 45 מינוט אחר זמן הדלה"נ

**שבת אחים ליל שב"ק בשעה 10:30 בבידהמ"ד הגדול**

## שחרית

## 9:30 ברכות - הודו 9:45

## מנחה ורעוא דרעוין

## 45 מינוט אחר זמן הדלה"נ

**באסעס נאך שלש סעודות וועלן פארן פון שער אינזליכט צו שכונות ברך משה, ויואל משה, עצי תמרים**

שבת שלום ומבורך

**הנהלת הקהלה**

י. א. לעוו

# דמי חבר איז נישט קיין חובת ציבור

וועו רביה"ק שרייבט בכתי"ק:

**'אל יקל בעיניכם הדבר ויותר ממה שכתוב כאן יש בזה, אבל די לחכימא...'**

**'דער רבי האָט דאָס פאַרלאַנגט'.**

דאָס הערן מיר אָן אַ שיעור מאָל.

**'אויף דעם איז דער רבי געשטאַנען בתוקף. מ'קען אויף דעם נישט נאָכגעבן'.**

דאָס מיינט שוין עפעס טיפערס, דאָס מיינט מ'וועט נישט נאָכגעבן דערויף.

זיכער האָט ער געהאַט טעמים דערויף, און אויב האָט ער עס נישט מסביר געווען, איז עס מטעמים כמוסים, וואָס הצד השוה אַז מיר גייען נישט ח"ו אַוועקנייגן דערפון זאָל זיין וואָס ס'זאָל זיין. **אין סאַטמאַר האַלט מען אָן מסורת אבות**, מיט אַ שטאַרקייט. אין סאַטמאַר ווייסט מען, אַז **וועגן דעם בלייבן מיר ערליך, ווייל מיר האַלטן אָן אַלעס וואָס אונזערע עלטערן האָבן זיך געפירט.** און **מ'האַלט אָן אַלעס וואָס אונזער הייליגער רבי האָט פאַרלאַנגט.** מ'וועט אויף קיין פאַל נישט מותר זיין דערויף.

האָט שוין עמיצער אַמאָל אַריינגעטראַכט:

פאַרוואָס זענען מיר פון די ערליכסטע חסידות יראים ושלמים מיט'ן גאַנצן טראַגע? **פאַרוואָס זעט מען ווי די דורות שפינען זיך אַזוי ווייטער, ערליך און איידל, אַ זאַך וואָס מ'זעט ווייניג ווען מ'קוקט זיך אַרום?**

דאָס איז ווייל ביי אונז פאַרנעמט 'מסורת אבות' אַ הויפט-טייל אין אונזער לעבן. דאָס איז יסודות הדת, און מ'וועט זיך נישט אַוועקרוקן דערפון. ב"ה אַז סאַטמאַר קען דאָס זאָגן מיט אַ פולן מויל.

נישטאָ וואָס צו רעדן. ס'איז אַ מציאות. ס'איז כמעט נישט דאָ נאָך אַזאַ קהלה וואָס מ'זעט אין יאָר תשפ"ד אַז מ'האַלט זיך צו די יסודות ווי אַמאָל. די ערליכקייט און וואַרימקייט אָנצוהאַלטן דעם 'אַמאָל' שפינט זיך ווייטער.

געוויס פאַלן זאַכן מיט די ירידת הדורות. אָבער ווי כ"ק מרן רבינו שליט"א האָט אַמאָל געזאָגט ווען ס'איז אויסגעקומען צו רעדן וועגן ירידת הדורות: **מיר זענען אויפ'ן הונטערשטן וואַגאָן..**

מיר וועלן אפשר אָנקומען צו אַ ירידה, ליידער מחמת אורך הגלות, אָבער מיר זענען צום לעצט. מיר האַלטן זיך שטאַרק ביז מ'האָט שוין אויסגענוצט אַלע כוחות.

**

איינס פון די זאַכן וואָס מרן רביה"ק זי"ע האָט איינגעפירט און **'פאַרלאַנגט' בתוקף**, איז דאָס אַז 'יעדער יחיד' זאָל זיין אַ טייל פונעם קהלה, נישט נאָר דורך זיך צוזאַמהאַלטן אונטער איין שירעם - וואָס איז אויך וויכטיג - נאָר זאָגאַר זיין אַ טייל **'פינאַנציעל'** אין די קהלה.

**געבן איינמאָל אַ יאָר דמי חבר. איז אַ זאַך וואָס אונזער הייליגער רבי זי"ע איז געשטאַנען דערויף מיט אַ פאַרלאַנג און געגעבן זיין הוראה ברורה. ער האָט דאָס אַרויפגעלייגט אַלס אַ חיוב גמור.**

נישט איינמאָל און נישט צוויי מאָל. דאָס האָט ער שטענדיג געפאָדערט. דאָס איז געווען אַ דבר פשוט אַז דאָס איז עפעס וואָס 'יעדער' האַלט איין און האַלט זיך צום הוראה מפורשת.

און אַז אַ פסק פון רבי'ן איז ביי אונז טייער ווען ס'קומט זיך צוריקצוהאַלטן צו גיין באַזוכן מקומות אין ארה"ק.

אַז אַ פסק פון רבי'ן איז אונז הייליג ווען ס'קומט לענין צניעות.

אַז אַ פסק פון רבי'ן איז אונז אַ יסוד ביי לימודי תשב"ר, ביי אינגלעך, און מיידלעך.

אַז אַ פסק פון רבי'ן וועלן מיר זיך האַלטן דערצו אין יעדן הינזיכט אפי' ווען מ'קען ווען סאַך באַקוועמער זיין ווען מ'האַלט זיך נישט דערצו. דאָך וועלן מיר עס נישט טון. ווייל דער רבי האָט אַזוי נישט געוואָלט.

איז עס לעניניו די זעלבע:

**דער רבי האָט פאַרלאַנגט יעדער יחיד זאל געבן איינמאָל אַ יאָר דמי חבר פאר די קהלה.**

**איך וועל מיך האַלטן דערצו. איך וועל מקיים זיין דער הוראה מפורשת. ווייל אַ פסק פון רבי'ן איז ביי מיר הייליג און טייער.**

דאָס איז אפי' ווען מיר פאַרשטייען נישט 'פאַרוואָס' ער האָט אַזוי פאַרלאַנגט. איז דאָך זיכער, ווען מ'קען עטוואָס באַגרייפן פאַרוואָס דער רבי איז אַזוי געשטאַנען בתקפו דערויף, וועלן מיר נישט זיין קלוגער צו טראַכטן ח"ו אַז דאָס מיינט נישט מיך.

**איז פאַרוואָס טאַקע האָט רביה"ק זי"ע אַזוי איינמאָל און נאָכאַמאָל גע'פסק'עט און 'פאַרלאַנגט' פון יעדן יחיד צו געבן דמי חבר פאר די קהלה?**

**

העכער 50 יאר צוריק האט דאָס פאַסירט, אין שטאָט סאון-פאולו אין בראַזיל, ווען דער בריוו'ל איז אנגעקומען...

מה' מצעדי גבר כוננו, נאָכ'ן ביטער'ן חורבן האָבן זיך באַזעצט אין סאון-פאולו א קבוצה פון היימישע אידן, וועלכע האבן געזוכט צו אנטלויפן פון אייראָפע, און היות עס איז געווען זייער שווער אנצוקומען קיין אַמעריקע, האבן א גרופע אידן פרובירט זייער עיר מקלט אין בראַזיל, וואו זיי האבן אויפגעשטעלט זייערע שטיבער על דרך ישראל סבא.

נו, א היימישער ערליכער ישוב דארף אן ערליכער רב ומורה דרך. האבן זיי אויפגענומען דעם גאון וצדיק רבי אלימלך אשכנזי זצ"ל (שפעטערדיגער גאב"ד מעלבורן וממייסדי ישיבת 'יטב לב' בירושלים עיה"ק), וועלכער איז געווען דער אב"ד נאמן פאר די גאנצע קהילה.

אין יאר תשכ"ו האט הגה"צ רבי אלימלך זצ"ל אינאיינעם מיט הנגיד המרומם רבי משולם פייש מאשקאוויטש ז"ל - פון די געטרייע לייבן פון רבינו הקוה"ט זי"ע - באזוכט בביתו נאוה קודש פונעם רבי'ן זי"ע אין אמעריקע.

דער רבי האט זיך פאראינטערעסירט איבער די אנטוויקלונגען פון די קהילה אין סאון-פאולו, און אנגעפרעגט צי דער ציבור איז ריכטיג נושא בעול,

**אָט האָבן מיר עס אַרויס. קריסטאַל קלאָר. אָט דערפאַר איז סאַטמאַר אַ יחיד במינה ווען מ'קוקט אויף ערליכקייט און איידלקייט. ווייל יעדער יחיד האָט זיך אַלע יאָרן געהאַלטן צוזאַמען אונטער איין שירעם, מ'האָט באַלאַנגט צו די אייגענע קהלה, אָט דערפאַר האָט מען זיך נישט אַוועקגערוקט ממסורת אבות.**

צי מ'איז זיך מאחד צו שטיצן די קהילה, צו מ'קויפט בלויז די אייגענע פלייש-געשעפט, אדער אפשר פעלט אביסל התעוררות אין די הינזיכטן.

דער רבי האט פארשטאנען פונעם שמועס אז דער ארטיגער ציבור נויטיגט זיך אין אביסל התעוררות, האט דער רבי זי"ע מחליט געווען אפצושרייבן א ספעציעלן מכתב קודש געווענדן צו תושבי סאון-פאולו אין בראזיל.

אינעם היסטארישן בריוו ווענדט זיך דער רבי צו די חברי הקהילה אין ווייטן סאון-פאולו, בראזיל, און בעט זיך צו זיי:

**"שתשימו כל אחד ואחד לבבכם להטות שכם אחד לישא בעול הקהילה כראוי!..., כל אחד ואחד יקבל עליו האחריות להיות חבר נאמן לישא עול."**

**"אל יקל בעיניכם הדבר!"** - פאדערט רביה"ק זי"ע ווייטער פונעם ציבור אין בראזיל - **"ויותר ממה שכתוב כאן יש בזה, אבל די לחכימא..."** ביז אהער פונעם רבינ'ס בריוו.

זעט בייגעלייגט אויסשניט פונעם היסטארישן מכת"ק.

**

אחים ורעים!

באמת קען מען ענדיגן דאָ. מ'דארף מער נישט קיין הסברים, פירושים, טעמים, און פאָרש-ארבעט, ווען און פארוואס און וויאזוי ס'איז ארויסגעקומען אזא הוראה פון רבי'ן, נאכדערצו געשריבן בכתב יד קדשו. פאר אונז איז דאס פונקט גענוג שלא להרהר אחרי רבו, און וויסן וויאזוי מיר דארפן זיך צו פירן, און איינהאלטן דעם **'אל יקל בעיניכם הדבר'** וואס דער רבי האט אַזוי פאַרלאַנגט פון **'כל אחד ואחד'.**

אָבער וויאזוי האט רביה"ק זי"ע צוגעענדיגט זיינע הייליגע ווערטער? **ודי לחכימא...**

יא! מיר פארשטייען אויפ'ן וואונק...

ס'איז גאַנץ אַ שאַרף לשון: **'אל יקל בעיניכם הדבר'.**

אָבער די הייליגע ווערטער האט דער רבי געשריבן בכתב יד קדשו. וויסענדיג אז אויב וויל מען זיך האלטן ערליך, אפגעהיטן, און אפגעזונדערט, איז בלויז פארהאן איין עצה: **להיות חבר נאמן!**

אויב ווילסטו ריכטיג זיך פירן בדרך התורה, און מגדל זיין זיינע קינדער אויפ'ן זעלבן שטייגער, דארף זיין: **'אל יקל בעיניכם הדבר'** נאָר **'יקבל עליו האחריות!**

אויב וויל מען זוכה זיין צו אן ערליכן דור ישרים יבורך - קיין דיפערענץ וואו אימער איבער דער גארער וועלט - איז דא בלויז איין לעזונג: **לישא בעול הקהילה!**

**אָט דערפאַר האָט דאָס רביה"ק פאַרלאַנגט פון יעדן יחיד, תיכף נאכ'ן קומען קיין אַמעריקע, און דורכאויס אַלע יאָרן בימי חייו:**

**זיין אַ חבר הקהלה מיט'ן פולסטן אחריות. פינאַנציעל.**

ווייל ער האָט געהאַט אַ ווייטן בליק. ער האָט געוויסט אַז אָן דעם איז דאָ גרויסע שאַנסן צו פאַלן גאָר אַסאַך.

**ווייל אַז מ'צאָלט, געהערט מען צו די קהלה.** אַז מ'צאָלט נישט, געהערט מען נישט. אַז מ'דרייט זיך אַרויס, פאַלט מען אַרויס.

* *

אויב האט דער רבי דאס געשריבן פאר אידן אין **ווייטן סאון-פאולו, בראזיל**, איז על אחת כמה וכמה פארשטענדליך פאר אונז, **תלמידיו וחסידיו, בני וחברי קהלתינו הקדושה**, צו וויסן און געדענקען אז **דאס איז דער יסוד און שליסל צו אַן ערליכע קהילה, אַן ערליכע אידישע שטוב, און ערליכע 'אידישע היימישע דורות' על דרך ישראל סבא.**

**ווי מיר זעען איז דאָס נישט דייקא נוגע 'סאַטמאַר'.** דאָס איז עפעס וואס יעדער איד בכל מקום שהוא דארף דאס טון אין די קהלה וואו ער באַלאַנגט.

ווען דער רבי האט געוואלט **באַפעסטיגן 'אידישקייט' אין סאון-פאולאו** - וואָס האָט בכלל נישט געהאַט מיט סאַטמאַר - האט ער געשריבן מיט אויסטערלישע לשונות **'מ'זאל געבן דמי חבר'.** ווייל ווען אידן האבן אַ פאראייניגטע אחריות פאר די קהלה, דאס באַפעסטיגט אידישקייט.

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר באַלאַנגען אין די סאטמארער קהלה, וואס טראגט דעם רבי'נס חותם, און דערמיט פארמאגן מיר דעם חותם פונעם צדיק הדורות וואס האט אוועקגעשטעלט אידישקייט על אדמת אמעריקע. און דער וועג איז געווען אויף מסורת אבות נישט משנה זיין. און **איינס פון די זאכן נישט צו משנה זיין איז טאקע צו געבן דמי חבר פאר די קהלה.**

ווייל אויב ווילן מיר זיך קענען האלטן ערליך, אפגעהיטן, און אפגעזונדערט, איז בלויז פארהאן איין עצה:

**לישא בעול הקהילה!**

אויב ווילן מיר ווייטער קענען ממשיך זיין זיך צו פירן בדרך אבותינו ורבותינו הק' בלי שינוי, און מגדל זיין אונזערע קינדער אויפ'ן זעלבן הייליגן שטייגער, דארף זיין:

**אל יקל בעיניכם הדבר נאָר יקבל עליו האחריות!**

דער שליסל און יסוד אן ערליכער דור ישרים יבורך איז קריסטאל קלאר:

**להיות חבר נאמן!**

נישט אומזיסט האָט דאָס רביה"ק אַלעמאָל פאַרלאַנגט בתוקף עוז. דאָס איז געליגן אויף זיין הייליג קאָפ, דאָס האָט ער אויסדריקליך פאַרלאַנגט.

**אַ הוראה ברורה ליד ולדורות:**

**יעדר יחיד מוז זיין אַ טייל פונעם קהלה. וויאַזוי?**

**דורך זיין אַ 'נושא בעול'. איינצאָלן דמי חבר.**

און יאָ, ווען מ'זאָגט **'קהלה'** מיינט דאָס דער **'יחיד'** וואָס איז אַ **'טייל' פונעם קהלה.**

ווייל די קהלה האָט נישט קיין שום כח אויפצוטון

למענינו, ווען דאָס האָט נישט די כח פון יעדן יחיד.

ווייל ווער איז די קהלה? ווער איז דער כח וואס האלט אויף אזעלכע ריזיגע אפאראטן, פראיעקטן, און אונטערנעמונגען וואָס איז דער עקזיסטענץ פון אונזער רוחניות?

דאָס איז געוויס דער ציבור! - יא, **יעדער יחיד באזונדער איז א חלק פון די קהלה. אינאיינעם ווערט געשאפן דער גרויסער כח וואס קען אויפטון גדולות ונצורות. און דעריבער פעלט זיך אויס דער פאראייניגונג פונעם גאנצן ציבור יחידים, צו קענען ווערן א 'כח הרבים' צוצושטעלן די אלע געברויכן פון תורה ויהדות פון יעדן יחיד.**

אין דער חיוב ליגט אויך דער פשוטער חלק, אַז מ'מוז געבן דמי חבר, ווייל אַז נישט וועט דער קהלה נישט קענען אָנגיין. אָן יעדן יחיד'ס דמי חבר איז מען נישט אָנגעקומען ביז אַהער מיט די אַלע פעולות, און מ'קען נישט גיין ווייטער צו אויסהאַלטן דאָס אַלעס וואָס די קהלה נעמט אַריין.

און אז מ'קען נישט אנגיין מיט די פעולות באדייט דאס אז א קהלה איז נישט פארהאן. **דער קהלה איז דער עקזיסטענץ פון יעדן יחיד. און דער עקזיסטענץ קען נאָר פאראויסגיין אויב מ'גיט דמי חבר.**

**

אַז מיר פארשטייען שוין דער 'חיוב' מכח יהדות צו זיין אַ נושא בעול אין די קהלה, באַגרייפט מען שוין אַז נישט אומזיסט האָט מרן **רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע געשריבן** זיין מכתב לגבי דמי **חבר:**

**"דבר שפתים אך למותר להאריך בגודל החיוב המוטל על כל אנשי שלומינו, להיות חבר בקהלתינו הק' וביותר הדבר נחוץ מאוד בדורינו."**

ס'טייטשט אַזוי:

געבן דמי חבר איז אַ 'חיוב'. און אַ **'גודל החיוב'**. ווען מיר קומען פון פריער, באַגרייפט מען שוין **פאַרוואָס דאָס איז אַזאַ חיוב**, און דערפאַר פירט ער טאַקע אויס: 'וביותר הדבר נחוץ מאוד **בדורינו'.**

ווייל דאָס האָט מיט אידישקייט. דאָס איז **אַ חיוב אין יהדות** פאר אונזער עקזיסטענץ. דעריבער וויבאַלד היינט צוטאָגס איז דאָ אַ שרעקליכע ירידה, דאַרף מען מער אָנהאַלטן דעם יסוד וואָס האַלט צוריק צו אַריינפאַלן אינעם ירידה.

**אָט דערפאַר איז 'בדורינו' 'נחוץ מאוד' צו זיין אַ חבר בקהלתינו.**

**

אַריבער צום פרטיות'דיגן מכתב וואָס מנהיג עדתינו **כ"ק מרן רבינו שליט"א** האָט געשריבן דירעקט פאר אנ"ש תושבי קרית יואל, וואָס דערפון האָבן מיר אַרויס קלאָר און דייטליך דאָס אַלעס וואָס מיר האָבן אויסגעשמועסט ביז אַהער.

לאָמיר ציטירן די ווערטער, קודם אַ באַגריף פאַרוואָס בכלל רביה"ק האָט געגרינדעט זיין קהלת סאַטמאַר אין אַמעריקע:

## כד.

## לחיזוק הקהלה אשר בסאן פאולו

ב"ה

שלו' וכט"ס אל כבוד הבע"ב החשובים נגידים וקצינים חסידים ואנשי מעשה בק"ק ס. פאולא בראזיל יצ"ו.

אחדשה"ט באה"ר, היות כי איקלע לאתרן כבוד ידידי ש"ב הרב הגאב"ד דקהילתכם שליט"א[א] עם כבוד ידידי הרבני הנגיד הקצין המפורסם במדות ובמעשים טובים כש"ת מוה"ר משולם פייש מאשקאוויטש נ"י[ב] ודברתי עמם מעניני קהילתכם דברים העומדים על הפרק והבנתי כי אתם צריכים חיזוק ותשומת לב, שתשימו באו"א לבבכם להטות שכם אחד לישא בעול הקהלה בראוי למען כבוד השי"ת ותורתו הקדושה, והנה תלי"ת יש במקומכם קיבוץ נאה מבע"ב חשובים שומרי תורה ומצות ויראי ה' וביכחכם להיות קהלה נאה ומפוארה לשם ולתפארת, אבל דא עקא שחסר תשומת לב להתחבר ולהתאחד בעניני וצרכי הקהלה כאשר הי' במדינותינו, וגם עכשיו בכמה מקומות שנאספו שמה משארית הפליטה אשר השי"ת ברוב רחמיו הותיר לנו שריד ופליט להמשיך דרך התורה וגבול הקדושה, גם בעניני הכשרות שבמקולין אשר מלבד השגחת הרב אב"ד על זה, צריך להיות שני שוב"ים כאשר הוא מתקנת קדמונינו ז"ל[ג] בערך קהלה שבמותכם, ועוד הרבה ענינים הצריכים לקהילה קדושה בעירכם אשר א"א לפורטם על הכתב כי רבים המה, ובדרך כלל אתם צריכים להתעוררות שבאו"א יקבל עליו האחריות להיות חבר נאמן לישא עול בממון ובגוף ובלב ונפש לעשות יסוד חזק לחיזוק הקהילה לכל הדברים הנצרכים למען חיזוק התוה"ק, ואיש את רעהו יעזורו ואז בוודאי תצליחו להיות לשם ולתפארת לכבוד השי"ת והתוה"ק, ולא לחנם בחר השי"ת בשארית הפליטה לשלוח אותנו למקומות רחוקות ומפוזרות כי אם כדי לקבוע בכל אלה המקומות מקום תורה וקדושה כראוי כמו שאמרו חז"ל שבן יהי' פרם ביאת משיח צדקינו, ובזה נזכה לגאולה קרובה בב"א.

ע"כ אל יקל בעיניכם הדבר ויותר ממה שכתוב כאן יש בזה כי א"א לפרוט הכל על הכתב אבל די לחכימא, ואקוה שתשימו לבבכם לכל אלה הדברים, ויהי' השי"ת בעוזריכם שתשכילו ותצליחו במעשיכם ברוחניות ובגשמיות.

א"ד הדו"ש טובתכם והצלחתכם באה"ר כה"י, כו"ח למען כבוד השי"ת ותורתו הקדושה מחכה לישועה קרובה בב"א.

היום ג' לסדר כי ברוך הוא, התשכ"ו, פה ברוקלין יצ"ו.

הק' יואל טייטלבוים

---

א. הי' הרה"ג החסיד ר' אלימלך אשכנזי ש"ב של רבינו, וממייסדי ישיבת "יטב לב" בעיה"ק ת"ו, כעת הוא הגאב"ד בעי"ת מעלבורן אשר באוסטראליא.

ב. הנגיד המפורסם ר' פייש מאשקאוויטש נמנה בין חסידיו הראשונים של רבינו שהיו קשורים אליו רבות בשנים, ותמיד הי' מראשי התומכים של רבינו בהקמת מוסדות תורה וחסד.

ג. עי' בשמלה חדשה סימן י"ח סעיף כ' וז"ל וראיתי במקומות החרדים לדבר ה' ממנים שנים שוחטים השנים מן האחד ואיש את רעהו יעזורו ויזהירו וכו', וכמ' מעשה רב כתב שהגר"א מווילנא ז"ל אמר שמוטב לאכול מאכלי חלב בשבת מלאכול משחיטה שלא הי' אחר עומד ע"ג השוחט.

---

"הן כבר נודע למכביר פעולות צדיק לחיים, איתן אדונינו מרן דו"ז רבינו הקדוש זי"ע, אשר נטע על אדמת אמעריקע נטועי קהלתו הק', קהל יטב לב סאטמאר, **להיות למגן ועוגן הצלה למען דורות העתידים בצוק העיתים הקשים".**

און דערנאָך שרייבט מרן רבינו שליט"א איבער דער הוראה און חיוב וואָס מרן רביה"ק זי"ע האָט 'פאַרלאַנגט' פון 'יעדן יחיד', ווייל אין דעם איז תלוי זיין עקזיסטענץ און יסוד ברוחניות:

**"וברצון קדשו השתדל ופעל שכל אנשי שלומו,** תלמידיו וחסידיו, **יתאחדו ויתאגדו בתוככי** מסגרת **הקהלה,** בראותו בעיניו הבדולחים **אשר רק כח הרבים וזכות הקהלה, הוא הוא הערובה היחידה שנוכל בעז"ה לגדל צאצאינו ולהתקיים על דרך ישראל סבא בדרא בתראה הדין".**

פשוט פשט:

נאָר מיט אַ כח פון אַ רבים. נאָר דורכ'ן זיין אָנגעשלאָסן אין די קהלה איז דאָס **'דער איינציגסטער פאַרזיכערונג'** - הערובה היחידה **- צו קענען מגדל זיין אונזערע קינדער, און פאר זיך אַליין צו קענען אָנגיין, על דרך ישראל סבא אין אונזער דור.**

**'ברצון קדשו השתדל ופעל'.** רביה"ק האָט **'פאַראַרבעט' 'שכל אנשי שלומו'** יתאחדו ויתאגדו בתוככי מסגרת הקהלה. **רביה"ק האט געהאַט גענוג אין זיין עבודת היום, אָבער אויף דעם האָט ער 'השתדל ופעל' געווען.**

מיר ווייסן שוין אצינד פארוואס: **קיום הדורות.**

ווייל 'דמי חבר' איז נישט ווי געבן צדקה פאַר אַן 'אָרגאַניזאַציע'. **ס'איז אַ חיוב מכח 'אידישקייט'.** ווייל נאָר אַזוי קען מען אָנהאַלטן דעם ערליכן סטאַטוס און המשכת הדורות, אויף וואָס יעדער ביי זיך שטרעבט.

אַז איר ווילט נישט אייערע דורות זאָלן ח"ו גיין מטה מטה. אויף דעם איז דאָ קודם כל די ערשטע זאַך:

געהערן צום קהלה. **אַז מ'צאָלט דמי חבר געהערט מען דערצו.** אַז דער זון זעט וואָס זיין טאַטע שטרעבט, וועט ער ווייטער ציען דאָס צו אָנהאַלטן בס"ד.

**

אַצינד קען מען ריכטיג אָפלערנען צו פאַרשטיין די ווערטער וואָס דער איש על העדה, כבוד הגה"צ דער רב שליט"א האָט געשריבן צו אנשי שלומו, שומעי לקחו, תושבי העיר, צום היי-יעריגן "דיוס קאַמפיין":

"ובכן דבר שפתים אך למותר **בגודל החיוב** המוטל **על כל אחד ואחד**

מבני הקהלה **להיות נמנה** בתור **חבר הקהלה, כפי אשר יושת ע״י מרן רבינו הקדוש זי״ע שחיובא רמיא על כל חברי הקהלה להחזיק קופת הקהלה בדמי חבר מדי שנה בשנה**. ובעלי היכולת יוסיפו כיד ה׳ הטובה עליהם״.

צום ערשט גייט דער רב שליט״א איבער דער **׳גודל החיוב׳ ׳על כל אחד ואחד׳** וואָס מרן רבינו הקדוש זי״ע האָט אַרויפגעלייגט אַז **׳חיובא רמיא׳ ׳על כל חברי הקהלה׳** צו זיין אַ טייל אין **׳דמי חבר׳ ׳מדי שנה בשנה׳.**

און ווי מיר באַגרייפן שוין יעצט פשט פונעם גודל החיוב, אַז דאָס האָט בעצם מיט קיום היהדות, ברענגט דאָס דער רב אַרויס בנועם לשונו:

״ובכח הרבים ובכח האחדות נוכל בעז״ה **להחזיק מעמד ולגדל צאצאינו ודורותינו על דרך ישראל סבא בלי שום שינוי מאבותינו ורבותינו** הק׳ נבג״מ״.

וואָס דאַרפן מיר מער צולייגן. אַז יעדער יחיד צאָלט זיין דמי חבר, ווערט דאָס אַ הייליגער כח הרבים, וואָס דאָס איז אַ דירעקטע **׳מיטל׳** בסייעתא דשמיא, **זיך צו דערהאַלטן אינעם ביטער׳ן גאַס** וואָס ציעט צו שלעכטס. **ס׳איז פאַר אונז און פאַר אונזערע קינדער.**

**׳לגדל צאצאינו ודורותינו על דרך ישראל סבא בלי שום שינוי׳. וויאַזוי?** ווייל דער טאַטע, האָט אויסגעפירט זיין ׳חיוב׳ פון דמי חבר.

וואָס ווי געשמועסט, איז דאָס דער ווייטער בליק וואָס אונזער הייליגער רבי זי״ע האָט געזען, אַז אַזוי, און נאָר אַזוי, קען מען זיין פאַרזיכערט צו האַלטן די דורות ווייטער ׳בלי שום שינוי׳.

**

און בכלל איז דאָס א הלכה מפורשת אין שו״ע חו״מ סימן קס״ג, וואָס דער טור און מחבר פסק׳ענן קלאָר און דייטליך אַז **מ׳קען צווינגען אַלע בני הקהלה, אַז זיי מוזן צושטייער געבן פאַר די צרכי הקהלה.** אפי׳ אַזאַ איינער וואָס איז נישט נהנה טאָג-טעגליך, מוז ער מיט דעם אַלעם געבן פאַר צרכי הקהלה, כ״ש וכ״ש ווען מ׳איז דאָך נהנה יעדן איינציגסטן פון די צרכי הקהלה, מ׳קען דאָך נאר אָנגיין ברוחניות ובגשמיות נאר צוליב די צרכי הקהלה וואָס די קהלה שטעלט אַהער פאַר אייך און אייערע קינדער, איז זיכער אַז דאָס איז אַ חיוב מדינא דשו״ע אַז מ׳מוז זיין אַ טייל דערין פינאַנציעל.

דער רמ״א לייגט צו:

**״כל צרכי העיר, אע״פ שמקצתן אינן צריכין, כגון בית חתנות או מקוה וכדומה, אפילו הכי צריכין ליתן חלקו״.**

אַ הלכה אין שו״ע וואָס קיינער איז נישט חולק דערויף.

צריכין ליתן חלקו. יעדער יחיד איז מחיוב צו געבן זיין חלק.

**הגה״צ דומ״ץ שליט״א פסק׳נט אַזוי מפורשת, מיט אַ פסק ברור** (יום ה׳ לסדר ואתה תחזה מכל העם אנשי חיל תשפ״ב):

״ומלבד גודל הזכותים הכבירים שיש בהחזקת הקהלה, **הלא יש בזה גם חובה מצד הדין, וכמבואר באורך בטושו״ע חושן משפט סי׳ קס״ג בכל הסימן, שלכל צורכי ציבור אף כופין לכל אחד לשלם חלקו,** ועי׳ שם בדברי הרמ״א סוף סעיף ג׳ שפסק להלכה **״כל צרכי העיר, אע״פ שמקצתן אינן צריכין, כגון בית חתנות או מקוה וכדומה, אפילו הכי צריכין ליתן חלקן״.**

און דער דיין שליט״א לייגט צו אַ פסק אויסגעבויעט פון די פוסקים, אַז **דער וואָס קען זיך ערלויבן, מוז ער מדינא אַרויפגיין צו געבן לויט זיינע מעגליכקייטן:**

״וברם דא צריך להודיע **שמצד הלכה יש התחייבות נוספת על כי מי שחננו ה׳ בנכסים, ליתן כפי ברכת ה׳ אשר נתן לו.״**

און ברענגט אַראָפ די פוסקים נאָכצוגיין די מקור ההלכה:

״ועי׳ שם ברמ״א שכתב כן לגבי **כמה צורכי ציבור שגובין לפי ממון.** וכבר פסק המגן אברהם להדיא בשו״ע או״ח (סי׳ נ״נ סקכ״ו) וז״ל: **וכל מה שהוא תקנת הצבור ונעשית ע״י ממון נותנים לפי ממון** עי׳ שם מדברי הלבוש, ועי׳ במחצית השקל שמבאר דברי המג״א ליישב דברי הרמ״א שם באו״ח שכתב לגבי ש״ץ שגובין חצי לפי הממון וחצי לפי הנפשות, שבחו״מ הוא לפי עיקר הדין שהכל הוא לפי ממון, ובאו״ח הוא לפי מנהג מקומו לגבי ש״ץ. ועי׳ גם בפרמ״ג. וכן כתב גם בספר אלי׳ רבה שם״.

דער דיין איז זיין פסק הלכה פירט אויס מיט אַ מורא׳דיגע תשובה פון הייליגן חתם סופר, מיר וועלן עס ציטירן וואָרט ביי וואָרט:

״וגם יש לציין לשון מרן החת״ס בתשובה א״ח ס׳ ר״ו וז״ל וכיון דבני העיר כופין זא״ז לקבל רב ממילא **כולם צריכים ליתן לזה כפי ערכם ושומת הקהל עליה.**

**ואין אחד יכול לומר אני איני צריך לרב ולשום הוראה וזה אינו טענה, מ״מ צריכין לישא בעול עם הציבור.**

ועי׳ עוד מה שכתב בסימן קצ״ג לגבי להשתמש בצורכי הקהלה בלי לשלם וז״ל: **ולעומת זה אין להם שום זכות וכו׳ ליהנות מהשותפים לא מביהכ״נ ומקוה ואפילו לא מחצר קברות כי כל זה שייך להשותפים והרי זה גוזל מהשותפים** וכו׳ עיי״ש ואכמ״ל בבירור הלכה, כי בכל אופן הדבר פשוט לכל הפוסקים שאף במקום שאין כופין על זה, **איתנייהו ביה חובת גברא שמי שביכולתו יקח חלק נכבד ביותר בהחזקת צורכי ציבור**, וכבר אמרו חכמינו ז״ל במס׳ כתובות (דף ס״ז עמוד א׳) ״לפום גמלא שיחנא״, **שבכל ענין שיש בו משום צדקה צריכין ליתן כפי היכולת״.**

**

**אָט האָבן מיר עס אַרויס. קריסטאַל קלאָר.**

אָט דערפאַר איז סאַטמאַר אַ יחיד במינה ווען מ׳קוקט אויף ערליכקייט און איידלקייט. ווייל יעדער יחיד האָט זיך אַלע יאָרן געהאַלטן צוזאַמען אונטער איין שירעם, מ׳האָט באַלאַנגט צו די אייגענע קהלה, אָט דערפאַר האָט מען זיך נישט אַוועקגערוקט ממסורת אבות.

דאָס האָט געטראָגן דער הויפט-שליסל צו וואָס אונזער קהלה איז אַזוי באַרימט מיט איר אָריגינעלקייט און ריינקייט. ווייל **הגם דמי חבר נוגע אין יעדע קהלה, אבער הוא אשר דיברנו אין אנהייב, איבעראל איז עס ׳נוגע׳. אבער אין סאַטמאַר ׳האלט מען זיך׳.**

**ווייל מ׳האלט זיך צו הוראת רביה״ק. אט דערפאר האבן מיר בעז״ה איידעלע ערליכע דורות, וואס איז נישט פארהאן ערגעץ אנדערש.**

אָט דערפאַר גייען מיר ווייטער אָן עד היום הזה אַזוי לעכטיג און ערליך. וואָס איז נישט בנמצא ביי קיין שום אַנדערע קהלה. אַזויפיל אלפים ורבבות משפחות. אָבער אַלעס האַלט זיך ערליך און פרום. מ׳וויל אָנהאַלטן דעם ׳אַמאָל׳. מ׳וויל בלייבן מיט׳ן סאַטמאַרער ׳פלעק׳.

**אַצינד פארשטייען מיר שוין אַז ׳דמי חבר איז אַ ׳חובת יחיד׳.**

ס׳איז נישט אַז כדי צו געווינען אַ גורל מוז מען צאָלן פאר די **אָרגאַניזאַציע וואָס הייסט ׳קהל׳.**

ס׳איז נישט אַז כדי צו האָבן אַ זכות אין אַלעס וואָס גייט אַרויס פון קהל, דאַרף מען צאָלן מעמבערשיפ. (וואָס דאָס איז גראַדע אויך גאַנץ אַ שטאַרקע טעם צו געבן די דמי חבר).

אויך נישט צוליב די גשמיות׳דיגע בענעפיטן וואס מ׳פאַרדינט. (וואס דאס לוינט זיך סתם פראַקטיש אויסצוצאלן דעם דיוס).

ניין. בכלל נישט.

ס׳איז אַ פשוט׳ער התחייבות. **אַ ׳חובת יחיד׳ וואָס מ׳האָט אַלע יאָרן אָנגעהאַלטן. ווייל דאָס מיינט ׳האַלטן אידישקייט׳.**

**אַזוי האָט אונזער הייליגער רבי פאַרלאַנגט, פון יעדן יחיד. און צו דעם גייען מיר זיך האַלטן.**

און נישט פאַרגעסן: אַז ׳יעדער יחיד׳ דאַרף געבן דעם דמי חבר. ווייל אָן דעם קען קהל גאָרנישט טון. אָן דעם איז נישטאָ קיין שום פעולה וואָס פאַרלאַנגט זיך פאר יעדנ׳ס קיום, און הנאה, ברוחניות, ובגשמיות. פשוט ווייל אָן געלט קען מען זיך נישט אַ ריר געבן.

איז אַצינד, אַז איר טרעפט איינעם וואָס באַגרייפט נישט וואָס דאָס מיינט, האָט איר רעכט אים פאָרצוהאַלטן:

**איר צאָלט נישט דמי חבר? דאָס איז אַ חיוב! און יאָ, אין דעם איז תלוי אונזער עקזיסטענץ!**

איר האָט די אחריות אים צו מסביר זיין אָט דאָס אַלעס וואָס איר האָט דאָ געליינט.

סיי בכלל וועגן די הלכה מפורשת אין שו״ע אין חו״מ, אַז מ׳קען צווינגען אַלע בני הקהלה, אַז זיי מוזן צושטייער געבן פאַר די צרכי הקהלה.

און סיי וועגן די טיפע באַדייט פון דער חיוב מפורשת וואָס רביה״ק זי״ע האָט פאַרלאַנגט בתוקף.

**דמי חבר איז נישט קיין חובת ציבור. דאָס איז א חובת יחיד!**

**

**שכן חובת כל יחיד!**

# זעלטענע אַנטשלאָסנקייט למען קיום ק"ק קרית יואל שפּראָצט אַרויס מיט שענסטע קאָלירן ביים אָנהייב היי-יעריגן "דיוס קאַמפּיין"

## קרית יואל'ס באַרימטע וואַרימקייט שטאַרט אַרויס ווען 10 משמשי בתי מדרשות דקהל יטב לב נעמען אויף 'יעדן יחיד' מחברי הקהלה וועלכע זענען מאליו יקרא אויסצוצאָלן 'התחייבות דמי חבר'

מחזה הוד והדר! האַלב ציל דערגרייכט מיט בלויז איין וואָך אַריין אין קאַמפּיין!

## באַרימטע ברען להעמיד קהלתינו על תילה ווייזט זיך אַרויס ווען 150 חברי הקהלה ווערן געקרוינט 'מרצונם הטוב' אַלס חברי זהב וכסף

**באַגרייפנדיג שווערער מצב וואָס דריקט אויף הנהלת הקהלה נאָך האַרציגע פּערזענליכע בריוו פון מזכיר הקהלה איפּדעקנדיג קהל'ס קעמערלעך פונעם טעגליכע בודזשעט אויסצוהאלטן אַלע פּעולות אדירים וכבירים**

קוים וואָס דער היי-יאריגער "דיוס קאַמפּיין" איז אַרויס אין וועג האָט זיך שוין פאַרווירקליכט דער הבערה ללהב יצאת און הונדערטער אנ"ש האָבן שוין בפועל ממש זיך אָנגעשלאָסן, מיט א גוטמוטקייט, מיט אַ ברען און געפיל, באהבה ורצון, ווייל מ'איז צוגעבינדן צו די קהלה, מ'איז מכיר טובה די ראשי קהלה, מ'וויל זען דעם ווייטערדיגן בליה פון די קהלה, און מ'שפּירט גליקליך אַז מ'קען נעמען אַ חלק, און אויסשרייען דעם חבר אני לכל אשר יראוך.

אָט דער טרם יקרא'דיגער געטריישאַפט, וואס דאס אַליין שרייט דאך ארויס פון זיך אליין, דאָס זעלבסט גיט דעם שטופּ, און אומגעהויערן חיזוק, פאר די הנהלת הקהלה וראשי', זעענדיג ווידעראַמאָל די באַרימטע וואַרימקייט פון יעדן יחיד למען קיום הקהלה.

ס'שטאַרט אַרויס אַז דער ציבור אַנערקענט און באַגרייפט, צו האָבן די גרעסטע מאָס הכרת הטוב פאר אַלע פּעולות אדירים, וואָס ס'איז נישט שייך אפי' צו אַרויסהייבן יעדע פעולה באַזונדער, בעת וואָס אַזויפיל פרישע בתי מדרשים זענען געעפענט געווארן במשך דעם פארלאפענעם יאר, ווען יעדעס ביהמ"ד פאר זיך איז ב"ה אזוי הערליך מצליח, אלס לייכט-טורעם פאר אנשי שלומינו חברי קהלתינו הק', און אַלע אַנדערע פּעולות אדירות וואָס איז היי-יאָר געטון געווארן להרחיב גבולי הקדושה, און די מיליאָנען וואָס האבן זיך געגאָסן דערפאַר.

### כמים פנים אל פנים כן לב קרית יואל לקהלתינו הקדושה!

ווי די אלפים תושבי עירנו וגלילותי' האַלטן מיט לעבעדיג איז קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל אויסגעשטיגן היינט אַ מעכטיגע אימפּעריע, מיט א ריזיגע פאַרצווייגטע טעגליכע ווירטשאַפט, מיט צענדליגער צוגעקומענע חלקים, בתי מדרשים, ריזיגע אונטערנעמונגען, וואָס מוזן אָנגיין מדי יום ביומו. מ'מוז היינט אויפהאלטן א ברייטע אָפיס מיט שטאַב, ענערגישע אינגעלייט, העומדים על הפקודים, וועלכע זענען ממונה צו באַגלייטן אַלע פּראָיעקטן פון קהל א.א.וו. און יעדער פאַרשטייט, אַז אין אַזאַ מצב ליגט א דאפּעלטער פליכט און אחריות אַז "מען מוז" מרומם זיין פּי כמה וכמה.

ס'איז קלאָר און יעדער פאַרשטייט אַז די קהלה איז געבויעט אויף טויזנטער יחידים, און מ'דאַרף האבן יעדן איינציגסטן חבר הקהלה אז דאס בילד זאָל זיין בשלימות, אַז מ'זאָל קענען אָנגיין סיי מיט די הוה צו דעקן די שווערן בודזשעט, און סיי צו קענען ווייטער און נאָכמער אויפטון בעתיד אויף אַ ריי פּעולות וואָס וואַרטן פּשוט אויף די דעקונג.

ס'איז קלאָר פאר יעדן אַז אַלעס וואָס מ'רעדט במשך דעם גאַנצן יאָר, אַלעס וואָס מ'טוט פאַר'ן ציבור יעדן טאָג, יעדע מינוט, אַלעס איז אָנגעוואָנדן בס"ד אין די הצלחה פון דעם יעצטיגן קאַמפּיין.

די הנהלת הקהלה זאָגט קלאָר: מיר דאַרפן "אייך" האָבן, מיט אייער גאַנצע האַרץ, אינעם יעצטיגן מצב, אז דאָס זאָל קענען מצליח זיין, ווייל אין דעם איז תלוי דער ווייטערדיגער קיום פון קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל, ווייל אַז מיר האָבן בעז"ה יעדן יחיד, וועט מען קענען פאָראויסגיין בס"ד. אָבער יעדן יחיד מיינט יעדן יחיד ויחיד.

# 3 צילן שפאַנען פאָראויס מיט איבערגעווענליכע הצלחה ב"ה:

עהרנספולע

## עמודי הקהלה 'חברי זהב'

קומען ווידער אַנטקעגן צו מרומם זיין קהלתינו הק'

צו זיין פון די ערשטע צו ווערן

## ווידער געקרוינט אַלס חבר הזהב

פאַרגרעסערן 'עמודי הקהלה באַזע' מיט

## 300 פרישע מעמבערס

אַלס חברי זהב וכסף

דורך געטרייע חברי הקהלה

## מיט אַ 'העכערע השגה'

לרומם קרן הקהלה

יעדער יחיד

## אויסצוצאָלן 'התחייבות דמי חבר'

וואָס טוט ריכטיג סימבאָליזירן

## זעלטענע פייער בתוככי תושבי קרית יואל

למען קיום הקהלה

# טייערע גורלות און בענעפיטן אַרויסגעשטעלט פאַר אַלע אויסגעצאָלטע מעמבערס:

צענטראַלע יום הגורלות אַ' ויקרא:

## אויף אַ פראַכטפולע 'מילער שטריימל'; און 'פסח הוצאות' ביז $5,000




זרייען מקדימין גורל ה' תשא:

## באקומט בחינם די גאַנצע 'מצות אָרדער' בבית אופה דקהלתינו 'סאַטמאַר מצות'




## ציבור באַקענט זיך מיט אויסטערלישע 'בענעפיטן' אין צענדליגער ניצליכע געשעפטן וואָס 'שפּאָרן הונדערטער דאָלאַרן' פאַר יעדן אויסגעצאָלטן מעמבער

באַדייט טעכניש אַז משך פונעם יאָר פאַרדינט מען פי כמה מער ווי די איינמאָליגע דמי חבר צאָלונג

תשפ"ד חידוש:

## ספעציעלע בענעפיטן פאַר די 'אשת חבר' פון חברי זהב וכסף מיט אומגעדויערע פאַרדינסטן אין געשעפטן וואָס קומען צוניץ במשך פונעם יאָר

באַצאָלט מער. פאַרדינט מער. ס'לוינט זיך אפי' בלויז פאַר די בענעפיטן!

**קרית יואל איז גרייט:**

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| ממלא זיין פערזענליכע התחייבות! | ממלא זיין הוראות ורצון קדשו פון רבינו הק' זי"ע! | צו מחזק זיין געטרייע הנהלת הקהלה! | צו העלפן קהלתינו הק' ווייטער בליען! | פאַרזיכערן אונזער עתיד הדורות ברוחניות! |

# סוקסעספולע 'כינוס משמשים' נעמט צונויף אַלע משמשי הבתי מדרשות דקהל יטב לב אין קהל'ס הויפּטקוואַרטיר

## הערליך בילד פון אַלע משמשים בקודש הייבט אַרויס קהלה'ס וואונדער-אויפבליה וואָס האָט פּאַסירט אין בלויז די לעצטע יאָר זעלבסט

איינצופעדימען די היי-יעריגן "דיוס קאַמפּיין", איז פאָרגעקומען דעם פאַרגאַנגענעם זונטאָג פרשת תצוה אַ הערליכער מעמד 'כינוס משמשים', ווען די משמשים פון אַלע בתי מדרשים דקהל יטב לב סאַטמאַר קרית יואל לענגאויס כל פנות העיר רבתי זענען זיך צונויפגעקומען אין צענטראַלע קהל'ס ביוראָ, די קאָנפערענץ צימער שמשם תצא אַלע פּעולות כבירים פאר כל קהלא קדישא, וואו מ'האָט פאַרברענגט אונטער אַ ברידערליכן פריינטליכן אַטמאָספערע, און זיך אָנגעגאַרטלט מיט די כוחות צו קענען אויפנעמען כל חברי הקהלה בסבר פנים, אָפּצונעמען די פייערדיגע גרייטקייט וואָס יעדער יחיד האָט, צו אַנטקעגנקומען מיט די 'התחייבות דמי חבר' צו פינאַנצירן די אַלע פּעולות אדירות וואָס קהל יטב לב קרית יואל טראָגט מיט זיך.

דער צוזאַמקום האָט אויך ריכטיג אָפּגעשפּיגלט און סימבאָליזירט די אומגלויבליכע הרחבת גבולי הקדושה וואָס דאָ שפּילט זיך אָפּ אינערהאַלב ק"ק קרית יואל. געוויס האַלט דאָס יעדער מיט, יעדער יחיד ויחיד מחברי הקהלה לעבט דאָס מיט באַשיינפערליך דורכאויס יעדן טאָג פון יאָר, אָבער ס'איז דאָ אַמאָל וואָס מ'זעט עס פאַר די אויגן וואָס דאָס טראָגט אַ פילפאַכיגער משמעות און געפיל וואָס טוט אַרויסשרייען שבח והודי' למקום, כרחמיו וכרוב חסדיו הגדיל לנו.

ס'לאָזט זיך נישט גלייבן! פינף פון די צען משמשים ביים אסיפה, זענען געווען פון בתי מדרשים וואָס זענען היינט באַרימטע 'מנינים צענטערן' וואָס ווירבלען מדי יום ביומו מיט הונדערטער מתפללים ובאי בית המדרש, וואָס 'אַלע' פון זיי זענען, אָדער **אויפגעבויט** געוואָרן, אדער פאַרענדיגט געוואָרן, **בלויז אין די לעצטע יאָר צייט!**

און די אַנדערע פינף משמשים זענען פון בתי מדרשים, וואָס זענען אין די לעצטע יאר צייט פאַרגרעסערט געוואָרן, אָדער **האַלט מען אַצינדער אינמיטן** דאָס צו פרעכטיג **אויפבויען** לשם ולתפארת. אַ שטייגער ווי דער נייער היכל בית המדרש אין 'שכונת ווינטשעסטער', די בוי-אַרבעט וואָס פּראָגרעסירט אין ביהמ"ד 'טיב לבב', די מאַיעסטעטישע אויפבוי פון ביהמ"ד 'שכונת איילענד וויאָ', און די פאַקטישע פּעולות וואָס האַלט שוין ביי די לעצטע שטאַפּלען פאַר'ן ריזיגן אויפבוי פון נייעם מלכות'דיגן בית המדרש בית יעקב נחמי' וואָס גייט אַריינגיין אין פולקאָמע אַרבעטס-זאָנע בעזר השם אין די קומענדיגע תקופה.

וואָס 'אַלע פּעולות' פאר די גענצליכע 'אויפבויען', אָדער פאר די 'איבערבויען', און פאר 'צובויען', איז געשטופּט געוואָרן, אָנגעפירט געוואָרן, און פינאַנצירט געוואָרן אַ הויפּט חלק טאַקע פון אָט די ביוראָ פון צענטראַלע קהל'ס קאָרידאָרן, וואו די משמים זענען זיך יעצט צונויפגעקומען.

די שמשים האָבן זיך געזעצט צו רייך-געדעקטע טישן וואו ס'איז סערווירט געוואָרן אַ געשמאַקע סעודת ערב להנאת לבם. מ'האָט צווישן זיך געשמועסט געדאַנקען, טיפּס, און עצות, וואָס מ'קען בעסער טון לטובת המתפללים ולומדים, וויאַזוי צו הייבן די פאָנדרעיזינג במשך פונעם יאָר, און בכלל וויאַזוי אָנצופירן די עבודת הקודש במשך פונעם קיילעכיגן יאָר, וואָס ס'איז באַקאַנט אַז דאָס איז פון די שווערסטע עבודות, אָנצופירן אַ בית המקדש מעט ס'זאָל אַלעמאָל קענען אויפנעמען דעם ציבור בסבר פנים, צוגעשטעלט אַלעס אויפ'ן באקוועמטן פאַרנעם, אַ מציאות וואָס ווערט ערליך אויסגעפירט אין יעדן בית המדרש דקהל יטב לב אין קרית יואל.

ס'האָט אויפגעטרעטן דער חבר הנהלת הקהלה, מו"ה ר' יוסף יוזפא לאָנדאָ הי"ו, חבר הנהלת הקהלה, וואָס האָט שיין אויפגענומען יעדן משמש באַזונדער און ארויסגעברענגט דעם געדאַנק, אַז אַ גאַנץ יאָר, יעדן איינציגסטן טאָג, ווערן די אַלע בתי מדרשים געפירט דורך די קהלה'ס הויפּטקוואַרטיר, סיי אינעם קלענערן בילד, צו קאָלעקטן די נדבות, מסדר זיין די די נדבות אינעם סאָפיסטיקירטן סיסטעם, דרוקן די מודעות, א.א.וו. און געוויס אינעם גרעסערן בילד, דאָס אויפבויען די בתי מדרשים, דאָס פאַרברייטערן, דאָס פאַרענדיגן, די פלענער בעתיד, ווערט אַלעס געטון דורך די געטרייע הנהלת הקהלה, וואָס זיי שטייען בראש פון אַלע ווירטשאַפטן פון יעדע בית המדרש באַזונדער, וואָס אָן די הנהלת הקהלה האָט נישט קיין שום ביהמ"ד פאר זיך אַ זכות קיום.

צוקומענדיג צום ענין, האָט ר' יוסף יוזפא הי"ו אַרויסגעברענגט דער ציל פון היי-יעריגן "דיוס קאַמפּיין", סיי אָנצוקומען פערזענליך צו 'יעדן יחיד' מחברי הקהלה, איבערצונעמען פון אים די חיוב דמי חבר, און איבערהויפּט איז דער ציל, צו פילפאַכיג הייבן און מרומם זיין דער זעלטענער מציאות וואָס מ'זעט בלויז דאָ בקהלתינו הקדושה, די אומגלויבליכע וואַרימקייט וואָס יעדער האָט למען קיום הקהלה, וואָס שפּראָצט אַרויס דורך ציילנדיג די מספר עצום פון 'חברי זהב' און 'חברי כסף' וואָס איז ביז היי-יאָר אויך אַ זעלטן-פריידיגער מציאות, אָבער נאָכמער וויל מען עס נעמען אַ טריט ווייטער: הייבן די מספר חברי זהב וכסף צו דאָפּלט!

דערנאָך האָט ער אַרויסגעברענגט אַז דער ציבור איז דאָ, דאָס דאַרף מען דאָך נישט קיין עדות, דאָס איז אַ לעכטיגע מציאות וואָס מיר לעבן מיט אויף אַ שטייגערליכן פאַרנעם. אָבער דער אַנדערער מציאות, וואָס טוט זיך אָפּ אין די קהלה'ס הויפּט-קאָרידאָרן, דאָס דאַרף מען יאָ עדות, ווייל דאָס האַלט נישט יעדער מיט. די לאָך וואָס שפּירט זיך פינאַנציעל, איז עפּעס וואָס הויערט אויף די געטרייע הנהלת הקהלה, וואָס לאָזט פּשוט נישט קיין מנוחה.

איבערגייענדיג די פּונקטן וואָס דער ציבור האָט שוין מיטגעהאַלטן לייענדיג די האַרציגע פּערזענליכע בריוו פונעם מזכיר הקהלה, האָט דער געטרייער חבר הנהלת הקהלה אויסגעפירט אַז דאָס איז אַ 'מוז צו אַריינברענגען די ריכטיגע פאָנדן' אַז קהל'ס 'טעגליכע' פּעולות זאָל קענען פאָראויסגיין.



ער האָט אויסגעפירט, אַז אַרויסהאָבנדיג דער היבש-ווייטאָגליכער מציאות וואָס די הנהלת הקהלה לעבט מיט יום ביומו, אָבער וויסנדיג דער לעכטיגער מציאות וואָס יעדער זעט באַשיינפערליך צוזעענדיג די באַרימטע אש קודש און פאָזיטיווע געפיל וואָס יעדער יחיד האָט למען קיום הקהלה, דאַרף מען דאָס מאַכן פאַר כלי, צו אַרויפברענגען די עהרנספולע חברי זהב וכסף מיט נאָך דריי הונדערט חברי הקהלה וואָס האָבן 'אַ העכערע השגה' און קענען דאָס געבן לויט זייערע מעגליכקייטן.

ר' יוסף יוזפא הי"ו האָט צוגעענדיגט אַז די געטרייע משמשים זאָלן אויפנעמען די חברי הקהלה בסבר פנים יפות, מ'זאָל באחדות'דיג איינקאַסירן די התחייבות דמי חבר, און לייגן אַ דגוש און אַ ציל פאַר די וואָס באַגרייפן וואָס די קהלה טוט פאַר זיך און פאַר'ן ציבור, די וואָס ווילן האָבן 'אַ גרעסערע חלק' וואָס זאָל העלפן די אַלע פּעולות זאָלן קענען פאָראויסגיין, זיי צו אויפנעמען און מקבל זיין די דמי חברי זהב וכסף אויפצוסיינען אויפ'ן יאָר, און דורכדעם צו קענען געניסן פון זיין פאַרדינטע פאַרגרעסערטע בענעפיטן וואָס איז היי-יאָר ספּעציעל אַהערגעשטעלט געוואָרן.

דערנאָך האָט אַ גאַסט מו"ה ר' אייזיק שניצלער הי"ו פון 'ציבור-פּראָ' אויפגעטרעטן און אַרומגעשמועסט טיפּס מיט געדאַנקען וואָס זענען נוגע פאר יעדן משמש אין זיין ביהמ"ד. אַ לענגערע צייט האָבן די משמשים דיסקוסירט אַ ריי געדאַנקען וואָס ער האָט אויפגעברענגט.

פאַר'ן שליסן האָט מען געהאַט די געהויבענע זכי' אַז הגה"צ דער רב שליט"א איז זיך געקומען משתתף זיין בטירחא דגופא, און געקוואָלן פון די לעכטיג בילד וואָס מ'זעט דאָ מיט די אויגן. דער רב שליט"א האָט גערעדט קורצע ווערטער אַרויסהייבנדיג די זכות אדיר ונשגב וואָס די משמשים האָבן אַ גאַנץ יאָר, נאָכדערצו יעצט ביים איינקאַסירן די התחייבות דמי חבר וואָס מרן רביה"ק זי"ע האָט דאָס פאַרלאַנגט בתוקף פון יעדן יחיד פאר די עקזיסטענץ פון זיך און זיינע דורות אינעם פינסטערן גלות, און דערנאָך האָט ער געגעבן ברכת הקודש צו מצליח זיין אין די עבודת הקודש, און ער קאַמפּיין זאָל געקרוינט ווערן מיט די פולסטע הצלחה מרובה בס"ד.

אין א שפּעטע שעה זענען זיך די משמשים צוגאַנגען, אָנגעהויפּנט מיט חיזוק צו קענען אָנגיין מיט די עבודת הקודש, און אָנגעגאַרטלט צו אַריינטרעטן אינעם "דיוס קאַמפּיין" מיט'ן רעכטן פוס, להגדיל קרן הקהלה ולהאדירה!

**המה הגבורים העומדים על הפקודים!**

# דיוס קאמפיין • תשפ"ד

קהל יטב לב סאטמאר
קרית יואל

שטייענדיג אין סאמע ברען פונעם תשפ"ד דיוס קאמפיין, ווען טויזענטער חברי הקהלה
טוען אויסצאלן זייער דיוס באלאסטונג, טוען מיר מעלדן איבער די

צענטראלע
# גורלות
פון היי יעריגן
דיוס קאמפיין

יום הגורלות:
זונטאג
ויקרא - ז' אדר ב'

**פאר אלע מעמבערס אויסגעצאלטע**
**ביז די ענדע פונעם קאמפיין**

## פסח הוצאות
ביז $5,000




## פראכטפולע שטריימל
מיללער שטריימל





בס"ד
וויכטיגע מעלדונג
אזוי ווי די **מאנראו וואודבורי סקול דיסטריקט** האט שוין ארויסגעשיקט די נייע אפליקאציעס פאר דעם קומענדיגן סקול יאר ביטע זעהט עס צוריק- צושיקן ווי פריער זיך איינצושפארן עגמת נפש
(נאכן ארייינשיקן איז כדאי צו רופן זיכער מאכן אז זיי האבען עס באקומען)
פאר די וואס האבן אין פלאן זיך ארויסצוציען
פון קרית יואל סקול דיסטריקט גרעניצן:
פאלגענד זענען די רולס פון
**מאנראו וואודבורי** צו ווערן
אפראווד פאר טראנספארטאציע:
אויב דינגט איר אדער קלאוזט איר אויף
א הויז (למשל) 7/5/2024 דארפט איר
זיך איינשרייבן בעפאר 8/5/2024 צו ווערן
אפראווד פאר טראנספארטאציע ( אפילו
אויב איר מופט אריין שפעטער)
(דאס איז 30 טאג פון די דאטום וואס שטייט אריינגעשריבן אינעם קאנטראקט)
SCHOOL BUS
EMESS
TRANSPORTATION LLC
Emes Transportation
PO BOX 555
Monsey NY 10952
845.426.7419
מיר שטייען גרייט אייך צו העלפן
מיט סיי וואס מעגליך
אמת טראנספארטאציע
SCHOOL BUS
SCHOOL BUS STOP AHEAD

# דיוס קאמפיין תשפ"ד

פאלגענד טוען מיר מודיע זיין פאר אלע חברי קהלתינו הקדושה, אז אלע

# משמשים

## דקהלתינו הק'

טוען אין די יעצטיגע טעג

# איינקאסירן די דיוס באלאסטונג

**ביהמ"ד הגדול**
מו"ה **אביגדור נחום שלעזינגער** הי"ו

**ביהמ"ד בית כהנא**
מו"ה **זלמן לייב מארקאוויטש** הי"ו

**ביהמ"ד בית יעקב**
מו"ה **אברהם בנימין שפירא** הי"ו

**ביהמ"ד בית יקותיאל**
מו"ה **שלום יוסף אייזענבערג** הי"ו

**ביהמ"ד ישמח משה**
מו"ה **משה יאקאבאוויטש** הי"ו

**ביהמ"ד בית יעקב נחמי'**
מו"ה **יואל** ברח"ש **ווינשטאק** הי"ו

**ביהמ"ד בית מרדכי לייב**
מו"ה **ברוך יודא שישא** הי"ו

**ביהמ"ד טיב לבב**
מו"ה **יואל גאלדשטיין** הי"ו

**ביהמ"ד שכונת ווינטשעסטער**
מו"ה **פנחס שמעי' פערענץ** הי"ו

**ביהמ"ד שכונת איילענד וויא**
מו"ה **אברהם שלמה לעבאוויטש** הי"ו

### חבר אני לכל אשר יראוך

**מיר טוען אויפפאדערן אלע חשוב'ע מעמבערס צו צאלן צייטליך די מעמבערשיפ דיוס ביים לאקאלן משמש, און דערמיט האבן א חלק אין די געוואלדיגע פעולות לטובה פון קהלתינו הקדושה**

נמנו חברים לדבר מצוה

**באצאלט ווי פריער, און געניסט פון אייערע בענעפיטן!**

## שישו ושמחו בשמחת רבינו

# סאטמארער חסידים גרייטן זיך צו געהויבענע חתונה בחצרות קדשינו פון נכדת אבינו רועינו כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

### שמחת החתונה פון הכלה בתש"ק שתחי' בת הגה"צ רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א חדב"נ, בן הגה"צ אבד"ק בית אהרן שליט"א, עב"ג החתן שליט"א בן הגה"צ רבי יוסף קאהן שליט"א בן הגה"צ ר"י תולדות אהרן שליט"א, וחתן כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א

## קומענדיגן מיטוואָך פרשת תשא הבעל"ט אין די זאַלן פון 'עטרת אברהם'

סאַטמאַרער חסידים גרייטן זיך מיט געהויבענע געפילן און חרדת קודש צו דער גרויסאַרטיגער חתונה בבית צדיקים וואָס וועט אי"ה געפראוועט ווערן קומענדיגן מיטוואָך פרשת תשא הבעל"ט פון אן אייניקל פון אבינו רועינו כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א.

עס וועט גיין אונטער דער חופה בשעטומ"צ החתן המו"מ בתוי"ש פרע"ח הרב אברהם יצחק קאהן שליט"א, בן הגה"צ רבי יוסף שליט"א בן הגה"צ ר"י תולדות אהרן שליט"א, וחתן כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א, עב"ג הכלה המהוללה בת קדושים תחי', בת הגה"צ רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א חדב"נ, בן הגה"צ אבד"ק בית אהרן שליט"א.

דער מעמד קבלת פנים וועט אי"ה פאָרקומען אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג (פאַר די נשים אין זאַל פון "ויואל משה"), נאָכדעם וועט מען אַרויסגיין צום מעמד החופה וואס וועט פארקומען לענגאויס ראָדני סטריט, על יד הביהמ"ד תחת כיפת השמים, וואו די משוררי בית סאַטמאר וועלן זינגען די וואַרעמע ניגוני התעוררות אין דעם געהויבענעם זמן רצון.

תיכף נאך דער חופה און ברכת הקודש וועט די סעודת החתונה זיין צוגעשטעלט אויף א הערליכן



פאַרנעם פאר כל הקהל הקודש אין די זאלן פון עטרת אברהם.

בשעה 9:30 וועט כ"ק מרן רבינו שליט"א ערשיינען צו דער שמחת החתונה לפאר על ראש שמחתו, און ארום 10 אזייגער וועט זיך אָנהייבן די ריקודין של שמחה. לענגאויס די גאַנצע חתונה וועט זיין צוגעשטעלט טעימה קלה און משקאות לכל הקהל הקודש. עס איז געווארן אויסגעשטעלט א ספעציעלע סיסטעם אז יעדער זאל קענען געבן לחיים פאר מרן רבינו שליט"א

אַרום האַלב צוועלף אַזייגער וועט מען אי"ה בענטשן ברכת המזון ושבע ברכות און תיכף דערנאָך וועט מען צוטרעטן צו די הייליגע און געהויבענע מצוה טאַנץ פון כ"ק מרן רבינו שליט"א.

נאך דער חתונה וועט אי"ה נאָכפאָלגן אַ וואָך פון שבע ברכות בחצרות הצדיקים. דער געהויבענער שבת שבע ברכות פרשת תשא וועט אי"ה אָפגעראָכטן ווערן אין וויליאַמסבורג בחצר הקודש.

מטעם די וועד החתונה ווערט צוגעשטעלט ספעציעלע טראנספארטאציע פאר תושבי קרית יואל וועלכע וועלן זיך מיטפרייען מיטן גרויסן שמחה ביים ראש בית אב מרן רבינו שליט"א.

ויהי"ר שמשמחה זו יושפע שפע רב לנו ולכל ישראל אמן.

**קול רנה וישועה באהלי צדיקים.**

# גייסטרייכער שבת מיט געהויבענעם גאַסט הרה"צ המקובל רבי משה פריש שליט"א מארה"ק געפראַוועט אין שכונת פעני קט.

קרית יואל רבתי - תושבי שכונת פעני קט. האָבן דעם פאַרלאָפענעם שב"ק אויפגענומען דעם חשוב'ן גאַסט פון ארה"ק, הרה"צ המשפיע רבי משה פריש שליט"א, בן המקובל הרה"צ רבי דניאל פריש זצ"ל, וועלכער פירט אָן מיט אַ געהויבענע חברי' און האָט געוויילט אויף שבת אין דער געגנט מיט אן ענגע צאָל חסידים ומעריצים, ווען די תושבי השכונה האָבן געהאַט די געלעגנהייט נהנה צו זיין מאורו.

ליל שב"ק, נאָך די תפלות בבית האכסני', איז פאָרגעקומען אַ דערהויבענער סעודה נאָכגעפאָלגט מיט א "שבת אחים" בבית האכסני', וואו מען האָט לאַנגע שעות פאַרברענגט מיט אַ געוואַלדיגע נעימות און דער משפיע שליט"א האָט אויפגעטרעטן עטליכע מאָל מיט וואַרימע דברי תורה וואָס מיר לערנען פון די פרשיות השבוע באַגלייט מיט פייערדיגע זמירות שב"ק להתעדן באהבתך וביראתך.

שב"ק אינדערפרי האָט דער חשוב'ער גאַסט געדאַוונט אין דעם בית המדרש פון דער שכונה, וואו ער איז נתכבד געווארן בכבוד הראוי און האָט פאַר'ן דאַווענען פאָרגעלערנט אַ שיעור נפלא אין אור החיים הק'.

נאכן דערהויבענעם דאַווענען איז געפראַוועט געוואָרן אַ 'קידושא רבא' מיט'ן גאַנצן ציבור. דער משפיע שליט"א האָט שטאַרק מחזק געווען און ארויסגעהויבן דאָס אויפבוי פון דעם נייעם ביהמ"ד אין דער געגנט וואָס וועט געוויס ברענגען אַ געוואַלדיגע השראת השכינה פאר דער שכונה. אויפ'ן וועג אהיים פון דאַווענען האָט מען טאַקע צושפּאַצירט און זיך אפגעשטעלט אומקוקן אויף די אנגיינדע בוי ארבעט ביים נייעם ביהמ"ד ההולכת ונבנית אויף גאר א שנעלן גאַלאָפּ.

דער הויכפּונקט פונעם שבת איז געווען ביי מנחה ושלש סעודות וואָס איז אָפּגעראָכטן געוואָרן אין דער טונקל כמנהג חסידים ואנשי מעשה. נאָכ'ן זינגען די זמירות מיט גרויס התלהבות, האָט הרה"צ שליט"א אויפגעטרעטן מיט אַ גאָר וואַרימער שמועס, זייענדיג מעורר די הערצער מיט דברי מוסר והתעוררות שטייענדיג אין דעם זמן המסוגל פון שובבי"ם ת"ת, און האָט מיט זיין לשון לימודים אויפגעפלאַמט דער ציבור וואָס האָבן געשעפּט דערפון הויפּענעס חיזוק והתעלות.

נאך קידוש לבנה האָט דער משפיע שליט"א געמאכט הבדלה ברוב עם און געזאגט מיט'ן עולם אינאיינעם ויתן לך. דערמיט האָט זיך געשלאָסן דער שיינער שבת וואָס האָט איבערגעלאזט א געוואלדיגע רושם אויף אַלעמען.

**השבת נועם הנשמות!**

קהל יטב לב סאטמאר קרית יואל

# דיוס קאמפיין • תשפ"ד

# זריזין מקדימין גורל

יום הגורלות:
דאנערשטאג
תשא - כ' אדר א'

באקומט בחינם אייער
# מצות ארדער
אין בית אופה דקהלתינו הק'
סאטמאר מצות

סאטמאר מצות



יוֹם זֶה אוֹרָה וְשִׂמְחָה

# שמחת החתונה

סדר החתונה הגדולה בחצרות קדשינו

## יום ד' פרשת כי תשא תשפ"ד

## נישואי נכדת כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

הכלה בתש"ק בת הרה"צ רבי **אלעזר טייטלבוים** שליט"א
בן הגה"צ אבד"ק בית אהרן שליט"א חדב"ן כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

עב"ג החתן הרב **אברהם יצחק** שליט"א
בן הגה"צ רבי יוסף קאהן שליט"א ר"מ ישיבת עטרת אברהם
בן הגה"צ ראש ישיבת תולדות אהרן שליט"א חתן כ"ק אדמו"ר משכנות הרועים שליט"א

### מעמד קבלת פנים

בשעה 6:00
בביהמ"ד הגדול

### מעמד החופה

בשעה 7:15 • ברחוב ראדני סטריט
מענער צו לי עוועניו זייט - פרויען צו בעדפארד זייט

## סעודת החתונה

לכל הקהל הקודש הזה
אלפי אנ"ש תלמידים וחסידים מכל מקומות מושבותיהם
**תיכף אחר החופה באולם עטרת אברהם**
לבחורים באולם עטרת יואל

קוֹל רִנָּה וִישׁוּעָה בְּאָהֳלֵי צַדִּיקִים

## הופעת כ"ק מרן רבינו שליט"א

לסעודת החתונה לפאר על ראש שמחתו בקרב קהלא קדישא הדין
**בשעה 9:30**

**ריקודין של שמחה** בשעה 10:00
**ברכת המזון** בשעה 11:30

## מצוה טאנץ של רבינו שליט"א

תיכף אחר ברכת המזון

### זמנים לנשים

**קבלת פנים: 6:00 אין "ויואל משה" - באדעקן: 7:00 חופה: 7:15**
**סעודת החתונה אין ויואל משה**

ויה"ר ששמחה בבית רבינו שליט"א יושפע לנו שפע קודש וכל טוב סלה, אמן.

**ועד החתונה**

שישו ושמחו בשמחת רבינו

שנת לעולמי עד תמלך בכבוד לפ"ק

בעזהשי"ת, ברוקלין יצ"ו

עוד ישמע בערי יהודה
ובחוצות ירושלים

# למזל טוב

קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה

ברכה וקול זמרה שפתי תרננה בכל לבב
רצות אמרי לחלות פני קוני שבחו לספר
כי הרבית טובות עלי לדור ודור תהלתיך
הגיעני נשואי נכדתי בשעה טובה וברכה

סולו סולו עדת ישרים האספו לעלה ולקלס
ידידים יקרים רחומי נפשי האזינה לקריאתי
מה נכבד יום הופיעתכם להתעלס באהבים
אקבלה פניכם באהבה וחבה בעידן חדוותא

אשא עיני למרומים ואתחנן בצלותא ובעותא
בגלל אבות תושיע בנים גאולת עולם תקרב
רומם קרן ישראל שלח תשבי מבשר ואומר
הקם ציון ועריה בחודש שמרבין בו בשמחה
מכון לשבתך בית הבחירה בתוככי ירושלים

יעלזו אתנו הורי ואבותי הנאספים לשמחתי
צדיקים שוכני מרום עתירתם יפצחו במרץ
חיים ברכה ושלום דור ישרים מבורך לנצח
קוממיות יצעדו במסילות אבות אמת וצדק

ביום כלולת נכדתי היקרה
ה"ה הכלה הבתולה המהוללה
מרת **ברכה סימא** תחי'
בת חתני הרה"ג מוה"ר **אלעזר טייטלבוים** שליט"א
ראה"כ בכולל תורה ויראה סאטמאר
בן מחותני הרב הגאון הצדיק חנני' יו"ט **ליפא** שליט"א אב"ד דקהל בית אהרן

עב"ג הב' החתן תמים למעלות חו"ב
הרב **אברהם יצחק הכהן** שליט"א
בן מחותני שלשלת היוחסין
הרה"ג מוה"ר **יוסף הכהן קאהן** שליט"א
ר"מ ישיבת עטרת אברהם
בן הגה"צ **ראש ישיבת תולדות אהרן** שליט"א
וחתן כ"ק **אדמו"ר** ממשכנות הרועים שליט"א

אשר תהי' בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
**ביום ד' לסדר ארבה את זרעכם ככוכבי השמים (תשא)**
**י"ט לחודש אדר הראשון תשפ"ד לפ"ק**

קבלת פנים בשעה 5:30 והחופה בשעה 6:30

**בביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב ד'סאטמאר**
152 Rodney Street, Brooklyn, NY

**ואח"כ הסעודה באולם עטרת אברהם**
75 Ross Street, Brooklyn, NY

ובכן את אחי אנכי מבקש, ידידים קרובים ורחוקים תלמידים יקרים **א**ספו לשמחתי
יעזרכם הבורא ותראו דורות הגונים, ברוב נחת, מתוך שמחת הנפש, וכט"ס.
ממני המחכה לקראת פניכם ומעתיר בעד שלומכם וטוב הצלחתכם כה"י

מצפה לישועה ולהרמת קרן ישראל במהרה.
**הק' יקותיאל יהודא טייטלבוים**
אבדק"ק סאטמאר



**FOR SALE**

**Premishlan / Karlsburg**
8 room apartment walk in private entrance ready to move in.



**FOR SALE**

**3 Holland - Prestwick area**
Rare opportunity! Brand new, Custom house. 4 Bed, 4 Baths, walkout Basement, many upgrades, ready to move. Asking $1,199,000



**FOR SALE**

**Lemberg** - 5½ room apartment top floor ready to move in great condition.



**FOR SALE**

**105 high St** – Smith Gardens area 3,000 sq ft, brand new kitchen, bath, option to subdivide the property to build another house + additional rental income

**FOR SALE**

- 4 room basement apartment on Van Buren
- 5 Room apartment in SVM 3rd floor tenant occupied
- 5 room walk-in basement in SVM
- 5 room apartment in section 1 tenant occupied
- 5 room apartment in SVM top floor
- 5 room apartment on Lemberg tenant occupied
- 6 room apartment in SVM top floor
- 6 room apartment in SVM tenant occupied
- 7 room apartment in SVM tenant occupied
- 8 room apartment plus basement in SVM
- 9 room apartment in SVM 3rd floor
- Private house in Woodbury Villas

**FOR RENT**

- 4 room furnished apt. on Lipa Friedman 3 months only
- 3 room apartment in SVM will be ready in 6 weeks
- 4 room apartment in Woodbury Villas
- 5 room apartment in Woodbury Villas
- 7 room apartment in SVM first and second floor private entrance
- 7 room Apartment in SVM and third floor
- 7 room apartment in SVM fourth floor
- 7.5 room apartment in SVM third floor
- 4 Bedroom renovated house in Blooming Grove
- Private offices available in Atzia Temorim
- Large private office on MountainView
- Private house in Blooming Grove
- 2,000 sq ft unfinished walk-in space in Woodbury Villas
- Newly renovated private office on Route 32 asking only 450
- Private office in the new Stonegate Business Center great price
- 1500 sq ft office space on Rovna
- Beautiful private office with conference room on Raywood

*HFA Realty is charging a flat Fee from Tennant, it's not based on price of rental.

**HFA REALTY GROUP**
845.781.2410
Sales@HFArealty.com

ext. 3 משה יוסף פריעדמאן
Moshe@hfarealty.com

ext. 4 מרדכי יואל אונגאר
Cell 845.238.0039
Mordechai@hfarealty.com

### לגדור גדר:

# 'וועד העירוב קרית יואל' אָנגעהויבן וויכטיגע פּראָיעקט אַרומצונעמען 'מירון-לייפּניק' וואַסער מיט צוים

## אַרבעט ווערט באַגלייט דורך געטרייע משגיחי וועד העירוב: הר"ר דוד יצחק פאלקאוויטש הי"ו, הר"ר שלמה לייב גרובער הי"ו און הר"ר יואל ב"ר יצחק דוד פרידמאן הי"ו

אין די יעצטיגע טעג איז אריין אין די ערשטע פאזעס די וויכטיגע ארבעט דורך דעם "וועד העירוב קרית יואל", צו אַרומנעמען דעם שטח הינטער די לייפניק גאַס, לגדור גדר אַרום דאָס וואסער'ל אויף מירון צווישן די גאַסן פון לייפניק און דראָהביטש.

דער וועד העירוב פּראָגרעסירט מיט דעם פּראָיעקט, ווען צוערשט ווערט אויסגערייניגט א ברייטע וועג פון אומגעפאלענע ביימער און אנגעלייגטע צווייגן, און דערנאך וועט דארט אויפגעשטעלט ווערן א דויערהאַפטיגן גדר כהלכה, רינגס און ארום דעם לעיק, וואָס וועט זיין אין דער הייעך פון 10 טפחים 40 אינטשעס, לויט'ן שיעור וואס פאָדערט זיך עפ"י דינא דשו"ע.

אין אַ שמועס מיט די חשוב'ע משגיחי וועד העירוב צום "וואָכנשריפט" באַטאָנען זיי אַז ווען עס קומט צו מאַכן אַ מהודר'דיגע עירוב, קען צומאָל אַ וואַסער'ל אינמיטן אַ שטאָט אַריינשלעפּן אין קאָמפּליצירטע שאלות און צדדים בהלכה.

צום ביישפּיל, צייגן די משגיחי העירוב אָן, אַז דער לעיק אויף סעקשאן איינס איז שוין ארומגענומען זינט די התייסדות העירוב.

דאָס איז דאן געטון געווארן דורך הרה"ג משה בער קויפמאן שליט"א און עס איז דא א תשובה דערויף פון הגאון בעל אגלי דבש שליט"א וועגן דין קרפף בכלל, וואָס איז נוגע לגבי אן עירוב א שטאט מיט אַ וואַסער אינדערמיט.

די שאלה מאַכט זיך ביי יעדע גרעסערע שטח וואו מען קען וואוינען, צום ביישפּיל א וואַסער, וואָס איז ס'איז גרויס ווי א קרפף ד.ה. 100 אויף 50 אמה (200 ביי 300 פיס) קען דאס אריינברענגען אין פילע שאלות איבער די כשרות העירוב.

די משגיחים טוען באַטאָנען אַז די אַרבעט ווערט דורכגעפירט הגם ס'איז נישט קלאָר אַז דאָס וואַסער'ל האָט טאַקע אַ דין פון אַ 'קרפף'. ס'איז דאָ דערביי אַסאַך צדדים להתיר, לדוגמא, אויב דאָס וואַסער איז ראוי' לשתי' איז דאָס נישט קיין קרפף, און אפילו אויב ס'איז יאָ א קרפף איז דא אסאך שיטות אז ס'ווערט בטל צו דער שטאט.

אַזוי אַרום אַז דער עירוב איז העכסט מהודר להלכה אויך אָן דעם גדר, אָבער מהיות טוב האָט דער "וועד העירוב קרית יואל" אונטערגענומען דעם פּראָיעקט אַלס אַ פרישע הידור, צו גענצליך אַרומנעמען דעם וואַסער, כדי צו פאַרמיידן יעדע שאלה.

ווי די משגיחי העירוב געבן איבער, אַרבעט מען גלייכצייטיג אויך אויף דעם עירוב פון אריבער די גאַס, אויף מירון ביי דער זייט פון טברי', וואו מען האָט אויסגערייניגט און אוועקגעשניטן פילע צווייגן און דערנער ארום דעם גדר העירוב.

אין אַלגעמיין טוען תושבי קרית יואל מיטהאַלטן מיט התפעלות די אימערמידליכע אַרבעט פון דעם "וועד העירוב" און די געטרייע משגיחי העירוב וועלכע לויפן ארום יעדן ערב שבת איבערצוקוקן די אלע צורת הפתחים און אויפפאסן אויף פירצות הצריכין תיקון וואס ווערט געטון שלא ע"מ לקבל פרס.

ומחיל אל חיל טוט די עבודת הקודש זיך פארברייטערן און ווערט מער קאָמפּליצירט מיט די אויסברייטערונג אפילו פון אלט קרית יואל, צום ביישפּיל, ווען עס איז לעצטנס געעפענט געווארן א פרישע גאס אין 'שכונת ויואל משה', וואס האט צוגעברענגט פרישע צורת הפתחים, וואס די משגיחים דעקן יעדע איינציגע וואך אין די קורצע פרייטאגס און אין די שנייאיגע שווערע וועטערס, אלעס צו פארזיכערן אז תושבי קרית יואל זענען געדעקט מיט אן עירוב געבויעט מיט די גרעסטע הידורים בס"ד.

**וביום השבת קודש שישו ושמחו!**





# געריכט נעמט אָן אַלע אַמיקו"ס פיילינגס אין בעפארגרייטונג צום אפיעלס; 'פערל"ס' לעגאלע טיעם קאמפס גרייט ווייטער צו קעמפן פארן חינוך הטהור

## אבל וחפוי ראש: געריכט אפגעווארפן יאַפּפע"ד'ס 'אָרעל ארגומענט' פארלאנג און בלאקירט גרופע פון אריינרעדן בעת די געריכט סעסיעס

אָלבאַני. - רוקנדיג זיך נענטער צו די הירינג אין די אַפּיעלס קעיס אַרום דעם ערליכן חינוך אין ניו יאָרק האָט אַ פּאַנעל פון די אַפּעלאַט געריכט די פאָריגע וואָך באַשלאָסן אָנצונעמען פיר אַמיקו"ס פאַרלאַנגן וואָס זענען אַריינגעגעבן געוואָרן צום געריכט אין די קעיס. אין די זעלבע צייט, האָבן די ריכטער אָבער ב"ה אָפּגעוואָרפן דעם פאַרלאַנג פון יאַפּע"ד צו קענען אויפטרעטן ביי די הירינג וואָס איז באַשטימט אויף קומענדיגן חודש.

דער אמיקו"ס פּראָצעדור, איז באַוויסט אין די לעגאַלע זשאַרגאַן אַלס Amicus Curiae, וואָס באַדייט אויף לאַטייניש "פריינט פונעם געריכט." עס באַדייט ווען אַ פּערזאָן אָדער גרופּע וואָס זענען נישט קיין דירעקטער צד צו אַ קעיס, אָבער האָבן אַ שטאַרקע אינטערעסע אין די אָנגעלעגנהייט, בעטן דעם געריכט צו קענען אַריינגעבן פּאַפּירן זוכנדיג צו באַאיינפלוסן דעם באַשלוס. דער געריכט דאַרף באַשלוסן צי זיי נעמען דאס אָן. געוועהנליך, אויב עס ווערט אַריינגעגעבן אין צייט, ווערן זיי אָנגענומען.

ווי שוין באַריכטעט, זענען אַריינגעגעבן געוואָרן פיר אַמיקו"ס פאַרלאַנגן אין די קעיס - דריי לטובת די פערל"ס געווינס. דאָס נעמט אַריין אַן אמיקו"ס וועלכע איז אַריינגעגעבן געוואָרן דורך מוסדות בני ציון דבאָבוב, און איינס דורך אהלי תורה חב"ד און צוויי עלטערן וועלכע האָבן קינדער אין דעם מוסד. ביידע פון די מוסדות ווייזן אָן אַז זיי זענען מיטגלידער אין די פּערל"ס אָרגאַניזאַציע און ווילן פאַרטיידיגן דעם אורטייל פון זייער אייגענאַרטיקן קוק-ווינקל. אַ דריטע אַמיקוס בריעף איז באַזונדער אַריינגעגעבן געוואָרן דורך די אָ.יו. אָרגאַניזאַציע אינאיינעם מיט אַנדערע צוויי גרופּעס וועלכע פאַרטרעטן קאַטוילישע און קריסטליכע שולעס.

פון די אַנדערע זייט, האָט די אנטי-חינוך גרופּע מיט א מיסיע ח"ו צו פּרובירן צו שטערן דעם ערליכן חינוך אין די מוסדות התורה, יאַפּפע"ד, אויך אַריינגעגעבן אַן אַמיקו"ס וועלכע איז פול מיט העצערישע באַשולדיגונגען קעגן פּערל"ס, דעם חרדי'שן ציבור בכלל, מוסדות און עלטערן.

יאַפּע"ד האָט אויך געזוכט ספּעציעלע פּריווילעגיעס, צו קענען אַנטייל נעמען ביי די הירינג וואו די צדדים - די סטעיט וועלכע האָט אַריינגעגעבן די אַפּעלאַט קעיס, און פּערל"ס, די אָריגינעלע קלעגער וועלכע זענען די אָנגעקלאָגט אין די אַפּעלאַט דיוויזיע - וועלן אויפטרעטן מיט מונדליכע אַרגומענטן פאַר'ן אַפּעלאַט געריכט אין די טעג נאָך פורים הבעל"ט.

יאַפּפע"ד ביי זייער פארלאנג פאר 'אָרעל ארגומענט' רעכטן האָט גע'טענה'ט אַז זיי ברענגן "אַריינבליקן וואָס זענען נישט פאָרגעשטעלט ווערן דורך קיין איין פּאַרטיי אין זייערע בריעפינג", ממילא זאָל זיי דער געריכט אויסהערן.

צווישן די פּרעספּעקטיוון וואָס זיי האָבן געוואָלט אויפברענגן איז "די מעגליכע איסוויררקונגען פון די נידריגערע געריכט באַשלוס אויף סטודענטן," און אויף עלטערן וועלכע שטייען אויס "אייגענאַרטיגע


Supreme Court, Appellate Division
Third Judicial Department

Decided and Entered: February 15, 2024 — CV-23-0756

In the Matter of PARENTS FOR EDUCATIONAL AND RELIGIOUS LIBERTY IN SCHOOLS et al., Respondents,
v
LESTER YOUNG JR., as Chancellor of the Board of Regents, et al., Appellants.

DECISION AND ORDER ON MOTION

Motion by Bobover Yeshiva Bnei Zion for permission to file a brief amicus curiae upon the appeal.

Upon the papers filed in support of the motion and the papers filed in response thereto, it is

ORDERED that the motion is granted, without costs, and the Clerk of the Court is directed to accept for filing the brief amicus curiae received on February 6, 2024.

Garry, P.J., Aarons, Reynolds Fitzgerald, Fisher and Powers, JJ., concur.

ENTER:
Robert D. Mayberger
Clerk of the Court

דער געריכט נעמט אן די אמיקו"ס פון מוסדות בני ציון


Supreme Court, Appellate Division
Third Judicial Department

Decided and Entered: February 15, 2024 — CV-23-0756

In the Matter of PARENTS FOR EDUCATIONAL AND RELIGIOUS LIBERTY IN SCHOOLS et al., Respondents,
v
LESTER YOUNG JR., as Chancellor of the Board of Regents, et al., Appellants.

DECISION AND ORDER ON MOTION

Motion by Young Advocates For Fair Education for permission to file a brief amicus curiae upon the appeal and for oral argument.

Upon the papers filed in support of the motion, and no papers having been filed in opposition thereto, it is

ORDERED that the motion for permission to file a brief amicus curiae is granted, without costs, and the Clerk of the Court is directed to accept for filing the brief amicus curiae received on January 26, 2024, and it is further

ORDERED that the motion for oral argument is denied, without costs.

Garry, P.J., Aarons, Reynolds Fitzgerald, Fisher and Powers, JJ., concur.

ENTER:
Robert D. Mayberger
Clerk of the Court

געריכט בלאקירט יאפפע"ד פון אריינרעדן ביי די אפיעלס הירינגס


Here, too, the Office of the New York State Attorney General has not declared whether it is prepared to defend the Education Law amendments on their face.[1] Unless the PEARLS Amici

[1] There does not appear to be any requirement that the Office of the Attorney General defend the constitutionality of the statute on its merits, or even that it take a position one way or the other. It is noteworthy in this regard that, in cases where the constitutionality of a State statute is challenged but where the State itself is not a party, the Attorney General may, but need not, intervene to defend the statute. See N.Y. Civ. Prac. L. & R. § 1012(b); N.Y. Exec. L. § 71(1); see

3

are represented in oral argument, the fate of this statute, with the potential to affect numerous communities across New York State, may very well go undefended.

Finally, although the Court thanks Footsteps, Inc. and the Center for Educational Equality for their valuable submissions in this matter, it declines to invite them to participate in oral argument. To the extent these amici contend that the Education Law amendments are unconstitutional, those arguments will be adequately represented by Plaintiff. By contrast, the PEARLS Amici are the only persons appearing in this matter who have expressly defended the statute on its merits.

Accordingly, the PEARLS Amici's request to participate in oral argument is GRANTED.

SO ORDERED.

Dated: Brooklyn, New York
December 27, 2018

/s/ I. Leo Glasser U.S.D.J.

ריכטער ליאָ גלעזער גיט פאַר פערל"ס די רעכט צו קענען אויפטרעטן ביי די אָרעל אַרגומענטס ביי די יאפפע"ד קלאגע נאָך די פעלדער געזעץ

PEARLS
Parents for Educational and Religious Liberty in Schools

גייענדיג צום דרוק:

# אַפּעלאַט געריכט באַשטימט דאָנערשטאָג פּרשת צו, י"ח אדר ב', אלס דער טאָג פאַר הירינג אין די חינוך קעיס

אָלבאַני. - היינטיגן דינסטאָג, קומט אַריין די נייעס אַז דער אַפּעלאַט געריכט האָט באַשטימט די הירינג אין די חינוך קעיס - אין וועלכע די סטעיט זוכט איבערצוקערן דעם פּאָזיטיוון פסק וועלכע די פערל"ס ארג. האָט געווינען מיט כמעט אַ יאָר צוריק צו באַשיצן דעם ערליכן חינוך דורך אָוועקנעמען די סטעיט'ס מעגליכקייט צו קענען צווינגען אַרויסצונעמען קינדער פון מוסדות וועלכע ווערן באַצייכנט צו זיין נישט-עקוויוועלענט - אויף דעם בעפאָרשטייענדיגן דאָנערשטאָג פרשת צו הבעל"ט, י"ח אדר ב'.

ווי געזאָגט זענען די אָרעל אַרגומענטס באַשטימט געוואָרן פאַר די וואָך פון פורים. יעדן חודש האָט דער געריכט אַרום 5-7 טעג ווען זיי האַלטן אָפּ הירינגס, און אָריגינעל איז די הירינג אַרום די פערל"ס קעיס געווען באַשטימט פאַר אַפּריל. למעשה, אין אַפּריל זענען די טעג נאָר דורכאויס דעם יום טוב פסח. בהתייעצות הרבנים שליט"א, האָט דער לאָיער ר' אבי שיק געבעטן עס צוריקצורוקן צו חודש מערץ למס'. די וואָך וואָס דער געריכט וועט אָפּהאַלטן הירינגס אין מערץ איז די וואָך פון פורים, צווישן שושן פורים און פרייטאָג, ערב שבת קודש פרשת צו. מ'האָט געוואַרט צו הערן אויף וועלכע טאָג די הירינג ווערט באַשטימט. ווי געזאָגט איז היינט, דינסטאָג, אַרויסגעקומען דער קאַלענדאַר, און די הירינג איז באַשטימט געוואָרן אויף דאָנערשטאָג צו.

מ'האָפט אַז די ימים המסוגלים וועלן בעז"ה ברענגען אַ ישועה פאַר כלל ישראל, עס זאָל מקויים ווערן ליהודים היתה אורה ושמחה וששון יקר.

די געטרייע אַדוואָקאַטן פון פערל"ס אין שפּיץ פון ר' אבי שיק - דער געטרייער שליח פון די מוסדות החינוך אין ניו יארק בהוראות מנהיגי הרוחני פון די מוסדות החינוך כ"ק האדמורי"ם רבנים וראשי ישיבות שליט"א, וואָס קעמפן שוין קעגן די גזירות פאַר איבער אַכט יאָר - און זיין פירמע און די אַדוואָקאַטן וואָס העלפן אים אַרויס לייגן אַריין שווערע כוחות זיך אָנצוגרייטן פאַר אַלע סאָרטן טענות וואָס קענען אויפקומען. די עסקנים דערמאַנען כלל ישראל מרבה צו זיין בתפלה ותחנונים, אַז זיי זאָלן זען הצלחה במעשי ידיהם, צו באַשיצן דעם הייליגן חינוך פון די אַלע וואָס ווילן איר אונטערברענגען ה"י, און איבערצוקומען אַלע משטינים פון יאפפע"ד און זייערע קאַליבערירער וועלכע לייגן אונטער שטרויכלונגען און שטעלן דעם חינוך אין אַ סכנה ר"ל.

**אבינו מלכינו עשה למען תינוקות של בית רבן!**

געזעלשאַפטליכע דרוק אין סקול אויסוואַלן." אויך האָבן זיי געוואָלט אויסשמועסן די אויסווירקונגען אויף די געזעלשאַפט, וואָס לויט זיי זענען די ישיבות אַ געפאַר פאַר די געזעלשאַפט, און נאָך אַזעלכע העצערישע טענות, מיט וואָס זייערע פאַפּירן זענען פול.

עס איז צום באַמערקן אַז מיט פינף יאָר צוריק, ווען יאַפּפע"ד איז אַריין אין פעדעראַלן געריכט נאָך די פעלדער געזעץ קעגן די סטעיט, וועלנדיג פאַרבאָטן די סטעיט צו נעמען אין באַטראַכט דאס וואָס קינדער לערנען ביי די לימודי קודש, האָט פערל"ס אַריינגעגעבן אַן אַמיקו"ס און א פאַרלאַנג צו קענען אויפטרעטן ביי די הירינג. דער ריכטער ליאָ גלעזער האָט דאַן אין אַ פיר-זייטיגן אורטייל געגעבן פאַר פערל"ס די זעלטענע געלעגנהייט צו קענען אויפטרעטן ביי די אָרעל אַרגומענטס, בעת עס האָט אַנטזאָגט צו לאָזן עטליכע קעגנערישע גרופּעס צו קענען אַנטייל נעמען אין די הירינג. דער ריכטער האָט דאַן אָנגעוויזן אַז די ישיבות וועלן נישט ווערן גוט פאַרטיידיגט דורך די סטעיט, וויבאַלד זייערע אַדוואָקאַטן האָבן נישט געזאָגט ווי שטאַרק זיי וועלן פאַרטיידיגן די רעכטן פונעם ערליכן חינוך.

ווי דער ריכטער גלעזער האט דאן געשריבן: "סיידן די פערל"ס אמיקי ווערט פאַרטרעטן ביי די אָרעל אַרגומענט, איז דער גורל פון דעם געזעץ, מיט די מעגליכע אַפעקטן פון פילע געמיינדעס דורכאויס ניו יאָרק, קען זייער מעגליך גיין אומפאַרטיידיגט". דער ריכטער האָט דערמיט אָפּגעשאַצט דעם מצב, אַז פערל"ס איז די איינציגסטע וואָס שטעלט זיך אַרויס דעם ערליכן חינוך (אפילו אין יענעם פאַל, וואָס די קעיס איז אַרויסגעוואַקסן פונעם פעלדער געזעץ, וואָס אַנדערע האָבן זיך טשאַמפּיאָנירט און טריאומפירט דערמיט, אָבער ווען יאַפּפע"ד האָט געוואָלט אויסנוצן דעם געזעץ צו שעדיגן דעם ערליכן חינוך, האָט דער געריכט איינגעזען אַז ווען נישט פערל"ס וועט קיינער נישט פאַרטיידיגן דעם חינוך, ווייל די וואָס רוממות החינוך בגרונם זענען נישט געווען צום געפינען. חרבות לנצח... ואבד זכרם!)

דער געטרייער אַדוואָקאַט ר' אַבי שיק הי"ו און זיינע אַדוואָקאַטן האָבן טאַקע אַנטייל גענומען אין די אָרעל אַרגומענטס, אין וועלכע דער ריכטער האָט געשאָנקן שטאַרק געוויכט צו זיינע טענות וואָס ער האָט אויך ציטירט אין דעם אורטייל, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעוואָרפן יאַפּפע"ד'ס לאָווסוט.

איצט, האָט יאַפּפע"ד אויך פּרובירט דאָס זעלבע, צו באַקומען די רעכטן צו קענען אויפטרעטן ביי די סטעיט אַפּעלאַט געריכט, מיט די טענה אַז זיי שטעלן פאָר אַ ספּעציעלן צד אַלס די אַזוי גערופענע פאַרזאָרגער פון די קינדער. ווי געזאָגט האָט דער געריכט עס ב"ה אָפּגעוואָרפן, און זיי וועלן נישט קענען אויפטרעטן ביי די הירינג.

אין די זעלבע צייט האָט דער געריכט אָנגענומען די אַמיקו"ס פאַפּירן. די סטעיט - וואָס טראָגט זיי קעמפן איבערצודרייען דעם פסק און געווינען דעם אַפּיעל - האָבן זיך נישט קעגנגעשטעלט די אמיקו"ס בריעפס (וויסנדיג אַז די שאַנסן עס אַרויסצואוואַרפן זענען נישטיג). דאָך האָבן זיי אָנגעוויזן פאַר'ן געריכט אַז באָבוב און חב"ד זענען טייל פון פערל"ס און ר' אבי שיק דער פערל"ס לויער פאַרטרעט זיי אויך ביי די סיטי איבערזיכט. זיי האָבן אויך פאַרלאַנגט אַז דער געריכט זאָל נישט נעמען אין באַטראַכט קיין נייע טענות וועלכע זענען נישט אויפגעברענגט געוואָרן אין דעם נידריגערן טריבונאַל. די סטעיט האָט אויך גע'טענה'ט אין זייערע פאַפּירן אַז זיי שטערן נישט דעם רעליגיעזן חינוך.

(דאָ איז אין פּלאַץ אָנצוצייגן אַז געוויסע וואָס רוממות החינוך בגרונם וחרב בידם, האָבן פאַלש טריאומפירט ווי גלייך די סטעיט האָט זיך קעגנגעשטעלט די אמיקו"ס לטובת דעם חינוך. אויסער וואָס די נייעס איז געווען פאַלש, האָט עס אָבער געצייגט ווי זיי זענען שמחים לאיד און קענען קוים וואַרטן אַז מ'זאָל פאַרלירן די קעיס ח"ו, כאָטש וואָס דאָס איז באַשיצונג פאַר אַלע מוסדות התורה און אַלע משפחות און קינדער, אַז די סטעיט זאָל נישט קענען נעמען קיין שריט קעגן זיי אויב זיי ווערן דערקלערט נישט-עקוויוועלענט. זייער בלינדע מלחמה קעגן די ערליכע עסקנים פירט זיי אָבער זאָל זוכן זיך אויסצושטעכן צוויי אויגן, דורך שטעלן אין סכנה זייערע אייגענע קינדער און זייערע מוסדות וועלכע דערקלערן זיך אַז זיי זענען נישט-עקוויוועלענט, אבי אויסצושטעכן איין אויג פאר'ן ערליכן ציבור און פאר פערל"ס וועלכע קעמפן מיט אן אחריות פאַר'ן ערליכן חינוך. דאָס צייגט ווי אַזוי שנאה מקלקלת את השורה, און ווי אַזוי מ'באַגרייפט נישט ווי זיי זענען געוואָרן שונאים קעגן זיך אַליין און דעם ערליכן חינוך ה"י.)

למעשה, האָבן די ריכטער אָבער ב"ה באַשלאָסן יא אָנצונעמען די אַמיקו"ס פיילינגס, און זיך נישט גערעכנט אפילו מיט די איין פרט וואס די סטעיט האט געהאט געבעטן אז מען זאל נישט אין באַטראַכט נעמען נייע טענות וועלכע זענען נישט אויפגעברענגט געוואָרן אין דעם נידריגערן געריכט.



# קרית יואל'ער עלטערן נעמען אויף מיט פרייד און אינטערעסע הערליך נייע 'מוסדות פלאטפארמע'; ערשיינט וועכנטליך צווישן די תלמידים ותלמידות

## אויסטערלישע גריסן פון ניי ערצייגטער 'מוסדות פלאַטפאָרמע' וואָס בויעט אויף א טיפערע און נאענטערע קשר צווישן די הייליגע מוסדות און די גליקליכע עלטערן

מיט אַ זעלטענע ערוואַרטונג און סאטיספיקאציע טוען די טויזנטער צופרידענע קרית יואל'ער עלטערן באַגריסן די פּאָזיטיווע ערשיינונג פון דעם געניאַלן און שפּאָגל-נייע הערליכן 'מוסדות פלאַטפּאָרמע', וואָס פּרעזענטירט אַזוי נאָבל אַלעס אַרום די הייליגע מוסדות און אַלעס אַרום די טויזנטער לעכטיגע קינדערלעך וואָס ווערן נתחנך צווישן די הייליגע ווענט פון אַלע אָפּטיילונגען און בנינים.

די נייע 'מוסדות פלאַטפּאָרמע' האָט אָנגעהויבן ערשיינען אויף אַ וועכנטליכן פאַרנעם אין אַ צייט וואָס מיט יעדן טאָג וואָס גייט פאַרביי ווערן די הייליגע מוסדות גרעסער און מער פאַרברייטערט, און צווישן די ווענט פון אַזאַ ריזיגע אימפּעריע, שפּילן זיך אָפּ אַזויפיל געשעענישן, אַזויפיל אַנטוויקלונגען, אין אַלע אָפּטיילונגען און בנינים. אַזויפיל פּראָגראַמען, אַזויפיל פאַרהערס, אַזויפיל שיינע, נחת'דיגע מאורעות. דאָס זעלבע אַרום די מוסדות, דאָס בויען בנינים, הרחבת גבולי הקדושה, נייע דורכברוכן אא"וו. בנוסף צו די פילע סאָרט מעלדונגען, נאָטיצן וואָס די עלטערן דאַרפן הערן און וויסן.

אָט דערפאַר איז עס טאַקע אַזוי באַגריסנד די ערשיינונג פון די 'פלאַטפאָרמע', וואָס ווערט אַהערגעשטעלט דורך די איבערגעגעבענע 'הנהלת המוסדות' מדי שבוע בשבוע, מיט מח און האַרץ אויף אַ באַקוועמען פאָרמאַט "קורץ און שאַרף". אַנטהאַלטנדיג נייעס'לעך, מזל טוב וואונטשן, ברוכים הבאים באַגריסונגען און קורצע מעלדונגען, אַז מ'זאָל אין אַן אויגן-בליק אַלעס קענען זען און מיטהאַלטן, און אַרויסנעמען די פונקטן וואָס איז וויכטיג און אַקטועל, אויף אַ וועכנטליכן פאַרנעם.

און אָט דאָס, איז ערמעגליכט געוואָרן אין די שפּאָגל-נייע הערליכע 'מוסדות פלאַטפאָרמע', וואָס דינט ווי דער קשר-בריק צווישן די מוסדות און די עלטערן און פּרעזענטירט אַזוי נאָבל אַלעס אַרום די הייליגע מוסדות און די לעכטיגע צאן קדשים, ווייל ווען ס'האַנדלט זיך פון "שותפים", גלייך אויף גלייך, דאַרף זיין אַ קביעות'דיגע צאַמאַרבעט, עס דאַרף זיין וועכנטליך. די פאַרבינדונג מוז זיין שטאַרק. די אינפאָרמאַציע דאַרף באַרירן אַלעס און אַלעמען.

באַזונדער רופט אַרויס אינטערעסע די אייגנאַרטיגע געדאנק פון דעם 'מזל טוב וואונטשן' קאָלום, פאר די פרחי תלמידי המוסדות ביי זייער אָפּשערן, און פאר די בחורי חמד לרגל זייער בר מצוה. און אַזוי אויך דער פריידיגער קאָלום פון "פנים חדשות" מיט באַגריסונגען פאר די פרישע גידולי קודש, די נייע קינדערלעך וואָס שטעלן זייערע ערשטע טריט אין די הייליגע מוסדות, וואָס ברענגט יעדע וואָך באַזונדער רגשי שמחה ותודה ביים ציבור צוזעענדיג ווי עס וואקסט אונטער א פרישע דור פרחי וצעירי צאן קדשים וואס וועלן נתחנך ווערן אויף דעם הייליגן אויסגעטרעטענעם וועג בדרכי רביה"ק זי"ע.

חבה יתירה נודעת צו דעם ספּעציעלן רובריק 'די שטערנס וואס לייכטן', מיט טרעפליכע בליצן פון חיזוק פאר די מלמדים וכלי קודש, וואָס שלאָגט ווירקליך טיפע ווארצלען אויך אין די שטיבער פון די חשוב'ע מרביצי תורה, ווען די געטרייע ב"ב און די קינדער קוועלן צו זען דאס חשיבות פון זייער טאטע\מאן. מען האָט זאָגאַר צוריקגעהערט פון פילע שטיבער וועלכע שניידן ארויס דעם שטיקל יעדע וואך און הענגען עס אויף אין שטוב! וואָס האָט ב"ה געמאַכט אַ מהפיכה צו דערהייבן דעם כבוד פון די מלמדי תשב"ר, און צו באַגרייפן דאָס חשיבות און גליק פון די מרביצי תורה מיט א שטאפל העכער!

די אויסטערלישע גריסן פון עלטערן צו דעם 'מוסדות פלאַטפאָרמע' איז באמת אומגעראכטן, און צייגט ווי דער ציבור זוכט צו מיטהאלטן און 'לעבן אינאיינעם' מיט די געטרייע מלמדים וכלי קודש און די געטרייע הנהלת המוסדות, אַלס נאָך אַ פּראָיעקט אינערהאַלב די בשותפות'דיגע צוזאַמאַרבעט מיט וואָס די הייליגע מוסדות איז אַזוי באַרימט, וואָס ברענגט ב"ה אַזעלכע פּאָזיטיווע רעזולטאַטן למען חינוך דורותינו!



בס"ד

לומדי מסכת חולין

# ס'איז געווען תירוצים.
# אָבער ס'איז געענדיגט.

## צוריקגעבליבן מיט בלעטער?

ס'איז נייע צייטן.
געשמאַקע פרקים.
רייכע סוגיות.

יעצט איז די צייט צוריק באַנייען די קביעות:

**אַ עמוד אַ טאָג!**
**חק ולא יעבור**

## אויפגעהערט נעמען בחינות?

דער סיפוק איז אומבאַשרייבליך.
די יעציטיגע בלעטער
איז נישט שווער זיך צו פאַרהערן

יעצט איז די צייט צוריק באַנייען די בחינות:

**לערנט. חזר'ט.**
**פאַרהערט זיך!**

## חולין איז א גרויסע מסכת?

כמעט האַלב מס' איז שוין פאַריבער. די ווינטער איז שוין אויך כמעט פאַרביי.

יעצט איז די צייט זיך מיטצוכאַפּן:

**ווערט אַ לומד**
**זכרו ש"ס!**

# ס'איז זייער גרינג.
# פּרובירט עס אויס.

חבורת
לומדי ש"ס
ישראל ואורייתא
פטרון החבורה
הרבני הנגיד התורני
מו"ה אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו

לערנט | חזר'ט | נעמט די בחינה

באַקומט די באנוס $100 + געוועגליכע שכרה בצדה.

**בחינה ו' - א' ויקהל** | **בחינה ז' - א' תזריע**

לימודי החודש פ"א - צ: חזרת החודש ס"ט - פ: | לימודי החודש צ"א - ק"א: חזרת החודש פ"א - צ:

זכרון
• תורת משה •
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר • ש"ס • הלכה
• קרית יואל •

# תושבי קרית יואל וועלן אַרויסווייזן וואַרימסטע שטיצע בגוף ובממון ביים ערשטמאָליגן אַקציע לטובת די הייליגע תורה פעסטונג ״ת״ת אַנטווערפּען - תפארת יעקב״

## שאו ידיכם קודש: עסקני הת״ת וועלן אָפּשטאַטן באַזוכן בבתי נדיבים בעם, און אַרומגיין אין די שטאָטישע בתי מדרשים

**לשמו ולזכרו: כ״ק מרן אדמו״ר מפשעוואָרסק שליט״א וואָס דער מוסד איז קרוב ללבו הטהור האָט קורא שם געווען פאַר די ת״ת דעם נאָמען ״תפארת יעקב״ לשמו ולזכרו פון אביו הגדול הגה״ק המפורסם רבי יאַנקעלע מפשעוואָרסק זי״ע - זרע ברך ה׳ המה: אין די תלמוד תורה ווערן נתחנך אויפ׳ן ערליכן אויסגעטראָטענעם אידישן וועג הונדערטער ילדי צאן קדשים מסלתה ומשמנה פונעם חרדי״שן ישוב אין אַנטווערפּען - אם אין קמח אין תורה: שווערע עקאָנאָמישע לאַגע האָט געצווינגען די געטרייע הנהלת הת״ת צו נעמען דעם וואַנדער-שטעקן און זיך ווענדן צו די אָפענע הערצער פון תושבי קרית יואל**

קרית יואל. - די איינוואוינער פונעם הייליגן שטאט קרית יואל, וועלכע זענען באַקאַנט בצדקת פזרונם מיט זייערע אָפענע און וואַרעמע הערצער לכל דבר שבקדושה על פי דרכו ומשנתו פון מרן רביה״ק זי״ע, גרייטן זיך בדחילו ורחימו, מיט אָנגעגאַרטלטע הערצער, אַרויסצעווייזן די וואַרימסטע שטיצע און חיזוק דורכאויס די ערשטע קאַמפּיין פאַר׳ן הייליגן מוסד ״תלמוד תורה אַנטווערפּען - תפארת יעקב״ אין וועלכע עס ווערן נתחנך הונדערטער תינוקות של בית רבן מסלתה ומשמנה פונעם חרדי׳שן ישוב אין אַנטווערפּען יצ״ו.

דאָס געוואַלדיגע גוטע נאָמען פונעם תלמוד תורה איז גוט באַקאַנט אינערהאַלב די שטאָט אַנטווערפּען, וואו פילע תושבי העיר פון אַלע ערליכע שיכטן און קרייזן זוכן אַז זייערע קינדער זאָלן נתחנך ווערן דוקא צווישן די ווענט פון אָט דעם הערליכן בית היוצר שמגדלין בו תורה ויראה וועלכע וואַקסט און בליעט אויף אַ הערליכע פאַרנעם, און דינט אַלס פּראַכטפולער דיאַמאַנט צענטער וואו עס ווערן אויסגעשליפט און אויסגעפאָרעמט די קומענדיגע דורות נאמנים לה׳ ולתורתו, וואס וועלן ווייטער שפּינען און פאָרזעצן דעם גאלדענעם קייט פון כלל ישראל.

נישט דא איז דער פּלאַץ זיך אַריינצולאָזן אין לענגערע שילדערונגען איבער די שיינקייט און גלאנץ פון אָט דעם ברייטפאַרצווייגטן חינוך נעץ, וואו מען שפּארט נישט קיין געלט, צייט און פּלאָג אַהערצושטעלן אלעס וואס עס פעלט זיך אויס פאַר׳ן הייליגן חינוך פון די צעירי הצאן און פאַרזיכערן דעם שענסטן עתיד פון יעדן איינציגן תלמיד, וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַן עולם מלא, און ווער באגלייט פונדערנאָנט מיט אַן עינא פקיחא און וואַרעמע געטריישאפט דורך די איבערגעגעבענע שטאַב מלמדים ומחנכים וועלכע טון מלאכתם מלאכת ה׳ באמונה.

בראש ההנהלה פון די ת״ת, אַלס געטרייע חברי וועד הרוחני, פיגורירן חשובע תלמידי חכמים ואנשי שם, וועלכע טראָגן דעם פולסטן אחריות און זענען כסדר דן מיט אַ כובד ראש על כל דבר קטן וגדול, זיכער צו מאַכן אז אַלעס ווערט געפירט לויט אַ דעת תורה און לויט׳ן ערליכן אויסגעטראָטענעם אידישן וועג, ועל צבאם געניסט די תלמוד תורה פון נאָכאַנאַנדע עצות והדרכות פונעם איש על העדה הגאון הצדיק רבי אהרן שיף שליט״א גאב״ד אַנטווערפּען, וועלכער דינט אַלס נשיא המוסד און איז כסדר מופיע בהדרו בין כותלי הת״ת.




״דער אייבישטער זאל העלפן ס׳זאל מקויים ווערן עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, די אלע תומכים, יעדע מוסד התורה, ובפרט אזא חשובע מוסד, דער אייבישטער זאל באצאלן מידו הגדולה הרחבה והמלאה, אלעס וואס א איד דארף, גשמיות און רוחניות, אידיש נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות״

### חותמו של כהן גדול: ת״ת איז נקראת על שמו פון הגה״ק מפשעווארסק זי״ע

חיבה יתירה נודעת לו פאַר די הייליגע תלמוד תורה, וואָס איז זוכה צו געניסן פון אַ קירבה יתירה ביי כ״ק מרן אדמו״ר הגה״ק מפשעוואָרסק שליט״א, פּארה והדרה פון די שטאָט אַנטווערפּען, וועלכער איז כסדר דורש שלומה וטובתה און די ת״ת איז איינגעקריצט על לוח לבו הטהור. דער רבי שליט״א גייט אַרויס מגדרו מיט פעולות גדולות חובקות זרועות עולם לטובת הת״ת, און האָט אַן אָפענעם טיר פאַר די געטרייע עסקני הת״ת בכל עת ובכל זמן זיי מחזק צו זיין אין די שווערע עבודת הקודש אשר בכתף ישאו.

ספּעציעל איז דאס אַרויסגעקומען צום אויבערפלאַך אין די לעצטערע יאָרן, ווען די הנהלת התלמוד תורה איז אַריינגעשפּרינגען אין אַ מולטי-מיליאָן דאָלאַרדיגן פּראָיעקט אויפצובויען אַ נייעם הערליכן בנין אין צענטער פון שטאָט, נאָך יאָרן זיך אַרומגעוואַלגערן אין אַלטע פאַר׳חרוב׳טע געביידעס, ווען דער רבי שליט״א האָט פּערזענליך אינטעטעווענירט ביי נדיבים בעם אָפּצוקויפן גרעסערע זכותים אינעם שפּאָגל נייעם בנין מפואר, וועלכע איז ב״ה נתחנך געווארן פאַרלאָפענעם זומער און געעפענט אַ נייע גלאָרייכע קאַפּיטאל בקורות דברי הימים פונעם חרדי׳שן ישוב אין שטאָט.

ועל כולם פאַרמאָגט די תלמוד תורה די געוואַלדיגע און אומשאַצבאַרע זכי׳, אַז דער רבי שליט״א האָט לעצטנס קורא שם געווען פאַר׳ן הייליגן מוסד דעם נאָמען ״תפארת יעקב״, לשמו ולזכרו פון אביו הגדול פועל ישועות בקרב הארץ הגה״ק המפורסם רבי יאַנקעלע מפשעוואָרסק זי״ע, וואָס מיט דעם איז די ״אַנטווערפּענער תלמוד תורה״ באַקרוינט געוואָרן מיט׳ן חותמו של כהן גדול, און וועט אודאי האָבן אַן איינפלוס אויף די תלמידי המוסד אַרויסצוקוקן און לעכצן צו גיין אין די וועגן פון אותו צדיק וקדוש וועלכער האָט באַשיינט די גאַנצע אידישע וועלט בצדקתו וקדושתו.







## אל יתערב זר: אַ לויטערע און ריינע חינוך אָפּוואַרפנדיג די לאָקאַלע רעגירונג שטיצע

דער צושטאַנד אין די שטאט אַנטווערפּען אנבאלאנגט געניסן פון רעגירונג שטיצע פאַר מוסדות התורה והחינוך, איז גענצליך אַנדערש ווי אין די פאַראייניגטע שטאַטן אָדער ענגלאַנד, ווען אין אַנטווערפּען טוט די אָרטיגע רעגירונג נישט שענקען קיין שום ערליי הילף פּראָגראַמען, די איינציגסטע פינאַנציעלע הילף וואָס מען קען באַקומען איז אויב מען שטעלט זיך צו גאַנצע הונדערט פּראָצענט צו אַלעם וואס זיי באַפעלן און מען קומט נאָך 'אַלע זייערע פאַרלאַנגען' אָנבאַלאַנגט די לימודים.

דאָס איז דער אורזאַך פאַרוואָס "ת"ת אַנטווערפּען - תפארת יעקב" שטייט פעלזן פעסט נישט צו געניצן פון קיין שום רעגירונג שטיצע פאַר די לערן פּראָגראַמען, על פי הוראתו והדרכתו בקודש פונעם פשעוואָרסקער רבי'ן שליט"א, מיט'ן ציל אז דער תלמוד תורה זאָל בלייבן ריין און לויטער ואל יתערב זר, טראָצדעם וואס עס איז זעלבסט פאַרשטענדליך אז דאָס וואָלט אַסאַך צוגעהאָלפן צו פאַרלייכטערן דעם ריזיגן אסטראנאמישן בודזשעט, וועלכע איז בלויז געשטיגן אין ליכט פונעם מצב העולם מיט די שטייגנדע אינפלאַציע און געהעכערטע געהעלטער פאַר די עוסקים במלאכת הקודש.

## לעזרת ה' בגיבורים: עיר הצדק קרית יואל וועט פאַרזיכערן דעם המשכת כח הקדושה

אַצינד האט דער פינאַנציעלער צושטאנד דערגרייכט צו אַ צושטאַנד, וואָס האָט געצווינגען די געטרייע חברי הנהלה צו נעמען דעם וואַנדער-שטעקן אין די הענט און אַרויספאָרן נאָך געלט צום עיר הצדק קרית יואל, דאָס וואוין ארט פון אחים לדעה תלמידים וחסידים וועלכע פאַרמאָגן דעם הייליגן פלאַקערדיגן געפיל פאַר'ן חינוך פון תינוקות של בית רבן, ווי עס לויטן די הייליגע פאָרכטיגע ווערטער פון מרן רבינו הקוה"ט זי"ע (דברי יואל מהדו"ת פ' תצא): "קדושת תינוקות של בית רבן בהבל פיהם שאין בהם חטא, זהו ההצלה היחידי וכח הקדושה שנשאר אצל ישראל בגלותן".

די יעצטיגע ערשטמאָליגע אַקציע טראָגט אַ ספּעציעלער באַדייט ווען די ת"ת שטייט ביי אַ קריטישן ווענדפּונקט, אַריינטרעטנדיג אין אַ פרישע תקופה פון זיך סטאַביליזירן און אויסברייטערן די גבולי הקדושה, נאָך וואס מען האָט ב"ה זוכה געווען צו באַנייען דעם בנין החדש והמפואר נאָכ'ן פאַרענדיגן די פאַרצווייגטע בוי-אַרבעט וואָס האָט זיך געצויגן במשך לאַנגע יאָרן, און אַצינד איז געקומען די צייט אוועקצושטעלן אַ פעלזן פעסטער יסוד צו פארזיכערן דעם קיום פונעם הייליגן מוסד וועלכע פאַרשפּרייט אירע ליכטיגקייט שטראַלן איבער די גאַנצע סביבה.

צו די אַקציע קומען צו פארן די געטרייע עסקני הת"ת וואס יומם ולילה לא ישבותו צו פאַרזיכערן אַז געלט איז נישט קיין אפּהאלט ווען עס קומט צו די טייערסטע וואס מיר פארמאגן, הלא המה: העסקן הנמרץ מוה"ר שמעון שטיין הי"ו מנכ"ל הת"ת, ואתו עמו העסקן הנמרץ מוה"ר מרדכי גלאסמאן הי"ו דער פאָנדרעיזער פונעם מוסד, וועלכע וועלן אפשטאטן באַזוכן בבתי נדיבים בעם, און ארומגיין איבער די בתי מדרשים, אנצושליסן און מזכה צו זיין דעם ציבור תושבי העיר מיט אַ זכות שותפות אינעם הייליגן מוסד.

במשך די קומענדיגע וואך פ' כי תשא וועט די הייליגע שטאָט קרית יואל באַפעסטיגן און צעמענטירן דעם לעכטיגן הייליגן חינוך פאַר'ן עתיד הדורות אין די שטאָט אַנטווערפּען, וכל נדיב לב יביאו את תרומת ה' ביים ערשטמאָליגן אַקציע להחזקת התלמוד תורה, און עס איז זיכער אַז בזכות החזקת תורת תינוקות של בית רבן בהבל פיהם שאין בהם חטא, ובזכותו פון אותו צדיק וקדוש וואס דער מוסד איז נקראת על שמו, וועלן אלע תומכים ומחזיקים געבענטשט ווערן בכל משאלות לבבם לטובה, עץ חיים הוא למחזיקים בה!






# דבי מדרשא

אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו:

# געהויבענער און ערהאבענער מסיבה נהדרה "סיום אורח חיים ח"א" אפגעראכטן דורך 'חבורת תלמודו מתקיים-זכרון אליעזר אבא ודינא רחל'

## געהויבענע סעודת מצוה אפגעהאלטן ברוב פאר והדר אין שפיץ פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א וואס איז פערזענליך געקומען זיך באטייליגן בשמחת התורה און משמיע געווען דברי חיזוק וברכה פאר די לומדי החבורה און הנהלת הכולל

רייכע סעודת מצוה סערווירט לכבוד התורה ולומדי' לרגל סיום אורח חיים ח"א קאמבאנירט מיט סיום הל' מליחה אין די ראמען פון די חבורה סדר אחצ"ה - הערליכע באטייליגונג פון הורי הלומדים וואס זענען געקומען צו פארן פון נאענט און פון ווייט זיך מיטצופרייען מיט די געהויבענע שמחה

**אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו!** - אט דאס איז געווען דער אויסדרוק ביי אלע באטייליגטע וואס האבן מיטגעהאלטן דעם געהויבענעם און ערהאבענעם סעודת מצוה לגומרה של תורה "סיום אורח חיים ח"א", וואס איז געפראוועט געווארן פאר די חשובע חברי חבורת תלמודו מתקיים-זכרון אליעזר אבא ודינה רחל, דעם פארלאפענעם זונטאג תצוה העעל"ט.

ווי באריכטעט אין די שפאלטענעס פון די 'דבי מדרשא' קאלום, אין די פארגאנגענע וואכן, האבן די חשובע געהויבענע חברי חבורת תלמודו מתקיים-סדר לפנצ"ה, זוכה געווען אין די לעצטערע זמנים מסיים צו זיין די מקצועות אין אורח חיים ח"א, וואס איז געלערנט געווארן לויט דעם געלונגענעם צוגעשטעלטן לוח החבורה, באגלייט מיט ספעציעלע בחינות און באזונדערע תשלומין אלץ מתן שכרה בצדה.

דער געהויבענער מעמד איז פארגעקומען ברוב פאר והדר אין הערליכן 'היכל המפואר' אויף קומה ג' אין ביהמ"ד הגדול, וואס איז הערליך איינגערישט געווארן, מיט די ריכטיגע כבוד מלכות, מאן מלכי רבנן, לכבוד התורה ולומדי'. עס דארף ארויסגעברענגט ווערן בשבח פון דעם דעם געטרייען מענעדזשער פון ביהמ"ד הגדול ר' שלמה צבי ווייס הי"ו, וואס שטייט שטענדיג גרייט לימין הכולל, און האט זיך יעצט באזונדער צוגעשטעלט מיט א געטריישאפט למען הצלחת המסיבה.

דער הערליכער בילד וואס האט זיך אנטפלעקט ווען דער גאנצער ציבור האט זיך געזעצט די סעודה, סעודה שתלמידי חכמים מסובין בה, האט געברענגט צום אויבערפלאך דעם געוואלדיגן חשיבות פון די חבורה, ווען עס זיצן אינאיינעם די חשובע לומדי הכולל, וואס צווישן זיי ציילן זיך פילע דיינים ומורי צדק, מרביצי תורה, ומגידי שיעור, תלמידי חכמים מופלגים וואס אין ביניהם בעולמם אלא ד' אמות של הלכה בלבד, און צוגאב איז דער בילד פרעכטיג ערפילט געווארן מיט די באטייליגונג פון די חשובע הורי הלומדים, אליינס תלמידי חכמים מופלגים, בעלי בתים חשובים, תלמידים פון מרן רביהקוה"ט זי"ע, וואס אלעס זיצט אינאיינעם לכבוד התורה ולומדי'. כי הוא לנו עוז ואורה.

### יו"ר, ר' אברהם שלום שווארץ הי"ו מנכ"ל הכולל

דער באגאאבטער מנכ"ל הכולל הר"ר אברהם שלום שווארץ שליט"א האט איינגעלייטעט דעם





מעמד און ארויסגעהויבן די חשובע חבורה וואס אין דעם חבורה ציילן זיך די אריות שבחבורה, די חשובע עלטסטע לומדי הכולל, וואס זענען פון די שענסטע פירות פון כולל, און זענען די שטאלץ מיט וואס דער כולל איז וועלט בארימט.

ר' אברהם שלום הי"ו האט מקדים געווען בברכת ברוכים הבאים פאר די פילע הורי הלומדים וואס זענען זיך געקומען מיטפרייען בשמחת בניהם, און האט בנועם שפתיו, ארויסגעברענגט דאס וואס שטייט אין זוהר הקדוש אז בזמן שמחה טרייבט מען ארויס די עלטערן פון גן עדן זיי זאלן זיך מיטפרייען בשמחת צאצאיהם, איז כש"כ אז עלטערן זאלן קומען צו פארן פון אלע שטעט און לאנגע שטרעקעס פון ווייטן קאנאדא, מיטצוהאלטן אזא געהויבענע שמחה.

## דבר חברי החבורה; אשריכם תלמידי חכמים

דאן האט ער מכבד געווען מיטן דבר החבורה הרה"ג רבי דוד יודא שטערן שליט"א מאריות וממייסדי החבורה, וואס האט פותח געווען בכבוד האכסניא, די גיבורי החיל, די חשובע חברי הנהלת הכולל און די עומדים על הפקדוים שלא יחסר המזג, וואס גיבן זיך אוועק בכל כוחם צו פארזיכערן די הצלחה פון אלע לומדי הכולל און בפרט די חשובע חברי חבורת תלמודו מתקיים. ר' דוד יודא שליט"א האט בתוך דבריו ארויסגעברענגט במעלת החבורה און די געוואלדיגע שמחת התורה וואס דאס ברענגט פאר אלע לומדים.

דערנאך האט מען געהערט די דרשה פון הרה"ג רבי אשר זעליג פריינד שליט"א דומ"ץ ביהמ"ד בית שלמה מיכל וואס האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע הצלחה פון די חבורה זינט די התייסדות החבורה און די רגשי הלב פון די פילע חברי החבורה וואס זענען שוין זוכה די לעצטע 9 יאר מיט אזא געהויבענע התמדת התורה מסיים צו זיין די אלע מקצועות שלימות, וואס דאס איז אלעס גאר שטארק צו פארדאנקן דעם איבערגעגעבענעם ראש החבורה הרה"ג ר' אברהם אלימלך שליט"א, וואס מאכט זיכער און שטייט דערויף אז אלע חברי החבורה זאלן קענען קונה זיין די לימודים, און קענען משיב זיין אויף די בחינות.

אינמיטן די דרשה פון הרה"ג ר' אשר זעליג שליט"א, האט מען געהאט די זכי' צו ענטפאנגן הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א, וואס האט זיך נארוואס צוריקגעקערט פון א לענגערע באזוך בקרב קהלתינו און מוסדותינו הק' בירושלים עיה"ק, און האט זיך מטריח געווען בטירחא דגברא רבא, צו באשיינען דעם געהויבענעם מעמד.

## הרב ר' שלמה ראטטער שליט"א רב דקהל קלוזש

דאן האט מען מכבד געווען דעם "אורח הכבוד" וואס איז ספעציעל געקומען צו פארן לרגל דעם געהויבענעם מעמד, מגדולי פטרוני הכולל, הרה"ח ר' שלמה ראטטער שליט"א רב דקהל קלוזש בקרית טאהש, אליינס איינע פון די חשובע הורי הלומדים, וואס האט די זכי' צו זעהן זיין חשובער זון ר' יואל שליט"א, איז זוכה לעלות על במתי התורה בקרב כוללינו, און האט יעצט זוכה געווען מסיים צו זיין או"ח ח"א אין די ראמען פון די חבורה. הרב ר' שלמה שליט"א האט מפי ספרים וסופרים ארויסגעגעבן רגשי לבבו צו קענען מיטהאלטן די שמחה, און האט ארויסגעברענגט די נחיצות פון מסיים זיין און קענען די מקצועות און אורח חיים ח"א, כידוע פון הייליגן חתם סופר זי"ע, ווען א בן תורה איז געקומען נעמען א היתר הוראה, האט ער קודם פארהערט אין או"ח ח"א, ווייל אהן דעם איז מען נישט קיין איד.

## דברי תורה ויראה; הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

ביותרת הכבוד האט הר"ר אברהם שלום הי"ו מכבד געווען הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א משמיע צו זיין דברי ברכה, חיזוק והדרכה פאר די חשובע לומדים. ער האט דערמאנט די זכי' וואס די חברי הכולל האבן געהאט דעם אנהויב ווינטער, אז הגאון הצדיק דער רב שליט"א, האט זיך געשטעלט בראש אויסצופירן דעם תקנה קבועה אנבאלאנט די טעלעפאונס וואס דארפן זיין גענצליך אפגעהיטן, בפקודת הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, וואס א דאנק די געוואלדיגע עבודה וואס דער רב שליט"א האט אריינגעלייגט, האט מען זוכה געווען צו א רוח טהרה אין כולל, לעילא ולעילא.

הגה"צ דער רב שליט"א האט משמיע געווען דברי חיזוק ועידוד בשבח הכולל און באזונדער בשבח פון די חשובע חבורה, וואס מען איז זוכה מסיים צו זיין בקרוב רוב חלקי שו"ע, און מגייט ווייטער מחיל אל חיל, וואס דאס איז א לימוד פאר אנדערע, צו זיין פון די בני עלי', און דאס ברענגט אריין ביי אנדערע א קנאת סופרים תרבה חכמה.

דער רב שליט"א האט בתוך דבריו אויסגערימט די געטרייע הנהלת הכולל, און ארויסגעברענגט די זכי' פון די נדיבים בעם וואס שטייען לימינם פון די הנהלת הכולל צו קענען אויפהאלטן און מרומם זיין דעם קרן התורה, וואס די זכותים זענען געוואלדיג גרויס און דאס טוט משפיע זיין השפעות טובות פאר יעדן וואס העלפט צו דערצו.

מיט א לענגערע אריכות האט דער רב שליט"א מאריך געווען מפי ספרים וסופרים די געוואלדיגע זכי' פון די לומדי החבורה וואס זענען כסדר מוסיף והולך, און זיך אויסגעדריקט "אז מ'דארף דאנקן אז דא אין די קהלה איז דא אזא חבורה".

די ווארימע ווערטער פון רב שליט"א האט געגאסן עמערס חיזוק פאר די לומדי החבורה, און האט געדינט אלץ די נויטיגע חיזוק צו גיין ווייטער מחיל אל חיל אין די פרישע סדר לימוד אין הלכתא רבתא לשבתא, וואס די חברי החבורה האבן אקארשט אנגעהויבן צו לערנען בעצם היום, זונטאג אין די פארמיטאג שעות, בשעטומ"צ.

בסיום המעמד האט מען מכבד געווען מיט ברכהמ"ז דער איבערגעגעבענער ראש החבורה הרה"ג ר' אברהם אלימלך ווייס שליט"א, וואס מיט דעם האט זיך געשלאסן דער געהויבענער סעודה שתלמידי חכמים מסובין בה, און דערנאך איז יעדער זיך צוגאנגען מיט געהויבענע געפילן און חיזוק אויף ווייטער ממשיך צו זייו בלימוד וחזרה און הלכתא רבתא לשבתא, וואס די חברי הכולל האבן שוין אנגעהויבן לערנען פארגאנגענעם זונטאג תרומה העעל"ט.





# הונדערטער חברי הכולל לומדי החבורות פרייען זיך מיט בשמחתם פון ראשי החבורות ופטרוני הכולל

### שמחת הולדת הבן ביי הרב הגאון, כביר הפעלים, רבי יצחק יודא שווארץ שליט"א, ראש החבורות; לומדי הכולל פרייען זיך מיט און נעמען אנטייל ביי די שמחה מיט ברכות לרוב

הונדערטער לומדי הכולל וחברי החבורות זענען מכיר טובה פאר אומגעהויערע עבודת הקודש וואס דער געטרייער מנהל וראש החבורות שליט"א איז משים לילות כימים פאר די הצלחה און הרמת קרן הכולל בפרטיות ובכלליות אין אלע אספעקטן

### שמחת אירוסין פון בת הרבני הנגיד הנכבד ר' יואל גרינהוט שליט"א פטרון חבורת מנחם זאב ומפטרוני סדר מחודדים עב"ג הב' בן הרבני הנכבד ר' שלמה לייב עלענבויגן שליט"א מחשובי לומדי הכולל

חברי החבורת מנחם זאב - פרייען זיך מיט ווי א פערזענליכע שמחה בבית פטרון החבורה, וואס חלק כחלק יאכל אין די יגיעת והתמדה בתורה פון די צענדליגער חברי החבורה וואס ווערן באגלייט דורך דעם ראה"ח הרה"ג רבי אברהם יוסף יאקאבאוויטש שליט"א

### שמחת הולדת הבת ביי הרבני הנגיד הנכבד, ר' יואל אברהם יודא הכהן שווארץ שליט"א, מפטרוני חבורת ישראל והזמנים; פילע חברי החבורה און ראשי והנהלת הכולל באטייליגן זיך ביי די שמחת קידושא רבא

חברי החבורה וואס זענען זוכה זיך משלים צו זיין אין די מקצועות שלימות וואס ווערט דורכגעלערנט אין די ראמען פון די געהויבענע חבורה ישראל והזמנים זענען מוקיר און מעריך חשובער פטרון החבורה שליט"א, וואס בנדבת לבו הטוב פארזיכערט ער די הצלחה פון די חבורה אין שפיץ פון ראש החבורה הרה"ג רבי יואל לעבאוויטש שליט"א

כִּי כֵן יִסַּד הַמֶּלֶךְ לַעֲשׂוֹת מִדֵּי שָׁנָה בְּשָׁנָה

# דעם רבי'נס איינוואוינערס

תושבי עירינו קרית יואל - גרייטן זיך צו

# דעם רבי'נס אפיעל

פאר ממלכת התורה 'מוסדות תורה ויראה' באר"ה"ק




**דעם רבי'נס איינוואוינערס**
**גיבן פארן רבי'נס אפיעל**
**$180**

פארן **גרעסטן** תורה-נעץ ממלכת התורה מוסדות **תורה ויראה** באר"ה"ק




COLONIAL IN VILLAGE OF MONROE

# FOR SALE

**18 Hillside Terrace** Monroe NY 10950

| | | |
|---|---|---|
| **2,552** square feet | **3** upstairs **1** downstairs bedrooms | **2** car garage |
| **4** heating zones | **Central** air conditioning | **Central** vacuum cleaning |
| **Security system** | **Fireplace** | **Fenced in** back yard |
| **Quartz** counter tops | **Crown molding** all floors | **Brand new** Boiler / Central Air |

**Price: $640,000**




## Chester (Blooming Grove)

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 3 Seely Road | $649,000 | 5 | 3 | 2208 | 0.6435 |
| 8 Country Woods Drive | $679,900 | 5 | 3 | 3120 | 4.3 |
| 4 Camelback Road | $1,100,000 | 4 | 4 | 4854 | 3.8 |
| 15 Primrose Lane | $1,299,000 | 4 | 4 | 4306 | 2.5 |

## Village of S. Blooming Grove

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 41 Peddler Hill Road | $749,000 | 4 | 3 | 1104 | 0.7071 |
| 215 Prospect Road | $2,900,000 | 4 | 3 | 2234 | 5 |
| 6 Strawberry Lane | $799,000 | 4 | 3 | 1630 | 0.5998 |
| 64 Duelk Avenue | $765,000 | 4 | 1 | 1524 | 0.3409 |
| 15 Mangin Road | $625,000 | 2 | 2 | 1618 | 0.4042 |
| 13 San Antonio Circle | $699,000 | 4 | 2 | 1870 | 0.6769 |
| 17 Mangin Road | $799,000 | 4 | 2 | 1672 | 0.475 |

## Woodbury / Highland Mills

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 34 Dogwood Drive | $489,000 | 3 | 3 | 2140 | 0.6156 |
| 16 Dunderberg Road | $499,000 | 2 | 2 | 1290 | 0.6359 |
| 115 Brigadoon Blvd | $850,000 | 4 | 4 | 3791 | 0.62 |
| 17 Sunny Lane | $795,000 | 3 | 2 | 1277 | 0.2152 |
| 117 Brigadoon Blvd | $725,000 | 4 | 3 | 2963 | 0.62 |
| 268 Bakertown Rd | $899,000 | 3 | 2 | 1072 | 0.37 |
| 44 Country Hollow | $799,000 | 4 | 3 | 2006 | 1.1 |
| 415 State Route 32 | $19,000,000 | 11 | 6 | 7420 | 142.4 |
| 27 Catskill High Rail | $1,034,000 | 4 | 2 | 3575 | 0.69 |
| 41 Central Valley Line | $1,499,000 | 6 | 5 | 3918 | 0.45 |
| 39 Central Valley Line | $1,549,000 | 6 | 5 | 3918 | 0.45 |

זייט דער
ערשטער צו
וויסן ווען א
נייע הויז קומט
ארויף אויף די
מארקעט

— ...... —

text your email address to:
**845-204-8067**

## Monroe town / village

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 6 Brooks Avenue | $425,000 | 3 | 1 | 1056 | 0.1433 |
| 38 Mid Oaks Street | $489,000 | 3 | 2 | 1332 | 0.3508 |
| 8 Mine Road | $549,000 | 4 | 2 | 1716 | 0.4829 |
| 3 Mid Oaks Drive | $625,000 | 3 | 2 | 1784 | 0.264 |
| 158 Rye Hill Road | $700,000 | 4 | 4 | 2088 | 0.6862 |
| 128 Carpenter Place | $599,000 | 3 | 2 | 1822 | 0.1791 |
| 43 Park Avenue | $599,000 | 4 | 3 | 2083 | 0.1671 |
| 8 Forest Avenue | $1,389,000 | 5 | 4 | 3323 | |
| 29 Chatham Road | $689,900 | 4 | 3 | 1888 | 0.2152 |
| 3 Holland Road | $1,199,999 | 4 | 4 | 3200 | 0.4405 |
| 603 Stage Road | $799,000 | 4 | 3 | 2560 | 0.759 |
| 86 Cromwell Hill Road | $379,000 | 3 | 1 | 1421 | 0.1148 |
| 26 High Ridge Road | $480,000 | 3 | 2 | 1694 | 0.3489 |
| 240 Renies Road | $649,000 | 4 | 4 | 3097 | 0.4591 |
| 5 Jane Court | $574,999 | 3 | 2 | 2487 | 0.2755 |
| 47 Cromwell Hill Road | $400,000 | 3 | 3 | 1524 | 0.4132 |
| 39 Center Hill Road | $468,000 | 3 | 3 | 1356 | 0.2388 |
| 34 Cromwell Road | $575,000 | 3 | 3 | 2742 | 3.3 |
| 314 Harriman Heights Rd | $1,000,000 | 4 | 3 | 2764 | 3.4 |

## Blooming Grove (town) Washingtonville

| Address | Price | Beds | Baths | Sq Ft | Acres |
|---|---|---|---|---|---|
| 170 Prospect Road | $999,000 | 3 | 1 | 1800 | 2 |
| 124 Barnes Road | $479,900 | 3 | 2 | 1708 | 0.4132 |
| 119 Helms Hill Road | $475,000 | 3 | 2 | 1700 | 1 |
| 18 Menayas Court | $1,200,000 | 5 | 4 | 4139 | 3.2 |
| 2785 Route 94 | $513,000 | 3 | 3 | 2618 | 1.5 |
| 75 Horton Road | $799,900 | 3 | 3 | 2224 | 3.2 |
| 101 Mtn Lodge Road | $3,999,999 | 4 | 5 | 4461 | 38.1 |

HGMLS Hudson Gateway Multiple Listing Service, Inc. All Rights Reserved. Information Deemed Reliable But Not Guaranteed. The data relating to real estate for sale or lease on this page comes in part from HGMLS. Real estate listings held by brokerage firms other than Realty Blue.

Not responsible for typographical errors

REALTOR® EQUAL HOUSING OPPORTUNITY HGMLS

The REALTY BLUE group

יצחק אייזיק ראטטענבערג
845-662-1849

שלום מאיר טארים
845-629-5186

הבוחר בתורה ובמשה עבדו:

# פרישע בלבול המוחות בוזשעוועט אין שאַטן פון 'בחירות לעירי' קומענדיגע וואך

אַ פרישע מבול פון הסתה און טירוף האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַלע שטעט לענגאויס ארץ הקודש, ווען די רעליגיעזע פּאַרטייען פיבערן מיט פּראָפּאַגאַנדע אין בעפאָרשטייאונג צו די 'בחירות לעיריות הציונות', וואָס איז גע'אסר'ט געוואָרן דורך דעם ביד"ץ העדה החרדית.

ביי די יעצטיגע 'עירי' בחירות הערשט אַ געוואַלדיגע מצב פון 'פירוד לרשעים' ווען די פּאַרטייען זעלבסט זענען צעשפּליטערט צווישן זיך מיט פילע קאַנדידאַטן, און דעריבער איז ערוואַרטעט אַז זיי וועלן מיט אַלע כוחות פּרובירן צו שלעפּן שטימען אויך פון אַנדערע קרייזן, היל"ת.

די 'עירי' פון בית שמש האָט ארויסגעשטעלט 3 קאנדידאטן פאַר'ן פאזיציע פון ראש 'עירי'. די ערשטע קאַנדידאַטקע איז די באוואוסטע זרש'ל, וואס שלאגט זיך און פארקנאקט בתי מדרשים אין בית שמש - רמה ד' און אין בית שמש - רמה ה' וועלכע לויפט אצינד נאכאמאל צו קענען ווייטער פארזעצן מיט אירע מעשה תעתועים.

אין צוגאב לויפן צוויי אנדערע קאנדידאטן פאר דער שמוציגער פאָזיציע, איינער איז 'גרינבערג' פון די דגל התורה פארטיי וועלכער האט אריינגעברענגט 'ענגליש' אין די ת"ת און וועלכער שטעלט אהער א שרעקליכע סכנה ברוחניות ובגשמיות. דער דריטער איז א געוועזענער חבר כנסת המינים מטעם די ש"ס פארטיי וואס אויף אזא פארשוין איז נישטא וואס צו ערווארטן ער זאל עפּעס ברענגען גוטס.

אזא אויסוואל העלפט נאר אז ערליכע אידן זאלן נישט נאכגעשלעפּט ווערן און פארפירט ווערן צו גיין שטימען אין די וואלן. אין צוגאב צום איסור פון זיך משתתף זיין און האבן א חלק אין די מלכות המינות ווו מען דארף כהיום שווערן א שבועת אמונים (שבועת המינים).

אפילו די ווייטערע קרייזן, וואס ליידער ווייסן זיי נישט דעם חומר האיסור, הייבן אן פארשטיין אז די גאנצע שטימען איז געווארן א 'חוכא וטלולא', ווען מ'זעהט ווער זענען די ארויסגעלייגטע 'פארשטייער' פאר די געגנט. קלוגע אידן שטייען ווייט מהם ומהמונם נישט אריינגעשלעפּט צו ווערן אין די 'בחירות פיבער' וואס די רעליגיעזע פארטייען נוצן אויס אריינצושלעפּן תמימי לב אינעם בלבול ופירצת המוחות והחומות.

אזוי אויך שטייט מען על משמר הקדושה ווען מען רייסט אראפּ פון די אויטאָבוסן תמונת שחץ און תמונת נשים וואס ווערט געהאנגען אין ליכט פון די בעפארשטייענדע בחירות זייענדיג א ריכטיגע עבירה גוררת עבירה צו פאַרשפּרייטן אַזעלכע בילדער אויף באָסעס וואָס פארן אריבער אין די פרומע געגענטער, און ערליכע אידן רייסן דאָס אראפּ מיט גרויס הצלחה, צו מקיים זיין ובערת הרע מקרבך.

**כִּי בָחַר ה' בְּצִיּוֹן!**

ב"ה

# דעת תורה

הננו לגלות דעתינו דעת תורה בקשר להבחירות להעיריות העומדות להתקיים בחודש זה, שכבר נידון הדבר בתחילת הקמת השלטון בבחירות להעיריות, ורבינו גאון הגאונים אביר הרועים מרן זעליג ראובן בענגיס זיע"א ובית דינו הגה"צ זצ"ל ואחריו מרן בעל מנחת יצחק זיע"א והגאוה"צ הביד"צ זצ"ל עד היום

**הורו לאיסור חמור**

והפס"ד שיסודו עפ"י תורה"ק הנצחית, אין בכח מי שהוא לבטלו ח"ו **ואסור לקחת חלק בבחירות אלו**, ובאיסורא קיימי.

והשומע ישכון בטח ושאנן, ונזכה לביאת משיח צדקנו ומלאה הארץ דעה את ה' וימליך קוב"ה במלכותיה ויקריה בב"א כי"ר

ד' אדר הראשון תשפ"ד לפ"ק

נאם משה שטרנבוך · נאם אברהם יצחק אולמאן · נאם יהושע ראזענבערגער
נאם יעקב מענדל יאראוויטש · נאם יהודה במהגרי"י פישר · נאם שלמה יהודה הירש
נאם שמואל בהגה"צ מהר"מ זצללה"ה בראנדסדארפער · נאם שמעון יצחק שלזינגר · נאם אהרן בראנדסדארפער

י' אדר הראשון תשפ"ד לפ"ק

**בהיות ומפיצים שמועות כאילו אין האיסור כולל עיריות חרדיות או עיריות במקומות אשר התיישבו שם לאחרונה. הננו להודיע כי האיסור הנ"ל כולל עיריות הנ"ל ללא הבדל, וגם כשמדובר בבחירה ישירה לראש עיר חרדי, האיסור בתוקפו ואיתנו ללא שינוי, ואמת תורתינו לעולם.**

ובאעה"ח בפקודת רבותינו הגאוה"צ הביד"צ שליט"א

# שוידערליכע פּרואוו דורך באַרבאַרישע ציונ'יסטישע פּאָליציי צו אַרעסטירן חשוב'ע מתנדבות פון 'בנות מלך' פאַרנט פון לשכת הגיוס

צווישן די רייע פעולות דורך די יהדות החרדית צו ראטעווען נשמת ישראל משמד איז די טעגליכע אנוועזנהייט פון חשוב'ע מתנדבות פון 'בנות מלך' וועלכע שטייען רעגלמעסיג פארנט פון די לשכת הגיוס צו געבן אנווייזונגען פאר אידישע מיידלעך וועלכע גייען ליידער יא אריין אין לשכה און זיי אנווייזן די געזעצליכע רעכטן א.א.וו. לבל יפוח בפח יוקשים.

דעם פארלאפענעם מיטוואך האט זיך אפגעשפילט א שרעקליכע סצענע ווען איינס אזייגער נאכמיטאג איז א פרייע חצופה באפאלן די חשוב'ע מתנדבות ביים לשכת הגיוס אין רחוב רש"י אין ירושלים פאַר'ן בלויזן חטא פון שטיין און ראטעווען בנות ישראל. איינע פון די חשוב'ע מתנדבות האט איר שארף צוריק געענטפערט און די פרייע האט געכאפט א בילד און אריין גערופן די פאליציי פאר די חוצפה... די מתנדבות האט ע"פ הוראת העסקנים געמאכט פליטה פונעם שטח.

די פאליציי איז נאכדעם אנגעקומען און באפאלן אנדערע צוויי פרויען, מתנדבות פון 'בנות מלך'. זעענדיג אז זיי טרעפן נישט די געזוכטע פרוי זענען זיי צוגעגאנגען צו די אנדערע צוויי פרויען און אנגעהויבן צו קייטלען מיט'ן פלאן זיי צו פירן צום פאליציי אויטא. אבער באַלד איז אנגעקומען א רוף פאר יקירי ירושלים וואס האבן אנגעהויבן מיט שטארקע קולות מחאה און די פאליציי האט זיך דערשראקן און זיי אפגעלאזט.

חשוב'ע אידן וואס זענען דארט געווען אנוועזנד בשעת מעשה דערציילן אז די אלע פירער פון די לשכת הגיוס מיט די פאליציי זענען אריין אין גאר א שטארקע פּאַניק, ווען זיי אלע זענען געקומען צו לויפן מיט גרויס בהלה אנגעהויבן פון די גרויסע הויפטן ביז די סאלדאטן און אפילו ביז די רייניגערס.. מבכור פרעה היושב על כסאו עד בכור השפחה...

אבער די מעשה האט זיך נישט דא געענדיגט. דריי אזייגער נאכמיטאג זענען די פאליציי ווידער צוריקגעקומען און שוין ליידער אנגעיאגט צו קייטלען אין איילעניש די צוויי חשוב'ע מתנדבות אבער גלייך ווי יקירי ירושלים זענען אנגעקומען אויפהייבן א קול מחאה האט מען זיי אפגעלאזט און די מתנדבות זענען תיכף צוריק אויף זייערע פאזיציעס פארצוזעצן ווייטער מיט די הייליגע מיסיע צו שטיין אויפן פראנט אפצוראטעווען נשמת ישראל פון שמד.

**המה כרעו ונפלו ואנחנו קמנו ונתעודד!**

משמרת חומתינו

# שוידער; אנטיק רויבער און ציוני'סטישע אַרכילאָגן פאַרשוועכן מערה פון קברי ישראל מזמן התנאים אין אתרא קדישא מירון

א שוידערליכע שמועה איז אנגעקומען איבער גראבונגען אויף הר מירון וואס האט תיכף אנגעצינדן אן אש קודש למען קדושי ארץ, ווען עס איז נתפרסם געווארן דורך די עסקני 'אתרא קדישא', אז 'שודדי עתיקות' (דאָס זענען גנבים וואָס באַרויבן אַלטע אַנטיק זאַכן) האבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף א מערות קבורה אין דער געגנט פון מירון וואו זיי טשעפּענען די הייליגע נפטרים.

דאָס האָט זיך אָנגעהויבן ווען עטליכע מאָדנע מענטשן האבן באשלאסן צו ניצן די מערות קבורה פאר זייער מקום מקלט און זיי האבן ליידער ארויסגעגראבן א גרויס חלק פון דער מערה.

ווי נאָר מען האָט זיך דערוואוסט זענען ערליכע אידן גלייך אראפ געפארן אויפן פלאץ און מוחה געווען כדת של תורה ביז מ'האט ב"ה באוויזן אפצוהאלטן די שודדים פארצוזעצן מיט זייער רויב אויפ'ן הייליגן שטח.

ס'איז געווען טראַגיש צו מיטהאַלטן וואו די ציוני'סטישע פּאָליציי האָט צוערשט אַרעסטירט אויף לפנים די רויבער, אבער מ'האט זיי גלייך ארויס געלאזט, ווייל זיי זענען נישט קיין פרומע אידן..! אין דער צייט וואס דער עונש פאר דעם חטא איז ביז 3 יאר תפיסה.

די פאַרשאָלטענע אַרכילאָגן, וועלכע האָבן זיך אַצינד דערוואוסט פון דער מערה, האבן באשלאסן אז זיי וועלן אויסניצן די געלעגנהייט, אין פאריגע וואך מיטוואך האבן זיך 8 אַרכילאָגן אַראָפּגעלאָזט אויפ'ן שטח מיט'ן פלאן אינגאנצן חרוב צו מאכן די מערה, אויף אַ שנעלן אופן, אין אַ רעגנדיגע טאָג, האָפענדיג אַז מען וועט זיי נישט כאַפּן.

ווי נאר די שמועה איז אנגעקומען צו די עסקנים פון 'אתרא קדישא' האבן זיי תיקף אלארמירט ערליכע אידן, איבערהויפּט פון די נייע היימישע 'הר יונה' געגנט, וועלכע זענען געקומען צופאָרן אויפ'ן פלאץ אפצוהאלטן דעם חילול קברים.

ווי נאר זיי זענען אנגעקומען און האבן ב"ה באוויזן צו פארטרייבן די ארכילאגן פון דארט האט זיך אנטפלעקט די שוידערליכע מחזה וואס די באנדיטן האבן אפגעטוען די לעצטע צייט, ווען א גרויס חלק פון די מערה איז געווען אויסגעגראבן, און הייליגעביינער האבן זיך דארט ארום געוואלגערט אויף א שוידערליכן אופן.

די ערליכע עסקנים האָבן זיך גלייך גענומען צו דער הייליגער אַרבעט פון ליקוט עצמות, אונטער די שטרענגע אויפזיכט פון 'אתרא קדישא'. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז די מערת קבורה איז שוין אַלט פון דעם זמן התנאים! די עבודת הקודש האָט געדויערט עטליכע טעג ווען ס'איז ב"ה צוריקגעשטעלט געוואָרן די כבוד המתים, און מען איז מתפלל אויף ווייטער שלא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים.

**המצא מנוחה נכונה!**


לעבט מיט די באריכטן פון מערכות הקודש אין ארץ ישראל

קול זעקה
605.313.6884

קול האמונה
718.298.4754

מערכת סאטמאר
718.831.7000
#1-1-4








ליקוט עצמות באישון לילה אויפן הר מירון דורך מוסרי נפש נאך שוידערליכע גראבונגען


בס"ד

אחיעזר

M. 6 Van Buren Dr. #102
Monroe NY 10950

P. 845.637.7778

E. office@achiezerky.org

מקדמים אנו בברכה את פני הני מוסרי נפש הלא המה המנהלים החשובים אשר באו מהתם להכא לכתת רגלם לקיום וביסוס חינוך הטהור בארה"ק

הרב אברהם קויפמאן שליט"א
ת"ת חומת יהושע ירושלים
סוג: ישוב הישן

הרב אליעזר ראזענטאהל שליט"א
ת"ת מנוחה וקדושה בית שמש
סוג: בני תורה וליטאים

הרב שמואל אריאלי שליט"א
בית חינוך לבנות בראכפעלד
סוג: ליטאים

אנ"ש תלמידי וחסידי רביה"ק זי"ע

בואו והשתתפו בהמוניכם לחזק הני מוסרי נפש אשר עזבו משפחה ובאו לדרך רחוקה רק כדי לקיים את התורה בארה"ק שלא להנות מצפרני רשעים אפי' בזוז כל שהוא

הנהלת אחיעזר קרית יואל


משמרת חומותינו

# מוסר הנפש הגאון הישיש רבי נח בן מאטיל בריינדוויין לרפו"ש באפרייט פון שפּיטאָל

## נאכ'ן באַרבאַריש צוטרעטן ווערן פון ציוני'סטישע פערד במערכה למען הצלת מתי ישראל

א פאזיטיווע באריכט קומט אריין איבער די מצב הבריאות פון הגאון רבי נח בריינדוויין שליט"א וואס איז שווער פאַרוואונדעט געווארן בשעת די שטורעמישע הפגנות צו ראטעווען א נפטר מצפרני רשעים פון דורכפירן ניוול המת און ניתוחי מתים רח"ל.

אין לויף פון די פייערדיגע מחאות אויפן ווינקל פון יחזקאל - שמואל הנביא זענען געקומען צולויפן די ציוני'סטישע פערדן וועלכע האָבן זיך אַ לאָז געטון אויף דעם ציבור און אויפ'ן ארט איבערגעטרעטן הגאון רבי נח שליט"א וועלכער איז געשטאנען דערביי אלס טייל פונעם יהדות החרדית לעצור בעד המשחית.

הגאון רבי נח שליט"א איז שווער פארוואונדעט געווארן



רשעות האט אויך א גבול; אבער נישט אין די מדינה של גיהנום
אידישע וועלט אויפגעשוידערט איבער בארבארישע 'צוטרעטונג' פון ציוניסטישע פערד, אויף מוסר הנפש ונשוא פנים ות"ח מופלג



ראש הישיבה הגאון הגדול רבי יהושע דוד טורטשין שליט"א
איז מבקר חולה הרה"ג ר' נח שליט"א



כ"ק האדמו"ר דקהל חסידי ירושלים שליט"א ביים
ארויסצייגן סאָלידאַריטעט מיט דעם מוסר נפש

און איז אריינגעפירט געווארן צום עין כרם שפיטאל וואו ער איז באהאנדלט געווארן פאר וואונדן איבער זיין גוף און אויך איבער אן אינערליכע בלוטיגונג אין קאפ ה"י, וואס מען האט ב"ה באוויזן אפצושטעלן און סטאבעליזירן דעם מצב הבריאות.

ב"ה דעם פארלאפענעם וואך לאור די פארבעסערונג אין זיין מצב איז ער באפרייט געווארן פון שפיטאל און איז אהיימגעפירט געווארן צו זיך אין שטוב.

ס'איז געווען אַ מחזה נהדר ווען די גדולי הרבנים שליט"א, צווישן אנדערע ראש הישיבה הגאון הגדול רבי יהושע דוד טורטשין שליט"א און כ"ק האדמו"ר דקהל חסידי ירושלים שליט"א, זענען אריבערגעקומען אין שטוב צו מבקר חולה זיין און זיך אינטערסירן אויף זיין מצב און צייגן סאָלידאַריטעט מיט דעם מוסר נפש וועלכער האט זיך געלאזט טרעטן און שלאגן למען כבוד שמו יתברך.

אזוי אויך האב פילע רבנים און מנהיגי הקהילות זיך פארבינדן טעלעפאניש מיט הגאון רבי נח שליט"א און זיך שואל געווען בשלומו.

מען דארף נאך תפילת ישראל פאר א גענצליכע ערהוילונג און דער ציבור איז מתפלל פאר הגאון רבי נח בן מאטיל לרפו"ש עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים.

**כי תצא למלחמה על אויביך, וראית סוס לא תירא מהם!**

• • •

ומשוך כלפי דרום:

# אויף דרום ארץ ישראל געפלאַקערט מיט שטורמישע הפגנות אַדאַנק לוחמי מלחמת ה' פון 'קוממיות'

ווי באריכטעט איז ארץ ישראל אויפגעציטערט געווארן ימה וקדמה ווען אין יעדע געגענט וואו מען האָט נאר געהערט איבער די שרעקליכע בשורה איומה, די פרואוון צו שניידן א אידישע נפטר ה"י, האט דאס אויסגערופן א ספאנטאנע רעאקציע ביי בני ציון וואס ברענט אין זיי דעם אש קודש קעגן די פושעים במעל הזה.

די פראטעסטן האבן איינגעהילט פילע געגענטער, דערפלעך און שטעט איבער גאנץ ארץ ישראל. די שטורעמישע פראטעסטן האבן געגרייכט אויך קיין קוממיות וואו די דארטיגע כולל יונגלייט וואס לערנען אין דעם כולל פון הגאון האדיר רבי דוד מיכאל שמידל שליט"א און אַזוי אויך די תלמידי הישיבות פון 'יטב לב דסאטמאר' און ישיבת 'כנסת אליהו', זענען ארויסגעקומען צו אויסשרייען דעם געשריי פונעם יהדות החרדית קעגן די ניתוחי מתים. די פאליציי אין יענע געגענט זענען געשטאנען מיט פארלייגטע הענט און נישט געוואוסט ווי אזוי צו באהאנדלען דעם ציבור. וואס האט אפגעשטעלט די הויפט שאסייען אינעם געגענט פאר א לאנגע צייט.

נאכדעם וואס די פאליציי האט געזען אז זיי קענען נישט צוריקכאפן קאנטראל אויף די מצב זענען זיי אריין אין א רציחה און אנגעהויבן האקן קעפ מיט מכות אכזריות און דאס האט געפירט צו איין ארעסט ווען די סאדיסטישע פאליציי האָט אונטער ארעסט א חשוב'ער לומד פון דעם כולל תחת נשיאות הגאון האדיר רבי דוד מיכאל שמידל שליט"א. דער אסיר ציון איז ווייטער באגלייט געווארן מיט יעוץ דורך די 'וועד למען אסירי ציון'.

דער אנשליס פון יהדות החרדית די תושבים אין קוממיות האט געברענגט א פאראייניגטע פראנט וואס האט ארומגענומען גאַנץ ארץ ישראל סיי אין צענטער פון ארה"ק, ירושלים, בית שמש, בני ברק, סיי אין צפון פון ארץ ישראל חריש, הר יונה, צפת. און דאָס זעלבע אין דרום ארץ ישראל, וואו עס איז פארגעקומען פראטעסטן אין קוממיות און דאס יהדות החרדית איז ארויסגעקומען מיט מחאות כדת של תורה למען כבוד המת.

**ואולך אתכם קוממיות!**







אויפן בילד: באַקאַנטער מוסר נפש הרב ר' שלמה זלמן ווייספיש שליט"א ביים העלדיש פארמאכן די שאסיי, אריינכאפענדיג אַ רשעות'דיגע שטויס פול מיט האַס און שנאת ישראל...

# אויפ'ן שפיץ גאפל



ה' נשי במאי קא זכיין:

## הונדערטער צעריסענע מלבושים דורך אכזריות'דיגע פּאָליציי ווערט פאַרראָכטן דורך נשים צדקניות

אַ געוואלדיגע מחזה איז געזען געוואָרן אין מוקד אין חברה ש"ס 9 וואו עס איז דעזיגנירט געווארן א באשטימטע אדרעס וואו עס קומען אן אהין הויפענעס פון שווער געשעדיגטע און צוריסענע קליידער וואס די פאליציי האט שאדן געלייגט בשעת די שטורעמישע הפגנות קעגן די גזירה פון ניתוחי מתים.

"וכל אשה חכמת לב בידיה טוו"! אויפ'ן פלאַץ האָבן חשוב'ע מתנדבות, נשים צדקניות, זיך אנגעטראגן צו פאררעכטן און פארנייען קליידער וואס קענען נאך צוריקגעשטעלט ווערן. דאָס ווערט געטון פריי פון אפצאל צו האבן א חלק מיט די מוסרי נפש.

טייל פון די קליידער איז פשוט נישט שייך צו פאַררעכטן, נאָכדעם וואָס די פאליציי האט געקאנאקט און געהאקט, צוריסן און צופליקט אלעס וואס איז זיי געשטאנען אין וועג. אויף אַזוי ווייט אז ס'איז שווער צו טראכטן אז די קליידער איז געוועזן אויף איינעם בשעת'ן אזוי געשעדיגט ווערן. ברילן, הוטן, רעקלעך, מאנטלען. א.א.וו.

תושבי חו"ל טוען זיך אין די טעג גאר ווארעם אנרופן אויסצוצאלן די אומגעהויערע שאדן וואס די מוסרי נפש האבן געהאט אויסצושטיין, אין צוגאב צו די שווערע קלעפּ וואס זיי האבן געכאפט בגופם וואס דאס קען מען נישט באצאלן. אבער כאָטש די שווערע שאדן פון אזויפיל אלפים הערט מען א גאר ווארימע אפרוף פון אידן איבער די וועלט איבערהויפט פון די סאטמארער צענטערן פון בעה"ב און אברכי הכוללים וואס רופן אריין 'קול זעקה' און לאזן א מעסעדזש צו ווערן פארבינדן מיט א מוסר נפש, צו האבן א חלק ובכל מאודך אין דעם מערכה כבידה למען כבוד המתים.

**אית מאן דפרע בממונא**

• • •

ה' עמכם גיבורי חיל:

## דערהויבענע 'כינוס חיזוק' אין 'ישיבת בית הלוי' פאר אַריבער 100 'גיבורי חיל' צייתי דינא פון פסק הביד"צ

אַ געהויבענער כינוס חיזוק איז פארגעקומען פארגאנגענעם מוצ"ש פרשת משפטים פאר די אריבער הונדערט בחורי חמד, תלמידי 'ישיבת בית הלוי' וועלכע שטעלן זיך נישט צום לשכת הגיוס כפי פסק ביד"צ עדה החרדית שליט"א, וואס דאס איז די שטערקסטע מלחמה דעקלעראציע קעגן די גוזרי גזירה צו זאגן אין פנים אריין 'את וכלבא שווין' זייענדיג גרייט זיך צו מוסר נפש זיין דערויף מיט אלע קאסעקווענצן און צוימונגען וואס דאס נעמט אַריין, מיט א גאווה דקדושה לויטן פסק פון רבותינו הגאוה"צ שרי ביד"צ שליט"א.

דער מעמד איז פארגעקומען אין שטאט בית שמש אין א גרויסן זאל מיט סעודת מלוה מלכה און כלי זמר. הר"ר פנחס לייפער שליט"א יו"ר האט געעפענט דעם מעמד ארויסהייבענדיג די זכיה צו זיצן צווישן אזא גרויסע קיבוץ פון אריבער הונדערט קעמפער אינעם אייבערשטענ'ס ארמיי. ומאה מכם רבבה ירדופו.

דערנאך האט אויפגעטרעטן דער נואם הכבוד הרה"ג ר' בנימין יוסף לעזער שליט"א ר"מ בישיבת מאכניבקא איבער דעם גרויסן זכות וואס זיי האבן, און נאכגעברענגט פון ספה"ק אז אפילו איינער ברענגט א היתר זאל מען זיך נישט מתחבר זיין לרשעים. בני אל תלך בדרך איתם.

דערנאך האט מען געהערט שטארקע דברי חיזוק פון הגאון רבי שמואל בראנדסדארפער שליט"א חבר ביד"צ עדה החרדית, וועלכער האט מרחיב בדיבור געווען אויף דעם ענין פון גיבורי חיל פון 'נעשה ונשמע' אז מען טוט דעם דבר ה' און מען איז גרייט אויסצופאלגן אלעס מיט א קלארע קבלה נעשה נאך בעפאר מען הערט.

דאַן האבן די תלמידים געהערט די פּאַסיגע ווערטער פונעם לוחם מלחמות ה' ר' יעקב דאווידאוויטש שליט"א חבר וועד גיבורי חיל וועלכע האט אַרויסגעברענגט אז יעצט זעט שוין יעדער די גרויסע טובה פון די גיבורי חיל, ווען די רשעים פרובירן שוין אזויפיל מאל אריבערפירן א פרישע חוק הגיוס אבער ווי פון הימלישע כוחות ווערן זיי אפגעהאלטן און האבן דערווייל נישט מצליח געווען דאס צו אדורכפירן, וואס דאָס איז זיכער אדאנק די דרייסטע מסירות נפש פון אזויפיל גיבורי חיל וועלכע זענען דא אן קיין חשבונות נאר בלויז למען כבוד שמו יתברך.

דערנאך האט גערעדט הרה"ג רבי עמרם דייטש שליט"א מו"צ עדה החרדית ומרבני תפארת ירושלים זאָגנדיג אז די גיבורי חיל טראגן זכותים אפצוהיטן און געבן חיזוק אויך פאר אנדערע שוואכערע זיך צו האלטן שטארק און נישט פאלן אין די נעץ פון די צבא השמד.

דאַן האט מען געהערט דברי חרוזים דורך איינע פון די שטאלצע גיבורי חיל, וואס איז נתחבר געווארן ספעציעל לכבוד דער מעמד, וואס האט פארגעזעצט מיט ריקודים פון אשרינו מה טוב חלקינו!

**את וכלבא שווין!**

• • •

## 'וועד אסירי ציון' אריינגעגעבן פארלאנג צו באזייטיגן 'עלעקטראנישע קייטן' פון אסיר ציון ר' יהושע דדון שליט"א

ווי עס געדענקט זיך איז דער אסיר ציון הרב יהושע דדון שליט"א ארעסטירט געווארן אין די טעג פון חנוכה תשפ"ג. צוערשט איז ער ליידער געזיצן אין תפיסה און שפעטער - אדאנק די פעולות פון 'וועד אסירי ציון' - האט מען אים ארויסגעלאזט צו הויז ארעסט און ער זיצט שוין זינט דאן געצוימט מיט עלעקטראנישע קייטן ביי זיך אין שטוב.

אין די לעצטע חדשים איז זיין שטוב פארוואנדלט געווארן אין א בית וועד לחכמים מיט טעגליכע מנינים שחרית מנחה מעריב. אצינד אריינגייענדיג אין חודש אדר שמרבין בו בשמחה איז פאררופן געווארן פארלאפענעם ליל שישי א הערליכע מסיבה לכבוד ראש חודש אדר מיט א שיינע ציבור וועלכע איז אַריבערגעקומען מחזק זיין דעם מוסר נפש.

אין די זעלבע צייט ווערט באגלייט פון איבער די וועלט די הערא‌אישע פעולות פון 'וועד אסירי ציון' וועלכע ארבעטן אויפ'ן לעגאַלן פראָנט אַז די פּאָליציי זאָל זיין געצווינגען אראפצונעמען די עלעקטראנישע קייטן. אין די יעצטיגע טעג האָפט מען צו הערן גוטע רעזולטאַטן פון די פעולות און מען איז ווייטער מתפלל אז ער זאל ניצל ווערן מצפרני רשעים און ארויסגיין אינגאנצן לחירות

• • •

## שופר פון עדה החרדית, 'גליון העדה', ערשינען מיט ספעציעלע אָפּטיילונג און ברייטע דעקונג למען כבוד המתים

דעם פארלאפענעם שבת איז פאַרשפרייט געוואָרן אין אלע בתי מדרשים בכל רחבי ארץ ישראל א באזונדערע גליון פון דעם גליון 'העדה', מיט פולע דעקונג פון די שטורעמישע הפגנות און ארעסטן וואס האט אויפגעשטורעמט ארה"ק באגלייט מיט פילצאליגע בילדער און די נאכפאלגענדע לוי' מיט די באטייליגונג פון אלפי בני ציון היקרים וועלכע האבן אפגעגעבן דעם כבוד האחרון פארן נפטר, וואס איז געקומען באגלייט נאך אזויפיל מסירות נפש, טראץ די פרואוון פון אזויפיל פראנטן אפצושטילן די מערכה און אפהאלטן א שטילע לוי' איז דאס בס"ד לא עלתה בידם.

מיט אינטערעסע האָט דער ציבור געזען די באַריכטן אין דער 'העדה' וועלכע איז געקומען באגלייט מיט די שוידערליכע פאקטן ארום די מערכה הכבירה וואס האט אפגעקאסט אזויפיל בלוט און טרערן פונעם יהדות החרדית אין גלייכצייטיג די שרעקליכע מרידה פון אזעלכע וועלכע רופן זיך 'מצילים' וועלכע האבן מיטגעארבעט מיט די

## משמרת חומותינו

פאָליציי. דער ציבור האט געהאט א געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט די שוידערליכע פאקטן און די זעלבע צייט ארויסגעהויבן דאס יהדות החרדית וועלכע האבן זיך נישט געלאזט און מוחה געווען כדת של תורה און אזוי באוויזן אפצורופן דעם שרעקליכן מעשי פשע פון ניוול המת ה"י.

אין אנדערע נייעס איז אין די טעג דורכגעפירט געווארן א ברייטע קאמפיין צו אנשליסן פרישע מעמבערס צו דער 'גליון העדה', כהוראות גדולי ישראל זצ"ל ויבלחט"א צו מחזק זיין און שטיצן דעם איינציגסטן שופר פון דער עדה החרדית.

**והצילו העדה!**




יזכיר לו יום המיתה:

## שרעקליכע פירצה ביי לוי' דורך 'דגל התורה' קרייז; מיטה באגלייט דורך פרוצים ופרוצות פון ציוני'סטישע פאליציי

אַ שערורי' נוראה איז לײדער פאָרגעקומען אין בני ברק ביי אַ לוי' פון אַ ראש ישיבה ז"ל, פון דער 'דגל התורה' פאַרטיי, ווען אנשטאט דער נפטר זאל באגלייט ווערן דורך ערליכע אידן איז די אויטא פונעם נפטר געווען באלאגערט פון די סטרא אחרא פרוצים ופרוצות ה"י, וועלכע זענען נאכגעלאפן די מיטה מיט א געהעריגע אָפיציעלע שותף פעולה פון די שישקעס.

דאס איז לײדער א לעצטערע מסורה אין בני ברק וואס ווערט מער פארשפרייט און איינגעריסן ביז עס רופט שוין לײדער נישט ארויס קיין אפשיי. בפרט ביי דעם חדר פון די דגל התורה פארטיי וואס זיי האבן קונה שביתה געווען אריינצוברענגען די פאליציי ביי יעדע לוי' פון זייערע גדולים.

דער ציוני'סטישער מפקד, דער הויפט פון פאָליציי, אנשטאט פארשריגן ווערן פאר'ן שטערן די מלווים, ווערט גאר אויסגערימט פאר זיין 'געוואלדיגע אַרבעט' צו האלטן אָרדענונג בשעת די לוי' און אלס הוקרה האט מען אים אראפגערופן אין ישיבה וואו ער איז באגריסט געווארן און אזוי אפגעבראכן פרישע מויערן און מחיצות פון צווישן די פרומע און די פרייע מיט'ן ממשלת השמד וואס ווערט אריינגעברענגט ביי אלע מעמדים און גרעסערע געשעענישן אויף אזא מבהיל'דיגן פארנעם.

**וכבוד גדול עשה לו**



נשתכח דרך הבעל שם:

## יהדות בית שמש אין קאַמף קעגן מוסד כלאים וואָס וויל אַריינדרינגען אין שטאָט


בס"ד
הצילו!
לדאבון לב ולחרפת עירנו, בית התופת לילדי ישראל, המכונה **"החיידר החסידי"** - שהינו בית ספר **'ממלכתי-חרדי'** המופעל ע"י רשת 'נצח', פרי עמלו של המשכיל הנודע מנחם בומבך.
**התמקם בימים אלו בטבורה של השכונה המעטירה רמה ד'**
**מאבק האיתנים שהחל לפני מספר חדשים בהוראת כל רבני בית שמש שליט"א, עולה עתה שלב, באשר שערי בית התופת פתוחים לרווחה ללכוד ברשתו עוד ועוד נשמות טהורות, שלא ידעו לזה העולם על מנת להתגדל על ברכי ההשכלה הארורה**
**בשופו"א לא נניח שעירנו המעטירה תהפך לעיר הנדחת ח"ו**
**היום - יום שני ג' אדר א'**
**נצא בהמון בראשות אברכי הכוללים:**
כולל י"ד חיה פעסל ◆ כולל בני ירושלים ◆ כולל זרע אברהם רמה ד
**למחות בעומדים בראש הרס ואבדון חינוכם של ילדי ישראל**
יוצאים בשעה **12:15** בצהרים מהכוללים, דרך ביהמ"ד שערי רמ"א
יזכרו ויובהר כי בית שמש אינה שטח הפקר, ולא כל רודף בצע ושונא דת מתבולל, יוכל לעולל בה כאוות נפשו!
נ.ב. חזרה משוער בשעה 12:55

וויי באריכטעט גרייטן זיך תושבי בית שמש מיט א גרויסע קול מחאה קעגן דאס קווארטירן א נייע מוסדות כלאים אין שטאט בית שמש רמת רמה ד', וואו חרדקי"ם און חרדשי"ם, אונטער'ן פאַלשן נאָמען 'קערעסטירער' האבן קווארטירט זייער א.ג. 'חדר החסידים' אין שטאט וואס איז א שרעקליכע פירצה נוראה

דער חדר איז געעפענט געווארן דורך הר' מנחם בומבאך שר"י הידוע לשמצה, וואָס איז דער מייסד פון די כלאים מוסדות רח"ל, און האט גאר די חוצפה צו פאררופן דעם חדר אויפ'ן נאמען פונעם בעל שם טוב הקדוש. אין די לעצטע טעג האבן זיי פאררופן א 'טקס' קבועת מזוזה פאר די מוסדות כלאים רח"ל און דער יהדות החרדית גרייט זיך בס"ד אויף א מערכה לבער את הרעה מקרבנו.

אַ גרויסע הפגנה איז ארויס איבער די גאסן מיט די השתתפות פון אסאך איגנעלייט תושבי השכונה קעגן דעם חדר הממלכתי חרדי 'לדאבון לב ולחרפת עירינו'.

**ולא עם הארץ חסיד**





**מחאות פארגאנגענע וואך קעגן דעם**
**א.ג. 'חדר החסידים' פון בומבאך שר"י**

ציונים נקבצו עלי:

## יהדות החרדית באַגיסט מיט חיזוק אסיר ציון הר"ר ישראל אשר רוטמאן שליט"א

אין די לעצטע טעג ווערט געשיקט א גרויסע פלייץ פון מעסעדזשעס פון חיזוק און מאראלישע שטיצע פאַר'ן שליח פון כלל ישראל הר"ר ישראל אשר רוטמאן שליט"א, וועלכער זיצט אצינד אין ארעסט פאר זיין דרייסטע מסירת נפש, למען קדושת ירושלים מידי מחריבי'.

# הונדערטער תלמידי כתה ט' פון די סאטמארער מוסדות זענען מקבל פנים הרב שמואל וויספיש שליט"א יו"ר 'וועד אסירי ציון' העומד בראש מערכות ישראל בארה"ק

## תלמידים הערן דראמאטישע עפיזאדן פון 'הונטער די קוליסן' אויפ'ן פראנט פון די ביטערע גזירת על הדת דורכ'ן שלטון הרשע

פארלאפענעם דאנערשטאג יתרו נאכמיטאג האבן די הונדערטער תלמידי כתה ט' בקרב המוסדות געהאט די זכי' מקבל פנים צו זיין דעם עומד בראש מערכת ישראל הרב שמואל וויספיש שליט"א, יו"ר 'ועד אסירי ציון', וועלכע האט געווײלט בקרב העיר רבתי, און איז אויפ'ן בקשה פון די מנהלים און מרביצי תורה געקומען אויפטרעטן פאר די עלטערע כיתות בין כותלי המוסדות.

די תלמידים האבן זיך פארזאמלט אין 'ביהמ"ד ברך משה' ווי עס איז אפגעהאלטן געווארן א מעמד קבלת פנים וואס האט נאכגעפאלגט מיט'ן אויפטריט דורך דער לוחם מלחמות ה' וועלכער שטייט אין שפיץ פון פילע גרויסע פעולות און מערכות וואס ווערן געפירט דורך דער יהדות החרדית, און שטייט אין שפיץ פון די בארימטע 'וועד אסירי ציון' וואס שטייט אויפ'ן פראנט צו פארטיידיגן די בעלי מסירות נפש וואס שטייען כסדר אין מלחמה קעגן די רשעי הציונים.

אויך האט אויפגעטראטן מיט קורצע ווערטער העסקן המנרץ הרב יחזקאל לעוו הי"ו מגדולי עסקני 'ועד אסירי ציון', און אחד מגדולי עסקני היהדות החרדית בכלל און פאר 'אתרא קדישא' בפרט, הרה"ח ר' אליעזר ראטמאן שליט"א ראש המפקחים מטעם 'אתרא קדישא' אין מצרים

די תלמידים האבן באגייסטערט געהערט ערשטהאנטיגע באריכטן אינערהאלב די פייערדיגע קאמפן וואס ווערט געפירט דורך דאס יהדות החרדית בארה"ק אויף פילע פראנטן. צווישן אנדערע די לעצטע 'ניתוחי מתים', 'חיטוטי שכבי', און די מערכה קעגן געשעפטן אין היימישע געגענטער, און דער 'וועד אסירי ציון' איז זייער רוקנביין מיט מאראלישע און טעכנישע שטיצע דורכאויס די געריכטן און מיט אזויפיל יארן עקספערטיז באווייזט מען ב"ה צו באפרייען און אזוי אויך צו אפהאלטן ארעסטן פון הונדערטער יקירי ירושלים.

די הונדערטער תלמידים האבן געשלינגען מיט דארשט די ערשטהאנטיגע פרטים און זיך געשפירט ווי א טייל פון דעם ערליכן ציבור אין ירושלים עיה"ק ווען עס איז אראפגעלייגט געווארן ווי אזוי עס זעט אויס אין די סדום געריכטן, סיי די צופארנקייט און סיי די רשעות און ווי אזוי מען באהאנדלט דאס למען אחינו תושבי ארה"ק.

באזונדער האט דער חשובער גאסט ארויסגעברענגט זיינע הרגשים זייענדיג בעיר עוז לנו קרית יואל ווי מען זעט אזא פייער פאר יעדע הייליגע מערכה, באגלייט מיט אזויפיל מאראלישע און איבערהויפט פינאנציעלע שטיצע פאר די פילע מערכות הכבירות, און נאכדערצו מיט אזא תשואת חן וואס געבט דעם געפיל אז מען איז אויף א פאראייניגטע פראנט וואס דאס געבט געוואלדיגע שטיצע און חיזוק אנצוגיין ווייטער אונטער די מבול פון גזירות על הדת.

בלויז די לעצטע הפגנות און קאסטן צו דעקן די אויסגאבן פון אזא פארצויגענע מערכה ב"ה מיט געוואונטשענע רעזולטאטן ווען דאס רוב פון די קאסטן איז געקומען פון אידן תושבי קרית יואל וועלכע האבן זיך אנגערופן דורכן טעלעפאן אדער אין די כוללים וואס איז א געוואלדיגער חיזוק און דערהייבט דעם כח פון דעם ערליכן אידנטום.

די תלמידים האבן נאך דעם דראמאטישן אויפטריט ארויסבאגלייט דעם גרויסן גאסט, מיט א פרישע ברען און פלאקער וואס האט ווי פונדאסניי פארשטערקערט דעם קשר אמיץ צווישן קרית יואל און ירושלים מיט א שטארקע קבלה ווייטער צו שטיין על מערכות ישראל מיט יעדע מעגליכע הילף פאר די ברכיים אשר לא כרעו לבעל.

**אנן מהכא ואתון מהתם!**




**הונדערטער חברי 'כולל סאטמאר קרית יואל' וואס לבם ער לכל דבר שבקדושה, ובפרט פאר אלע מערכות און למען חינוך הטהור, נעמען א טייל אין די שטורעמישע מערכה למען כבוד החיים והמתים. אית מאן דפרא בממונא**

---

דער אסיר ציון זיצט אין תפיסה און האט די מעגליכקייט ארויסצוהערן מעסעדזשעס וואס אידן פון איבער די גאנצע וועלט לאזן אריין אין דעם ספעציעלן נומער, מיט קורצע דברי חיזוק ועידוד אויף זיין געוואלדיגע זכות לקדש שם שמים! דער נומבער צו רופן איז:
03-313-5003

**ושים חלקינו עמהם!**

• • •

היכו בסנוורים:

## פאליציי פארלאזן בית שמש בבושת פנים נאכ'ן זוכן פאר א אינגערמאן פאר ארעסט

א גרויסער ציבור תושבי בית שמש רמה ה' זענען זיך צוזאמגעלאפן בהמוניהם ווען ס'איז אנגעקומען א דרינגענדע רוף איבער א פאליציי אבלאווע ביי די שטוב פון א חשוב'ער אינגערמאן אין די געגנט. דער ציבור איז זיך שנעל צוזאמגעלאפן און פאסיג אפגעווארט און מקבל פנים געווען די בלויע געסט און זיי באגלייט מיט ווארימע געזאנג און טענץ בכבוד הראוי להם.

די פאליציי האבן נאך א קורצע צייט געזען אז זיי האבן

נישט מצליח געווען ווען דער אינגערמאן איז ביני לביני נעלם געווארן און ב"ה ניצל געווארן פון זייערע הענט, האבן זיי פארלאזט דעם געגנט בבושת פנים מיט ליידיגע הענט און פילע באגאזשן פון בזיונות וואס דער ציבור החרדים לדבר ה' זענען מלומד דערין שוין זינט די הקמת המדינה. און מען איז ווייטער ממשיך זיי אפצוגעבן זייער פארדינטע עהרע און אנערקענונג פאר זייער שווערע ארבעט וואס זיי פרובירן אויספירן אָן קיין ערפאָלג...

אַזוי פרובירט די פאליציי מיט בייזן און מיט אלע סארט אפשרעקונגען ארויפצולייגן א פחד אויף די ערליכע אידן אפצוהאלטן פון אוועקשטעלן אז די געגענטער זאלן זיך פירן אזוי ווי אין די ישוב הישן. אבער די בני ציון היקרים זעצן פאר בגאון ובעוז מגדל צו זיין דורות ישרים אין ערליכע געגענטער.

**אֲשֶׁר הַחִלּוֹתָ לִנְפֹּל לְפָנָיו לֹא תוּכַל לוֹ כִּי נָפוֹל תִּפּוֹל לְפָנָיו**

• • •

הכוונה יעשה את אחותינו:

# תלמידה פון חסידי'שע סעמינאר ווערט אויפגעהאַלטן אין 'לשכת הגיוס'

אַ שרעקליכע 'מעשה אשר לא יעשו' איז פארגעקומען די וואך אין לשכת הגיוס אין רחוב רש"י, ווען א חסידי'שע טאכטער פון א היימישע סעמינאר איז אריין אין לשכת הגיוס מסדר צו זיין די דאקומענטן א.ד.ג. מיטן צבא השמד, און די מיליטער לייט אינעם לשכת הגיוס האבן איר דארט



אויפגעהאלטן א לענגערע צייט, מער ווי די געווענליכע צייט וואס עס נעמט מסדר צו זיין פאַפירן.

די עסקנים פון די אפיסעס למען הצלת נשמת ישראל משמד הגיוס האבן תיכף ערהאלטן א ידיעה איבער דעם פאל און תיכף אַלאַרמירט ערליכע אינגעלייט וועלכע האבן אויפגעהויבן אַ וויי געשריי אויף אזא שרעקליכע פארברעך, וואס אמאל איז קיינמאל נישט געווען אזא זאך אז מיידלעך זאלן בכלל דארפן אראפקומען אין לשכת הגיוס.

ב"ה אז תיכף ווען די חברה האבן געזען וואסערע שטורעם עס אנטוויקלט זיך האבן זיי באפרייט די אידישע טאכטער פון דעם טמא'נעם לשכת הגיוס.

ליידער האט די מיליטער אנגעהויבן צו מאכן אזעלכע סארט פראבלעמען און פלאנטערס פאר די וואס פארשטייען נישט דעם חומר הדברים, און אדאנק די מחאות און די עסקנים וועלכע שטייען כסדר אויפן פראנט פארנט פון די לשכת הגיוס האט מען זיך צייטליך דערוואוסט און געברענגט דעם פאל צו א שנעלן ענדע.

**לא יעשה כן במקומינו**







בס"ד
FOR SALE
481 Orchard Hill, Monroe NY
7,000 Sq ft house
זייער געאייגנט פאר אייער ישיבה / קעמפ.
פאר דעם קומענדיגע זוממער סעזאן! קויפט. בויעט. האטס הנאה.
+ 11,000 sqft
3-floor structure
Very suitable for Yeshiva's, Shabbotons, Airbnb, etc
5.25 acres // Inground Pool Just a 10 min drive to KJ
Annual income of a few hundred thousand dollars
Buyer agents welcome
Prices ranges
from $2.3 - $2.5
based on conditions
SELL. BUY. RENT. LEASE
COMMERCIAL
RESIDENTIAL
Since 2011
ONE CALL DOES IT ALL
MK REALTY
Residential & Commercial
845.782.0205
sales@mkrealtyusa.com
48 Bakertown Road
Suite 512, Monroe NY
LISTING AGENT
משה שמחה קויפמאן
לייסענס# 10311206102
845.537.0475
אליעזר דוד האפפמאן
לייסענס# 10401304475
845.662.3574
דוד לייב קרויס
לייסענס# 10401317322
845.274.3765
נפתלי הירצקא זינגער
לייסענס# 10401300864
845.728.1429
אברהם חיים לעווי
לייסענס# 10401327281
845.238.1162
אברהם הערש גפן
לייסענס# 10401378950
845.837.0943

בס"ד

# דיוס קאמפיין • תשפ"ד

1

קהל יטב לב סאטמאר

דער היי' יעריגער ציל

להמשיך: די "עמודי הקהלה" די חשוב'ע

# חברי הזהב זאלן אויסצאלן זייער העכערע דמי חבר

יעצט אנהויב פון דיוס קאמפיין

די אידן נדיבי לב און בעלי יכולת וואס האבן זוכה געווען אין די לעצטערע יארן מרומם צו זיין קרן קהלתינו הק', זאלן יעצט ווידעראמאל זיין פון די ערשטע וואס זענען נוטלים שכר כנגד כולם

כאשר זכינו • כן נזכה:

די חברי הזהב נעמען אויף ב"ה גאר ווארעם די קאמפיין א קוואל פון חיזוק, הויפענעס מוט און חיות צו קענען אנגיין ווייטער און שטערקער להרחיב גבולי הקדושה!

עמודי התווך להחזקת הקהל'ה

דיוס קאמפיין

קהל יטב לב סאטמאר

דער היי' יע

מחיל אל חיל: "פא

אנש
פרישט
מעמבע
חברי זה

אויפהייבן די דרגה

אלע נדיבי לב און בעלי יכולת זאל א
די הלכה פארלאנגט און דערמיט זוכ

להקהל

בלויז עטליכע טעג נאך ד
תשפ"ד דיוס קאמפיין, און "ה
געקומען בחפץ לב זיך אנצוש

אין הדבר תלוי א

# יעדער איז נהנה! יעדער שעצט! יעדער פא

וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה: מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁ

# 3 דיוס קאמפיין • תשפ"ד

דער היי' יעריגער ציל

כל אחד יאמר אני נקראתי: יעדער

# חברי הקהלה זאלן אויסצאלן גענצליך די ריקשטאנד

## ערמעגליכן קהל'ס בליק בלויז אויף פאראויס

**אז יעדער איז אויסגעצאלט וועט מען נישט דארפן קוקן אויף צוריק דרייען מיט חובות, און קענען אויפטון גדולות ונצורות**

בשם ה' נעשה ונצליח:

אויסגעצאלטע מעמבערס: **אויסצאלן תשפ"ד באלאנסטונג**

אקטיווע מעמבערס מיט באלאנסן: **ביז זערא באלאנס**

פרישע אברכים/תושבים: **זיך אנשליסן און אויסצאלן די דיוס**

חבר אני לכל אשר יראוך

# 2 ...• תשפ"ד

...ריגער ציל

...גרעסערן" די באזע

# ...ליסן ...ץ 300 ...רס אלץ ...הב וכסף

## ...אין החזקת הקהלה

**...אנטקעגן קומען לויט זייער יכולת ווי ...בה זיין להגדיל ולרומם קרן קהלתינו**

...ולעמוד:

**...י ערשטע מעלדונג פונעם**

**...עכער הונדערט" זענען אקעגן**

**...שליסן מיט א העכערע דרגה**

...לא בי - גם אני יכול

# ...ארשטייט! יעדער צאלט! יעדער העכערט!

...ר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ, וְעָשִׂיתָ לּוֹ זֵר זָהָב סָבִיב


ספרדי'שער איד שעפט חיזוק בלויז פון "זען" מערכה קעגן גיוס אין 'וואָכענשריפט'

ארייַנשיקן שריפטן דורך — פּאָסט: POB 113, Monroe ny 10949 • פעקס: 845-501-0246 • אימעיל: Letters@kyweekly.com

אברהם ישראל זוהר

פרייטאג, עש"ק פ' **חקת, ו' תמוז**, תשע"ז — 30 — וואכנשריפט

ספרד'ישער איד פון דרום ארץ ישראל מיט א גרוס צום וואכנשריפט. היינט מיט 7 יאר שפעטער שיקט ער אין מוסדות עטה"ק אין שטאט אופקים און איז אין כסדר'דיגע פארבינדונג מיטן מערכת


# היסטאָרישער אָפּמאַך דערגרייכט צווישן קרית יואל ווילעדזש און "יונייטעד מאָנראָו" איבער שאַפונג פון אַ נייעם טאַון

לאָקאַלע פרעסע באגריסט פּאָזיטיוו דעם היסטאָרישן אָפּמאַך און באַצייכענט עס אַלס "דערפרישענד און אינספּירירנד"

פרייטאג, עש"ק פ' **קרח, כ"ט סיון** תשע"ז — 34 — וואכנשריפט

היסטארישער אפמאך דערגרייכט צווישן קרית יואל ווילעדזש און 'יונייטעד מאנראו'


'חברים ד'קרית יואל' העלפט אַרויס א סטעיט-טרופער וועלכער איז געבליבן געשטראַנדעט אינמיטן קרית יואל

פרייטאג, עש"ק פ' **כי תשא, י"ט אדר** תשע"ז — 30

חברים שטופט ארויס פאליציי פון קרית יואל


# דער אומגעהויערער מאַכטפולער פּרסום קבל תבל ומלואה!

פרייטאג, עש"ק פ' **שלח, כ"ב סיון** תשע"ז — 30 — וואכנשריפט

מאכטפולער פרסום קבל תבל ומלואה!


# וואס איז דאס בית חינוך לבנות "בנות ישראל" קרית יואל?

## אין בעפארברייטונג צום ערשטן דינער לטובת המוסד

אָפּגעצייכענט 7 יאר פון הצלחה - ערליכע אינהאלטספולע שטיבער - ספּעציעלע איבערגעגעבנקייט צו יעדן קינד - שמחה און שטאלץ אין אידישקייט - הכנעה און דרך ארץ צו עלטערע בכלל און צו לערערינס בפרט - ספּעציעלע אחדות און ליבשאפט צווישן די קינדער - בהדרכת הרבנים הגאונים שליט"א

הכונו לדינער הראשונה

Friday **June 30**, '17 — 13 — וואכנשריפט

לענגערע באריכט מיט 7 יאר צוריק שטייענדיג דאן עטליכע יאר נאכן גרינדן די נייע בית חינוך בנות ישראל און בעפאר דעם דינער הראשונה

# שרייבט צום וואכנשריפט



טעלעפאָן (לאזן א מעסעדזש): 845-774-6234 #6
פעקס: 845-501-0246
פאָסט: POB 113, Monroe ny 10949
אימעיל: Letters@kyweekly.com

## אינטערעסאַנטע הערות איבער דעם רבי'נס רצון צו לערנען אַלע ג' בבות אויף אַמאָל

אל מעלת כבוד המערכת הנכבדה הע"י.

אין דעם הערליכן מאמר וואָס איז געווען געדרוקט אין 'וואָכנשריפט' פארלאפענעם פרשת משפטים, איבער דעם דרך הלימוד במשנתו פון רבינו הק' זי"ע, איז געוואָרן נאָכגעברענגט אַז בשנת תשכ"ח, ווען דער רבי איז אַוועקגעפאַלן מיט'ן סטראָוק האָט מען געהאַלטן אינמיטן לערנען די דריי בבות אין ישיבה, אָבער צוליב דעם מצב האָט מען אָנגעהויבן לערנען מסכת ביצה.

שפעטער ווען דער רבי איז צוריקגעקומען צו די כוחות האָט ער פאַרלאַנגט אַז מ'זאָל צוריקגיין לערנען מסכת בבא בתרא, און ווינטער שנת תשכ"ט, האָט מען טאַקע אָנגעהויבן לערנען מסכת בבא בתרא, אזוי ווי דער באפעל פון רבי'ן זי"ע. מ'האט פלייסיג געלערנט די ערשטע צוויי פרקים פון דער מסכתא, אבער ווען מ'איז אנגעקומען צו דעם דריטן פרק, פרק חזקת הבתים, וואו מ'האט זיך באגעגנט מיט די שווערע סוגיות, האָט מען זיך אנגעשטויסן אין שוועריגקייטן, עס איז זייער שווער געגאנגען, און דאס האט זיך שלעכט אפגערופן אויפ'ן צושטאנד פון דער ישיבה, האָבן די מנהלים געוואָלט אַז דער רבי זאל ערלויבן צו טוישן אַז מ'זאָל לערנען אַ צווייטע מסכתא און דער רבי האָט בשו"א נישט מסכים זיין.

וואָלט איך געוואָלט מעיר זיין אַז כנראה איז דאָ אַריינגעפאַלן אַ שטיקל טעות, אז ביי חזקת הבתים איז מען ווידעראמאל אריבערגעגאנגען צום רבי'ן, דאס שטימט נישט, ווייל חזקת הבתים איז דאָך דער 'הויכפונקט' פון בבא בתרא און קיינער האט נישט גע'חלום'ט דאס צו איבערהיפן.

די מעשה איז געווען נאך חזקת הבתים, ווען מען האָט געלערנט די פרקים המוכר את הבית און שפעטער נאכאמאל ביי המוכר את הספינה, וואס די פרקים לערנט מען געווענליך נישט אין קיין ישיבות ווייל עס איז נישט אזוי לומד'יש. דערפאַר האבן די מגידי שיעור דאס געוואלט אויסלאזן און רביה"ק האט בשו"א נישט מסכים, ע"כ האט מען געלערנט די 2 פרקים ביים געווענליכן סדר.

בדרך אגב, אַן אינטערעסאַנטע זאַך. ווען מען האָט שוין אפגעמאכט אז מען גייט קומענדיגן זמן לערנען בבא בתרא, האט מען געוואלט גלייך אנהייבן ביים אנפאנג זמן פון ווינטער תשכ"ט, אבער אזוי מען האט נאך געהאט ארום 10 בלאט פון מסכת ביצה וואס מען האט נאכנישט געהאט געלערנט, האט דער רבי געהייסן קודם ענדיגן מסכת ביצה און נאכדעם אנהייבן בבא בתרא.

ווארשיינליך האט רביה"ק זי"ע קיינמאל נישט געוואלט אויסלאזן אדער ארומדרייען דעם סדר, און די ערשטע וואכן פונעם ווינטער האט מען געלערנט מסכת ביצה עד הסוף און נאכדעם זיך גענומען צו בבא בתרא!

הק' יעקב ווייס

*

## אַ הייליג לשון פון רביה"ק זי"ע איבער 'ניתוחי מתים' און 'ניתוחי חיים'

שטייענדיג נאך אזעלכע שרעקליכע פאסירונגען און שטורמישע טעג וואס איז אריבער אויף דאָס יהדות החרדית אין ארה"ק מיט די פרואוון פון דער מלכות המינות צו חלילה דורכפירן די שרעקליכע גזירה פון 'ניתוחי מתים', איז אַ דבר בעתו צו מעתיק זיין אַ מורא'דיגע לשון פון אַ תורה וואָס רביה"ק זי"ע האט געזאגט ביי אַ מסיבה פון דער התאחדות הרבנים א' בחקותי תשכ"ז.

אין די דברות קודש זעט מען וויאַזוי דער רבי פאַרלאַנגט אַז ס'מוז אַוועקגעשטעלט ווערן אַ יסוד פון אַן אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל זיך באַפאַסן צו לוחם זיין מיט דער שרעקליכער גזירה פון ניתוחי מתים. באַזונדער ברענגט דער רבי אַרויס אַ פאָרכטיגע נקודה, אַז ווען מען איז פאַרנומען מיט די גזירה פון 'ניתוחי מתים' טאָר מען נישט פאַרגעסן פון די ביטערע 'ניתוחי חיים' וואָס די רשעים פירן דורך, צו אפש'מד'ן הונדערטער טויזנטער 'לעבעדיגע' אידן רח"ל פון די הייליגע אמונה און תורה.

וזה לשון קדשו:

**עקסטער דעם זאָג איך דאָס טאַקע, ביי דער מלחמה** (נגד גזירת ניתוחי מתים) **וואָס מוז אָנגיין, מוז מען אויך עפעס טראַכטן עפעס שטעלן אַ שטיקל יסוד, אַ שטיקל אָרגאַניזאַציע, דער אויבערשטער זאל העלפן אַזויווי מ'פירט דורך פאַרשידענע זאַכן מוז מען אויף דעם אויכעט האָבן אַ שטיקל יסוד מ'זאָל זיך קענען צוזאַמהאַלטן.**

**בעוה"ר דער עולם איז** (עסוקים עתה במלחמה) **מיט דעם 'ניתוחי מתים', אָבער מ'האט פאַרגעסן אַז 'ניתוחי החיים' מאַכן זיי שוין לאַנג בעוה"ר! הונדערטער טויזנטער לעבעדיגע נשמות ל"ע האָבן זיי מיט דער געוואַלד אַראָפּגעפירט פון דער אמונה! דאָס איז לעולם נאָך אַרגער!**

**נאר וואָסזשע דען, דאָס** (ניתוחי מתים) **איז שוין נעבעך דעם לעצטע. דאָרט כאַפּט מען אַריין דעם ערליכן איד, וואָס זיי האָבן נישט קיין שום צוטריט צו אים בחיים, דער וואָס ער איז ביי זיך אין שטוב אָבער ווען ס'קומט נעבעך די צייט, דעמאָלט נעמען זיי זיך אויף אים, זיי זענען זיך אויף אים נוקם און מ'טוט אויסווארצלן די אמונה פון השארת הנפש, דאָס איז דעם לעצטע. עכל"ק.**

ודבריו הק' חיים וקיימים, זכותו יגן עלינו.

הק' יחזקאל בראווער

*

## אַ טרעפליך וואָרט פון ר' עקיבא'לע גאַנז איבער די מצוה פון געבן היטשעס

לכבוד די חשוב'ע עסקנים וואס טוען אין די חשובע מצוה פון "הכנסת אורחים" דורכ'ן מעודד זיין אידישע קינדער צו רחמנות האבן אויף די פיס גייער און אויפנעמען אויף היטשעס.

אויסער די געוואַלדיגע מצוה פון "הכנסת אורחים", ליגט דערינען נאָך גאר אסאך מצוות, צווישן זיי די מצוה פון "תלמוד תורה", דורך דעם וואס מען גיבט א היטש פאר בחור אנצוקומען שנעלער אין ביהמ"ד פארטאגס און קען דורך דעם אריינכאפן נאך עטליכע טייערע מינוטן לימוד התורה, אָדער דער כולל אינגערמאן אנצוקומען צייטליכער אין כולל. אַזוי אויך די מצוה פון "תפלה", דורך דעם וואס מען העלפט איינעם אנצוקומען צייטליכער אין ביהמ"ד און קען רואיגערהייט זיך שטעלן דאווענען.

שוין אָפּגערעדט אַז מען ראַטעוועט אידן זאלן נישט דארפן פרירן פון קעלט דורך גיין לענגערע וועגן. מיר קאר דרייווער זיצן באקוועם און עס איז כמעט אפילו נישט קיין עקסטערע טירחה, אבער פאַר'ן היטשער מיינט דאס גאר אַסאַך. מען ווייסט אפילו נישט מיט וואס מען האט אים ארויסגעהאלפן, מען שפירט עס נישט, און מען ווייסט נישט אז צומאל דערווארימט דאס אים ממות לחיים ממש, אָדער האָט מען אים איינגעשפארט אסאך עגמ"נ.

איך האב געקלערט אז עס וואלט געווען אינטערסאנט מיטצוטיילן א שיינע טייטש וואס איך האב מיט יארן צוריק געהערט פונעם מלמד דרדקי הידוע, הרה"ח ר' עקיבא צבי גאנץ ז"ל, וואס מען האט גערופן בלשון חיבה ר' עקיבא'לע.

געווען איז דאס אין א צייט וואס מיר ביידע פלעגן דאווענען מעריב אינעם הוניאדער ביהמ"ד, האָט אַמאָל פּאַסירט אַז מיר ביידע האבן פונקט געשפעטיגט און פארפאסט ברכו. אזוי ווי דארטן איז נאר געווען איין מנין האבן מיר געדארפט אריבער גיין צום ביהמ"ד אויף גארפיעלד וואס דארטן מאכט זיך מערערע מנינים אויך שפעטער. אינדרויסן איז דעמאלט געווען קאלט האב איך אנגעטראגן פאר ר' עקיבא'לע אז ער זאל נעמען פון מיר א "היטש" ארויף און שפעטער צוריק אראפ.

האט מיר דעמאלט ר' עקיבא'לע געזאגט זייער א טייער וואָרט:

חז"ל זאגן אונז אז "לפום צערא אגרא". בפשטות מיינט דאס אז לויט ווי שווער א מצוה קומט אן פאר א מענטש אלס מער שכר באקומט מען.

לויט דעם - זאָגט מיר רבי עקיבא'לע - וואָלסטו לכאורה נישט געדאַרפט באַקומען צופיל שכר פאר די טובה וואס די האסט מיר געטון, ווייל עס איז דיר בכלל נישט שווער אנגעקומען, דו האסט זיך נישט געדארפט עקסטער מטריח זיין פאר מיר, דו ביסט דאך סיי ווי געפארן דאווענען, און עס איז דיר געווען זייער באקוועם.

אבער פאר מיר - זאָגט ר' עקיבא'לע - האט דאס געמיינט גאר אַסאַך! שטעל זיך פאר איך דארף מיר ארויף קלעטערן די 'קוויקוועי' בארג, שפּאַצירן גאנץ 'ווען ביורען', דערנאך ווידער קלעטערן ארויף די 'גאַרפיעלד' בארג, און דאס אלעס ביינאכט אין די קעלט ווען די ווינטען בוזשעווען אלע זייטן, און נאכ'ן דאווענען די לאנגע וועג צוריק, פאר מיר איז דאס געווען א ריזיגע טובה!

האָט ער געטייטשט אַז פשט פון דעם מאמר חז"ל איז "לפום צערא" - לויט וויפיל צער 'איך' וואלט ווען געהאט און די האסט עס מיר איינגעשפארט. "אגרא" - וועט זיין דיין שכר.

דאָס ווארט איז מיר דעמאלט גאר שטארק אריין אין די ביינער, און איך זע עס כסדר. מען קען אמאל טון ממש א קלייניקייט וואס פון זיך דארף מען נישט אזויפיל אוועקגעבן, און עס קומען אפילו נישט אן שווער, אבער פאר

יענעם מיינט דאס גאר אַסאַך! וועט די שכר זיין לויט וויפיל מער עגמ"נ מען האט יענעם איינגעשפּארט!

מענטשן מיינען אז מען דארף זיין א "גרויסער עסקן" צו קענען העלפן אַנדערע. עס איז בכלל נישט אזוי, יעדער קען טון אפילו קלייניקייטן און דערמיט טוט מען גרויסע חסדים פאר א צווייטן.

זאלן מיר טאקע שוין געהאלפן ווערן לביאת משיח, דורך די מדה פון חסד, ווי צדיקים האבן געזאָגט "בך חותמין" מיט די מדה פון אברהם וואס דאס איז חסד וועלן מיר געהאלפן ווערן. בב"א.

**שמואל שלמה צבי קויפמאן**

*

## וויאַזוי צו וואַרימען אַ פאַרמאַכטע קאַר

צו דער רעדאַקציע.

איך האב לעצטנס אנטדעקט א וועג וויאַזוי מען קען לאזן אן אָנגעצינדענע קאר זיך ווארימען פארמאכטערהייט אפילו מען איז אינדרויסן פאר אפאר מינוט.

דער פּראָבלעם מאַכט זיך מיט די היינטיגע עלעקטראנישע שליסל דיווייסעס, וואס איינמאל מען איז אינדרויסן פון אן אנגעצינדענע קאר עפענט זיך צוריק אויף די שלאָס פון דער קאַר. דאָס הייסט אז מען קען נישט אריינגיין רואיג אין א געשעפט א.ד.ג. און לאזן די קאר זיך ווארימען אינדרויסן פאַרמאַכטערהייט, ווייל מיט דעם שליסל דעווייס ווערט די שלאָס אויטאָמאַטיש צוריק געעפענט צוליב דעם וואָס די סענסערס שפירן אז די שליסל איז אינדרויסן פונעם קאר.

האב איך געכאפּט אז יעדע רעמאוט שליסל האט אזא קנעפּל אין די זייטן אדער אויבן וואס מען קען דרוקן און עס ליגט דארט אן 'אמאליגע פארצייטישע' שליסל, וואס מען קען ארויסנעמען פון דארט און צוריקלייגן.

ווען איך גיי אריין אמאל אין געשעפט א מינוט נעם איך ארויס דעם 'אלטן' שליסל און איך פארמאך די קאר און דאן בלייבט עס פארשלאסן און אנגעצינדן.

אויב טוט מען דאס דארף מען ביים צוריקקומען אויך זיך באנוצן מיט דעם 'עכטן' שליסל' כדי צוריקצועפענען די קאר. די רעמאָט שליסל ארבעט נישט צו עפענען אויב ס'איז פארמאכט געווארן מיט די געהעריגע שליסל.

פיל הצלחה און א ווארימע ווינטער

**י.ב.**

*

## לויבט אויס 'הצלה אַדרעס' אויף מירון

לכבוד מערכת קרית יואל וואכנשריפט.

איך האב געזען פאָריגע וואָך אין 'וואָכנשריפט' א הערליכע באריכט איבער די מסיבת הכרת הטוב פאר די 'דיספעטש טיעם' פון חברה הצלה, וואס איז אפגעהאלטן געווארן אין ביהמ"ד דזיקוב אונטער'ן שטוב פון הר"ר בעריש שענברוין הי"ו.

שפיר איך אַלס אַ פליכט צו מיטטיילן מיין פערזענליכע הכרת הטוב פאר הר"ר בעריש הי"ו; מיט עטליכע חדשים צוריק, אין אַ שבת אינדערפרי, האָט מיין קינד זיך אויסגעדרייט די פיס און האט נישט געקענט גיין אדער שטיין. איך בין געווען פארלוירן. הצלה האב איך נישט געוואלט רופן ווייל ס'איז פארט נישט קיין עמערדזשענסי אבער ס'איז דאך למעשה יסורים אז מען קען זיך פשוט נישט רירן.

אין איילעניש האב איך מיט גרויס פארזיכטיגקייט אריינגעלייגט מיין קינד אין א קערידזש. ס'איז טאקע געווען בליקן דא און דארט ווען דורכגייער האבן באטראכט ווי א אינגערמאן שפאצירט 9:30 צופרי מיט א קערידזש אין גאס מיט א גרויס קינד

## השבת אבידה: געטראפן א פאספארט!




איך בין געווען פאריגע וואך ביי די סאניקאו געז סטעישאן נעבן עקזיט 15 אויפן וועג פון קרית יואל קיין מאנסי. די ארבעטער דארט האט מיר געצייגט אז ער האט געטראפן א פאספארט פון א היימישע אינגערמאן. מיטן נאמען אברהם שווארץ. ער האט מיר דאס נישט געוואלט געבן און נישט געוואלט ווייזן זיין אדרעס אדער סיי וועלכע אנדערע פרטים.

אויב האט איר פארלוירן א פאספארט און עס שטימט מיט די ביסל אינפאו קען מען דאס אפנעמען ביי יענעם געז סטאנציע

(-)

דערין נאך אנגעטון מיט 2 סעטס שטרימפ א.א.וו.

איך האב געמאכט דעם וועג צום ביהמ"ד דזיקוב ווי דער פטרון הביהמ"ד הר"ר בעריש האט געלערנט בעפאָר'ן דאווענען און אויפגענומען ווארעם דעם עולם. איך האב אים געזאגט אז איך בין געקומען מיט אן הזכרה. ער האט נישט געבעטן א פדיון.... ס'איז דאך ממילא שבת. און ביז געציילטע מינוטן בין איך געווען אינדרויסן פון דארט ווען ער האט מיט גרויס עקספערטיז געשטעלט מיין קינד אויף די פיס, פשוטו כמשמעו.

וויל איך אויסנוצן דעם בריוון אפטיילונג זיך צו באַדאַנקען מעומק הלב. דער אויבערשטער זאל אים באצאלן כפל כפלים מיט נחת פון די קינדער און ער זאל ווייטער קענען משפיע זיין בבית מדרשו אונטער אלע אומשטענדן און מצבים.

מלמד שאיני כפוי טובה!

**ע.כ.**

*

## דרוקט אויס התפעלות נאָך "מעמד צאצאינו" אין גרויסן ביהמ"ד

איך קום יעצט פון ביהמ"ד נאָכ'ן מיטהאַלטן דעם גרויסאַרטיגן מעמד "צאצאינו" וואס איז פאררופן געווארן פאר אלע קינדער וואס האבן זיך באטייליגט אין די רייכע 'ושננתם' פראגראם, דורכאויס די פארלאפענע ווינטער וואָכן, לענגאויס אלע סאטמארער בתי מדרשים איבער דער שטאט.

איך מוז אַרויסברענגען מיין התפעלות לשבחם פון די עסקנים פון 'ושננתם' וועלכע האבן באוויזן אהערצושטעלן אַזאַ הערליכע פראגראם מיט רייכע דרשות, לימוד התורה, און ווערדפולע גורלות. און צוגאב וואס מען האבן געלערנט רואיגערהייט אינאיינעם 'אבות ובנים' די לימודים פון ת"ת באגלייט מיט שיינע דרשות, וואָס איך האָב ב"ה מיטגעהאַלטן עטליכע וואָכן אין ביהמ"ד בית יעקב נחמי' אין עצי תמרים און עטליכע וואָכן אין ביהמ"ד בית יעקב אין בלומינג גראוו.

באזונדער איז געווען גאר דערהויבענע מאמענטן ווען דער רב שליט"א איז ספעציעל געקומען מחזק זיין די צאן קדשים. ס'האָט זיך געשפירט די התרוממות הנפש ביי די פרחי כהונה און ס'איז געווען אַ מחזה נהדר צו זען די לעכטיגע צורות פון די הונדערטער תשב"ר.

כ'וויל בלויז זיך באדאנקען פאר די עסקנים וועלכע שטייען אונטער דעם נאבעלן פּראָיעקט, להגדיל תורה בקרב ק"ק סאטמאר קרית יואל.

**פ. שוואַרץ**

PUBLIC NOTICE
SEWING MACHINE SALE EVENT

The world's most prestigious sewing machine manufacturer is offering its best 2024 machine with 197 stitch patterns including 1 alphabet, 7 buttonholes, 1 eyelet stitch, 7 mm width, slide speed control, start-stop function, needle stop up/down, blind hem, merrow stitches, 7 presser feet, and cover. Original price $529.95 now $324.95

Also available 26 stitch 1-step buttonhole, deluxe school model. original $499.95 now $289.95

Other models available at similar savings.

CALL 848-888-2733 Credit cards & checks accepted.






# צא והלחם בעמלק!

## די טונקעלע טייל פון דער האַרצרייסנדער "פרשת ניתוחי מתים" ווינטער תשפ"ד

דאָס יהדות החרדית בארה"ק ובחו"ל, געפינט זיך נאָך די טעג אונטער דעם רושם פון די פּאַרלאָפענע מאורעות וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפ'ן פראָנט פון די ביטערע גזירת 'ניתוחי מתים', ווען די רשעי הציונים האָבן זיך פאַרלייגט מיט אַ שווידערליכע מזימות רשע צו חלילה פאַרשוועכן דעם כבוד הנפטר, פון אַ חשוב'ער היימישער בחור'ל וועלכער איז ליידער נפטר געוואָרן בלויז צוויי טאָג נאָך זיין בר מצוה, ה"י.

אידן איבער דער גאַנצער וועלט האָבן מיטגעהאַלטן מיט התפעלות און געפיל די העראָאישע מערכה כבירה וואָס די טויזנטער בני ציון היקרים האָבן געפירט למען כבוד המתים, מיט אן אויסטערלישע מסירת נפש, ביז די רשעים זענען ב"ה געווען געצווינגען פולקאָם צו אויפגעבן דעם קאַמף און באַפרייען דעם נפטר פון זייערע טריפה'נע נעגל בס"ד.

פאָלגנד איז אַ שילדערונג, ציטירט פון די באַריכטן אינערהאַלב די באַרימטע "מערכת קול האמונה" ליניע, וואו עס ווערט געשילדערט אן ארייננבליק אין דער טונקעלער טייל פון דער טרויעריגער געשיכטע, וויאַזוי אזוי גערופענע מצילים האבן אריינגעווארפן די משפחה, דעם נפטר און דאָס גאַנצע יהדות החרדית צו די הענט פון די סאדיסטישע פּאָליציי, מיט א קאלטע קאליבראציע און שותפות פעולה, נישט קוקנדיג אויף די שרעקליכע נאכפאלגן פון בזיון המתים והחיים. עושים מעשה זמרי ומבקשים שכר כפנחס.

ערליכע אידן זענען מתפלל אַז ס'זאָל שוין זיין ילמדו תועים בינה, ומלאה הארץ דעה את ה' מיט די גענצליכע ביטול פון די מלכות המינות בב"א.

די ליכטיגע רישומים פון די לעצטע שווערע וואך איז נאך טיף טיף איינגעקריצט אין דיביינער פון יעדן ערליכן איד, אנגעהויבן פון די שווערע אומגלויבליכע מחזות פון מסירות נפש וואס האבן זיך אנגעזען בכל רחבי ארה"ק פון די ערשטע מינוט ווען אין די וועלט האט זיך צושפרייט די שרעקליכע בשורות איוב פון דער התעללות המחפירה וואס די רשעים פירן דורך איבער אידישע נפטרים, די לעצטע וואכן איז געווען עטליכע פעלער פון ניתוחי מתים. איינס א מיידל וועלכע איז אוועק זייענדיג אין סעמינאר ל"ע, ווי באריכטעט 2 וואכן צוריק צווישן די שפאלטן פון 'וואכנשריפט', וואס האט געברענגט צו א שטורעם פון עטליכע שעה, און פאריגע וואך וואס די פאליציי האט אויפגעהאלטן א לאנגע צייט א אינגער בחור'ל וועלכע איז ל"ע נפטר געווארן, ווען פון יענע שווערע מינוטן איז געזען געווארן די פארבארגענע אומשאצבארע כוחות פון דער באשעפער'ס ארמיי וואס בתוך דער עמק הבכא, כאטש וואס מ'שטייט אין א צייט פון מרוטת לחי ונתונה למכים, טראָץ דעם אלעם שרייט ער אויס בכל גופו נפשו ומאודו חבוקה ודבוקה בך הושע נא.

אט די געוואלדיגע מחזות זענען געווען דער אנהייב און די הכנה צו די געוואלדיגע מורא'דיגע הארה מן השמים און דאפלטן התגלות כבוד שמו יתברך וואס דער רבש"ע האט אונז געוויזן איינמאל נאכן צווייטן ווי אזוי מסירות נפש ברעכט די גרעסטע און שווערסטע כוחות הטומאה, ווען איןביידע פעלער וואס דער ציבור איז ארויס איבער די ביטערע פראנטן האבן די רשעים געהויבן הענט און באפרייט די נפטרים אן צו דורכפירן זייערע גרויזאמע פלענער פון שניידן אין דער בשר החי פון די נפטרים. די גאנצע לאנד איז געשאקלט געווארן מיט דעם וואס די רשעים האבן זיך אינגאנצן געבראכן און זיי האבן נישט מנוול געווען די הייליגע נפטרים נאך וואס די גאסן האבן אנגעהויבן צו פלאקערן און דער ציבור איז ארויס בהמוניהם בכל רחבי ארה"ק אויסשרייען סלקו ידיכם הטמאות מן החיים והמתים.

אט די געוואלדיגע רישומים שוועבט נאך אין די לופט און וועלן נישט אזוי שנעל ארויסגיין פון זכרון פון די ערליכע אידן וואס האבן מקיים געווען כפשוטו דער צא והלחם בעמלק, און ס'ליגט אויף אונז א חוב צו גוט איינקריצן, אין זיך און אין די קינדער, דער געוואלדיגער באדייט פון אט די מלחמות און די טיפע משמעות וואס ליגן אונטער דעם.

*

שווער איז אבער צו צורירן צו א זייטיגער ענין וואס דער ציבור פון די טויזנטער מוסרי הנפש האבן נישט געהאט די צייט צו זיך באנעמען בשעת מען איז געווען פארנומען אויסצושרייען דעם ווי געשריי איבער דער פשע הנורא.

אין די צייט וואס ערליכע אידן האבן געקעמפט אויפ'ן פראנט, א פראנט וואס ס'האט זיך טאקע ווידעראמאל געענדיגט צום גוטן בס"ד, אבער גלייכצייטיג האט דאס נאכאלץ געקאסט דער ביטערן שווערן פרייז ווען די קאניבאלישע רוצחים האבן אזוי נידערטרעכטיגערהייט געלייגט זייערע שמוציגע נעגל איבער א אידישן נפטר וואס זיי האבן געהאלטן אין זייער אינקוויזיציעשע טונקעלע קעלערן א גאנצע נאכט לײדער, ווען אויף אזויפיל אבער האט מען געקענט זאגן דער ברוך שמסר עולמו לשומרים נאך ווען ווידעראמאל זענען געזען געווארן די טויזנטער מוסרי הנפש וואס האבן אראפגענומען דער חרון אף און נישט אריבערגעלאזט די שרעקליכע שערוריה בשתיקה.

פארשטייט זיך אז אין די זעלבע צייט וואס די טויזנטער מוסרי הנפש מלומדי מכות עינוי וסבל האבן געבלוטיגט אויף די פראנטן, און האבן אריינגעכאפט אין זיך אזויפיל מערדערליכע ביטערע שרעקליכע קלעפ פון די ידים ידי עשיו און זייערע אלע כלי משחית, אין די זעלבע צייט זענען די אלע א.ג. פרומע פארטייען וועלכע זיצן אינאיינעם מיט די רשעים מיט זייער מנהיגים



## די טונקעלע טייל פון דער האַרצרייסנדער "פרשת ניתוחי מתים" ווינטער תשפ"ד

און ראשי ישיבות געווען פארנומען אין אנדערע דברים של מה בכך, ווען זיי האבן נישט געהאט אפי' קיין איין רגע צו אויסדרייען די קאפ אויף צו כאפן אפי' א קורצן נישטיגן בליק צו זען מה שלום אחיהם המוכים ונמרטים.

מען האט נישט געהערט פון זיי קיין אות אחת קיין שום זארג און ניטאמאל אינטערעסע וואס טוט זיך מיט די נפטרים וואס געפינען זיך רח"ל אונטער די הענט פון די אוכלי בשר אדם; די קאניבאלישע רוצחים, ווען דער דונערדיגן שטיל שווייגעניש האט אונז ווידעראמאל געעפענט א פענסטער צו מכיר זיין אין וועלכן שרעקליכן עומק השאול געפינען זיך אט די אלע גרופעס וואס דער בארד און פיאות באצירט זיי און זיי פילן זיך אפשר גאנץ באקוועם אין די געבלומטע בעקיטשעס זייערע, אבער מ'דארף אפי' נישט גראבן צו טיף אויף צו זען אז אלעס איז פארפוילט, עס געפינט זיך נישט דארטן קיין איין ברעקל רגש און קיין זכר פון א זאך וואס קען דערמאנען א אידישן געפיל וואס מ'האט ליידער מצליח געווען צו גענצליך אויסרייסן רח"ל.

*

איר שטעלט זיך אבער אליין פאר אז נישט דאס איז די מטרה פון אונזער באריכט און טאקע צוליב די איין סיבה וואס דער פאקט אז די אויבן דערמאנטע התנהגות פון אט די אלע א.ג. פרומע איז שוין ליידער היינט נישט קיין חידוש, און יעדער איינער האלט מיט און קען אפי' פון פאראויס זאגן ווי אזוי די בילד גייט לייַדער אויסקוקן.

דער ריינער אמת איז אז טאמער וואלטן מיר נאר מיטגעלעבט אט דער געפערליכער חילול ה' קען זיין אז מיר וואלטן שוין געהאט יוצא געווען מיט'ן עצם מלחמה וואס מיר אלע האבן ארויסגעשריגן בקול גדול דער שמע ישראל, ווען יעדער איינער פארשטייט אז די פייערדיגע קריאות מחאה ומלחמה איז געווען געוואנדן פאר די מיט די קאפלעך און אן די קאפלעך כאחד, ווען ס'איז כמעט נישט געבליבן קיין זכר פון אן אונטערשיד צווישן זיי אויסער די דרויסנדיגע מלבושים של הבל. דעריבער איז פשוט אז מיר זענען נישט געקומען זיך באציען נישט צו די אלע א.ג. פרומע פארטייען, נישט צו זייערע מנהיגים און נישט צו זייערע אלע פלאטפארמעס המלאים ברפש וטינופת.

מעבר לכל זה האבן מיר אבער לייַדער דערלעבט אין די לעצטע וואך צוויי שרעקליכע שערוריות איינע ערגער פון די צווייטע. ווען דאס מאל רעדן מיר שוין נישט פון די וואס שטעלן זיך אפיציעל ארויס אלץ איינע פון די רעדער וואס פירן דער שרעקליכן מדינת השמד, נאר דאס מאל רעדן מיר פון שרעקליכע שערוריות וואס זענען ארויסגעקומען מתוך המחנה הפנימה, וואס ווי שווער ס'איז דער מציאות אז ס'האט לייַדער געקענט פאסירן, אזוי ביטער שווער איז צו דערציילן פאר'ן ציבור אז ס'האט לייַדער פאסירט.

אין די זעלבע צייט וואס דער יהדות החרדית האט ארויסגעוויזן א מסירות נפש וואס איז אריבער געריכנען אלע גרעניצן, איז געווען א מציאות פון אנדערע וואס זענען געווען מוכן צו ווידעראמאל צוברעכן, צוטראסקען, און חרוב מאכן אלעס וואס איז נאר שייך. אלעס פאר שרעקליכע אינטערעסן וואס ביז די מינוט פארשטייען מיר נאכנישט וועלכע אינטערעסן האבן שוין געקענט זיין דא, אבער דער פאקט איז א פאקט, און די מסקנא איז אז ס'איז פשוט נישט שייך מער צו שווייגן און כאטש על קצה המזלג אנרירן דא די 2 שרעקליכע באזונדערע פשעים איומים וואס איז אפשר ווי איינגעשליגנען געווארן במהלך די מערכה הכבירה וואס איז געפירט געווארן בגאון ובעוז.

*

ס'איז גענוג צו אנרירן איין קורצן דוגמא וואס וועט אייך האפענטליך געבן אן אנהייב פון א בליק אויף די גאנצע הלך ילך פון די וואס זייער האס און צארן האט זיי אזוי שטארק אוועקגעריסן פון זייערע אייגענע ווארצלען ביז זיי זענען שוין נישט מסוגל היינט צו פארנעמען א פלאם פייער פון קדושה, ווען צ.ב.ש. קען מען אויפמערקן אז ס'איז שטענדיג דא אזעלכע עלעמענטן וואסווארטן אויס יעדן מאל אויף די רגע צו קענען אויסרופן אז די 'מלחמה איז געשלאסן' און אז 'מ'דארף אפלאזן און פארמאכן אלע פראנטן'. איר וועט אייביג זען ווי אזוי אט די מענטשן זענען פארנומען די גאנצע צייט אויף צו דערגרייכן צו די מינוט צו קענען אויסרופן: "רבותי סטאפ! מ'קען עפענען אלע גאסן, מ'קען אפלאזן די געווער, מ'קען אהיימגיין".

יא ס'דא אזעלכע מענטשן וואס מ'וואלט אפשר געקענט זיך ערלויבן צו זאגן אז ס'נישט קיין גרויסע טענה ווייל די מענטשן האבן זייער א שנעלע תפיסה און פונקט זיי פארשטיין אלעמאל ווען ס'קומט די רגע וואס מ'דארף אלעס אפשטעלן. אבער דער וואונדער איז, ווען שטענדיג זענען אט די סארט אזעלכע מענטשן וואס אויב בעת ס'פאדערט זיך צו פארמאכן די מערכה האבן זיי גאר גאר א גיכע תפיסה איז אבער ווען ס'קומט צו די פתיחת המערכה זענען זיי דא מיט אינגאנצן פארקערטע נאטורן.

ווען עס קומט צו עפענען א מערכה פאר ניתוחי מתים, חיטוטי שכבי, הצלת בנות ישראל משמד א.ד.ג. זעט מען ווי די סבלנות זייערע ציט זיך אויס אויף לאנגע שטרעקעס פון צייט. זיי מוזן ווארטן אז די שמועות איבער ניתוחי מתים אדער חילולי קברים זאלן זיין הונדערט און זעכציג פראצענט ריכטיג פון אלע ריכטונגען, און אז מ'זאל חלילה נישט נכשל ווערן אין א 'מחאה שלא לצורך', דער אהבת ישראל זייערע רינט דעמאלט ממש פון אלע זייטן, און זיי זענען פשוט נישט מסוגל צו זען ווי אזוי אידן גייען ארויס זיך לאזן כאפן קלעפ למען כבוד שמו, ווען דער עיקר איז כדאי צו אנמערקן אז אפי' נאך ווען זיי וועלן שוין ענדליך האבן אין האנט די אלע קלארע פעסטגעשטעלטע הוכחות וועלן זיי נאכאלץ נישט זיין פארטיג ווען זיי וועלן נאך דעם אלעס דארפן אנקומען צו עפעס זייער אן ערנסטע און סטראטעגישע אינדזשענירטע פלענער צו אכטונג געבן אז ס'זאל זיין בלויז עפעס א מין פון א 'תהלוכה' אזא סארט 'הכנסת ספ"ת מחאה' און אז קיין איד זאל חלילה נישט מאכן קיין חילול ה' ועוד ועוד על זה הדרך.

משום מה דוקא אט די וואס זייער סבלנות ציט זיך אויס איבער די גרעניצן ווען א אידיש קינד ווערט געפייניגט, אדער ווען א אידישע נשמה ליגט על כף מאזנים, צו מ'וויל איר חלילה שניידן רח"ל אדער צו ווען מ'וויל איר ארעסטירן אין דער טריפה'נע מיליטער אדער אין אנדערע פעלער, שטענדיג זענען זיי דא אנצוהאלטן די סבלנות וואס די אומ'אחריות'דיגע מענטשן האבן, און ראה זה פלא, אז דוקא אט די מענטשן פארלירן די סבלנות אין די מינוט וואס ס'דאכט זיך זיי נאר אז זיי קענען זאגן אז דער פראנט איז געשלאסן און אלע אהיים.

ס'מאכט נישט אויס אז נישט ווייניג מאל איז שפעטער נתברר געווארן דער שרעקליכן דורכפאל וואס זיי האבן געהאט ווען דוקא דער אפשטעלן די פראנטן אין די קריטישסטע מינוטן, און איבער אלעס, דער אויסרופן בפומבי איבער אן אפשטעל, האט לייַדער גורם געווען נישט קיין גוטע תוצאות. אמאל ווען א אידישע טאכטער איז געבליבן זיצן פארשפארט נאך אפאר שעה אין תפיסה, אמאל ווען א נפטר איז געבליבן פאר נאך אפאר שעה אונטער די הענט פון די קאניבאלן, און אמאל אנדערע זאכן.

דער עיקר איז אבער אז זיי פארשטייען נישט וואס מען וויל פון זיי ווען סך הכל איז דער זעלבער סבלנות וואס זיי האבן געהאט אנהייב, גיבט זיך א דריי איבער מן הקצה לקצה בעת ס'קומט די תאווה צו קענען זען ווי אזוי ס'ווערט אויסגעלאשן דער פייער, ווען דער זעלבער תאווה וואס ברענט אין זיי יעדן מאל נאך פאר ס'הייבט זיך אן, מיט זייער האפענונג אז דער פייער פון מלחמה לה' בעמלק זאל נישט ווערן אנגעצינדן חלילה, אט די זעלבע תאווה ברענט אין זיי אויך נאך ווען די מחזות פון קידוש ה' באווייזט זיך מיט זייער גאנצער שטראלנדיגער שיין און ליכט.

*

ס'איז אפשר צו א קאמפלעצירטע חשבון פאר יעדן איינעם דאס צו פארשטיין, אבער הלוואי וואלט דאס געווען די ערגסטע, אין צייט וואס לייַדער האבן מיר מיטגעהאלטן אז דאס איז בלויז ווי א שפאלט אין פענסטער וואס גיט אונז צו פארשטיין וועגן וועמען מיר רעדן.

לייַדער האט פאסירט דא א מציאות אשר נפל דבר בישראל וואס מיר האבן מיטגעהאלטן סיי א שרעקליכער התעללות וואס איז אריבער איבער די טייערע עלטערן פון דער טייערער בחור, וואס האבן געהאט אויסצושטיין בעוד מתם מוטל לפניהם. א התעללות וואס האט זיך נאך אנגעהויבן בשעת די נפטר איז געלעגן פארכאפט אין די ציוני'סטישע קעלערן פון אבו כביר, און ס'איז נאך ממשיך ביז יעצט.

און אויב ס'איז נישט געווען גענוג דער חלק איז דערנאך צוגעקומען דער פשע על פשע, ווען כאטש וואס טויזנטער אידן האבן געהאט די זכיה צו באגלייטן בכבוד הראוי דער הייליגער נפטר וואס דער יהדות החרדית האט פארגאסן די בלוט למען כבודו, און זוכה געווען צו שעפן מלוא חפניים חיזוק והתעוררות ביי די הארץ רייסנדיגע לויה, איז אבער דא ווייניג וואס האלטן מיט די שרעקליכע שעות וואס דער התעללות האט ממשיך געווען אויפ'ן נפטר און וואס די לויה האט זיך צוליב דעם אפגעשטופט און אפגעשטופט פאר לאנגע לאנגע שעה'ן.

און איבער אלעס דער אומגלויבליכן און שרעקליכן פרואוו וואס איז גענומען געווארן דורך די זעלבע קבוצה פון די באקאנטע כנופיות הפשע וואס וויפיל ס'זאגט זיך גרינג איז נאך אלץ נישט שייך צו פארדייען דער שרעקליכן פאקט אז אט די פארשוינען האבן געארבעט אויף אלע שרעקליכע אופנים צו פשוט צושטערן בדם קר דער מסע הלויה, און ווי געזאגט אלעס צוליב פראסט ביליגע און נידריגע אינטערעסן פון א תאוות נקם וואס קיינער ווייסט נאכנישט וואו דאס איז באשאפן געווארן אט די תאוות נקם און ווער האט זיך פארזינדיגט פאר זיי וואס צוליב דעם האט דער נפטר געדארפט דורכגיין דער מסע התלאות אזוי שרעקליך אפי' נאכן אפעציעל באפרייט ווערן פון די צפרני הרשעים.

*

מיר ווייסן נישט וויפיל עס האבן מיטגעהאלטן און געהערט איבער דעם, און פאר די וואס ווייסן נישט וועלן מיר אפשר דערציילן אז גלייך נאך די ביטערע שווערע מערכה ווען דער יהדות החרדית האט דערהאלטן די פרייליכע ידיעה המרנינה איבער דער באפרייאונג פון דער הייליגן נפטר דער טייערער בחור, נאך אין יענע שעה האט זיך אויפגעשטעלט דער שר פון א געוויסע 'מרכז' - אן ארגאניזאציע וואס איז שוין באקאנט פאר ערליכע אידן מיט אירע שרעקליכע פארברעכנס וואס זענען ארויס מתחת ידיהם פון די ערשטע מינוט וואס זי האט זיך אוועקגעשטעלט.

זייער שווער איז צו פארגעסן אפי' איר אלטע באקאנטע טונקעלע היסטאריע, וואס אין די ערשטע טעג פון איר עקזיסטענץ און אין די זעלבע צייט וואס זי האט כלומר'שט געדארפט ארויסשטעלן א פנים ווי אזוי זי דאגה'ט קעגן דער גזירת הגיוס אין די זעלבע צייט האבן אלע מיט געהאלטן ווי אזוי זיי זענען געשטאנען און געפירט א מערכה עקובה מדם אויף צו פארשטיקן און פארשטילן די מערכה הכבירה קעגן דער גזירת הגיוס, סיי מיט'ן צושפרייטן שרעקליכע שמועות און סיי מיט'ן קריטיקירן די פארשידענע אפיסעס וואס האבן זיך אויפגעשטעלט צו ראטעווען אידישע קינדער פון דער שמד הגיוס.

ווי באקאנט איז געווען איינע פון די טענות פון דער אפיס, אז מ'טאר נישט נוצן די דרכי פעולה אויף צו ראטעווען די ווייטערע נשמות וואס בעטן זיך אויף הילף, צו איז דאס די פארשידענע ספרד'ישע און פארפאלגטע בחורים וואס האבן זיך געטראפן מיט'ן שרעקליכן געפאר פון דער חרב שמד הגיוס וואס האט געשוועבט איבער זיי, און די אלע אפיסעס האבן געארבעט ארום דער זייגער צו ראטעווען די טייערע בחורים אויף אלע וועגן וואס איז נאר שייך, און דאן איז פון דער אויבנדערמאנטער אפיס געקומען שווערע טענות ומענות היתכן אז מ'נוצט די אלע וועגן אויף צו ראטעווען די בחורים אין צייט וואס מ'וועט דאס שפעטער נישט קענען נוצן אויף




צו מאכן פטורים פאר די אלע היימישע בחורים!

משום מה האבן דער ראש המצילים פארגעסן זיין טיטל.. און האט פארשטאנען אז די טויזנטער פרעמדע וואס ליגן אין אסאך א שרעקליכערן געפאר פון דער שמד הגיוס דארפן פאלן און קראכן אבי צו זיך קענען מאכן אביסל מער באקוועמער מיט די היימישע, בפרט ווען דאס לייגט צו אסאך מער כבוד און געלט.

און דאס איז נאר געווען איינע פון די פשיעות ווען איבעראל איז דאך באקאנט די קונטרסים המלאים בלעג וקלס און איבערגעפילט מיט קיתונות בוז ושופכין איבער די מוסרי הנפש וואס שלאגן זיך קעגן דער גזירת הגיוס, וואס אט דער אפיס האט ארויסגעגעבן אין יענע שווערע ביטערע מלחמה, ווען דער שרעקליכער חילול ה' איז געווען אזוי גרויס אז אידן איבער די וועלט האבן נישט געקענט גלייבן ווי אזוי דוקא אט די וואס דארפן ווען זיין די וואס זענען מחזק די ערליכע אידן די ברכיים אשר לא כרעו לבעל, דוקא זיי זענען די וואס נעמען דער זעלבן שטעלע פון די גרעסטע עוקרי הדת און מובילי שמד הגיוס און די בושה און חרפה איז געווען אומדערטרעגליך.

ס'איז נאך ליידער דא א לאנגע ליסטע וואס איז שווער צו אויסרעכענען און נישט דאס איז אונזער ציל יעצט, אין צייט וואס איז נאר כדאי צו אביסל אויפרישן דער זכרון ווען מיר קומען רעדן איבער דער יושב ראש זייערע, וואס איז אין די לעצטע תקופה באשאטן געווארן מיט א גאנצע ליסטע פון תוארים און טיטלען וואס מאכט אים ברייטער און לענגער. אנגעהויבן פון 'שר העסקנים' ביז 'מלך האסירים', 'ראש המצילים', 'ואבי אבות המפקדים והשוטרים', ווען צומאל ווערט ער גאר באגריסט מיט'ן תואר 'שליח בית דין'...

אצינד יעצט ביי די מערכה ווי נאר ס'האט אנגעהויבן צו צושפרייט ווערן די בשורה האדירה איבער דער באפרייאונג פון דעם טייערן נפטר, אין אט יענע מינוטן ווען יעדער ערליכער איד איז געווען פארנומען מיט'ן פרובירן כאפן א קורצן אטעם, און די טייערע עסקנים זענען געווען פארנומען צו זען ווי צו אנהייבן אויסארבעטן די הכנות אויף די גרויסע מסע הלויה, ווי אויך אויף צוזאמצושטעלן סכומים אדירים צו דעקן די גרויסע הוצאות המערכה.

אין די זעלבע צייט איז אט ערשט געווארן ליכטיג אין די אפיסעס פון דער 'מרכז עזרה לזיוף', ווען כאטש וואס ביז יעצט איז געווען דארטן די לעקטער אויסגעלאשן און צופיל ארבעט איז נישט געווען דארטן, זיי האבן דאך ס"ה געווארט צו קענען ארויסגיין שרייען 'רבותי אלע אהיים', 'אויס הפגנות געענדיגט מיט די מחאות', האט אבער דער עיקר ארבעט זיך ערשט יעצט אנגעהויבן, ווען בראש ובראשונה איז אין יענע מינוטן גלייך ארויסגעשאסן געווארן א החלטה דורך די כנופיות פון 'עזרה לזיוף' וחבר מרעיהם אז מ'דארף צושפרייטן אין אלע מבואות המטינפות צוויי חלקים פון דראמאטישע נייעס איבעראל.

דאס ערשטע דארף מען מפרסם זיין אז די גאנצע מערכה וואס איז געפירט געווארן אין די בלוטיגע שווערע טעג, אלעס איז געווען אין זכות פון דער שר העסקנים אליין. וואס האט זיך אראפגעלאזט בטלטולא דגברא און אט ער האט געפירט דעם גאנצן מערכת הכבירה.

דאס האט לכאורה געדאפט באשטעטיגן אז ס'איז דא א גרויסע נפק"מ להלכה אין די פוסקים לגבי א נפטר. וואס הגם אין די אור אלטע פסקים זענען באקאנט אז א נפטר וואס האלט שוין נאכן באערדיגט ווערן מעג מען יא רח"ל עפענען דעם קבר און דורכפירן איבער אים די ערגסטע זוועות עולם און ניוול המת בכל אופן שיהיה, אבער דא איז געווען וויכטיג צו קלארשטעלן די דראמאטישע נייעס אז טאמער האלט מען נאך פארן באערדיגן דעם נפטר איז עפעס אנדערש די הלכה.

לאור דעם איז פארשפרייט געווארן די דראמאטישע נייעס אז דער גאנצער ציבור איז פשוט געזעצן און געווארט אויף די דער פסק אז בכגון דא מעג מען ארויסגיין אויפן פראנט, און ווי די דראמאטישע קעפלעך האבן אויך איבערגעגעבן איז פשוט כך הוה... מען איז ווירקליך ארויס אויפן פראנט. עס וואונדערט נאר ווי אזוי עס האבן זיך אנגעהויבן מחאות קעגן די חילול הקברים אין גלובנציץ ווען דארט האט געפעלט אט דער הוראה.

און ווי נאר מען האט באשטעטיגט אז מען מעג ארויסגיין איבער די גאסן האט מען ארומגעשיקט א הויך הילכער אין די גאסן פון ירושלים, וואס האט שווער געקענט דורכפארן די גאסן זייענדיג עטליכע שעה אריין אין די מערכה ווען די גאסן האבן שוין גוט געפלאקערט און זיי האבן געדארפט צייגן אז זיי זענען אויך פארנומען מיט דעם.

די גאנצע הכרזה איז כמעט נישט געהערט געווארן. ווייניג מענטשן האבן בכלל צוגעלייגט אן אויער צו הערן וואס דער מכריז רופט אויס, ווען די איינציגסטע וואס האבן יא געהערט זענען געווען בלויז די וואס זענען געווען צושפרייט אויף די פילע בלוטיגע פראנטן, וויבאלד די כנופיות האבן גע'דאגה'עט צו זיך ארומדרייען מיט די הכרזה דוקא צווישן די פארשידענע פראנטן כדי צו מודיע זיין דער ציבור אז די גאנצע מערכה האט זיך נאכנישט אנגעהויבן... וויבאלד לויט די ווערטער פון דער מכריז איז די פתיחת המערכה באשטעטיגט געווארן אויף די שפעטער'דיגע טיפע שעות פון די נאכט.

פארשטייט זיך אבער אז דאס אלץ האט זיי נישט אפגעהאלטן פון ארויסשיסן די דראמאטישע נייעס אז די אלע פראנטן איז געווען בלויז א דירעקטע תוצאה פון דער אפיס. ווען ביז דא איז נאר די ערשטע טייל פון די הודעה וואס ער האט געהייסן מפרסם זיין אין די אלע נייעס באופן דחוף, ווען צו דעם איז צוגעקומען די צווייטע האלב נייעס ווען יענע כנופי' האט מפרסם געווען אז די גאנצע באפרייאונג פון דער נפטר איז נאר צו פארדאנקן אט דער 'ראש המליצים' וואס האט געארבעט און געשוויצט ווען אדאנק אים איז ענדליך געקומען די הוראה פון די שלטונות צו באפרייען דעם נפטר.

נו, די נייעס וואס זיי האבן געהייסן צושפרייטן איבער די ווירטואלע זייטלעך און טעלעפאן ליניעס איז אונז גאנץ ווייניג אינטערעסאנט. אדרבה! ווי מער די שרי העסקנים און ממליכי המלכים זינקען דארטן און זענען פארנומען דארטן אלץ מער אטעמט אפ דער ערליכער איד.

די סיבה פארוואס מיר ברענגען יא אראפ די נייעס דא, איז וועגן דער שמועס וואס מיר האבן געהאט מיט א חשוב'ער איד דעם לעצטן מוצ"ש ווי פריער געזאגט. מיר האבן אים אויפגעמערקט אן אינטערעסאנטע נקודה וואס יעדער איינער קען דאס אליין בודק זיין און לכאורה אויך מודה זיין צו דעם. ווען מיר האבן אים געזאגט אז טאמער וועט איר גוט נאכקוקן וועט איר זען אז באופן פלא וועט זיין צוטיילט די א"י אידן מיט די חו"ל'דיגע אידן אויף פונקט א פארקערטן ריכטונג, ווען ממש אויף א וואונדערליכן אופן וועט יעדער איינער פון זיי פארנעמען בלויז איין האלבע טייל פון די נייעס.

אין א"י למשל האבן מיר אים געזאגט, דאס וואס יעדער איינער האלט מיט כסדר די מערכות און יעדער איינער ווייסט וויאזוי ס'גייט פאר און ווי אזוי ס'קומט, און יעדער איינער האט אויך מיטגעהאלטן דער שטראם פון די מאסן וואס איז געקומען בלויז פון א פלאקערדיגע הארץ למען כבוד שמו יתברך, פון אזעלכע הערצער וואס האבן נאך א אידישן געפיל און זענען נישט מסוגל צו בלייבן גלייכגילטיג, דא וועט איר זען אז יעדער קלענסטער יודע דבר וועט פשוט נישט וויסן צו וויינען אדער לאכן, נאר פון הערן אז דער 'שר העסקנים' באטיטלט זיך אלץ דער וואס בזכותו זענען אידן ארויסגעגאנגען מקדש זיין שם שמים. יעדער איינער ווייסט אז אזא נייעס איז אפי' נישט ווערד קיין האלבן שמייכל און ס"ה אפשר וועט דאס געענטפערט ווערן מיט א געפיל פון רחמנות.

לעומת דעם אבער, איבער די צווייטע טייל פון די נייעס וועט איר באמערקן אז אין אר"י וועלן זיין אסאך אידן וואס הייבן נישט אן צו וויסן וואס איז פארגעגאנגען, און זיי וועט זיין זייער לייכט צו אפקויפן דער לאקש אז דער 'ראש המליצים' האט מצליח געווען נאך א שווערע ארבעט צו דורכקומען מיט די פאליציי אויף צו באפרייען דעם נפטר.

ס'איז נישט משנה אז אויב איז אזוי ווי דער 'ראש המליצים' פרובירט צייגן אז ער האט געהאט עפעס אן אפמאך מיט די פאליציי איז וואס איז פשט אז די פאליציי האט נישט נאכגעגעבן ביז איינס אזייגער מיטאג? לפי דער נחתום וואס איז מעיד על עיסתו וואלט דאך דער נפטר געדארפט באפרייט ווערן גלייך אינדערפרי אדער אפשר נאך אפי' אינמיטן די נאכט שעות. און אזוי אויך נאך א גאנצע ליסטע פון שאלות וואס יעדער איינער קען זיך אליין פרעגן אויף צו זען אז ס'שטימט נישט איין ווארט מיט'ן צווייטן.

אבער ווי נישט ווי האבן מיר געזאגט פאר יענעם אז דא אין א"י וועט איר נאך קענען טרעפן אזעלכע וואס וועלן אפקויפן בלויז די צווייטע העלפט פון דעם לאקש פון אט דער שר החלומות.

לעומת דעם איז אבער אינטערעסאנט אז אין חו"ל וועט איר באמערקן פונקט א פארקערטע מציאות, דארטן וועט איר זען אז מענטשן וועלן זיך אפי' שעמען צו איבערזאגן די צווייטע העלפט פון די נייעס. יעדער איינער ווייסט אז די זיסע חלומות פון די נייעס איבער די שטילע הסכמים וואס זענען געוועבט געווארן איז נייעס וואס מ'קען איבערלאזן בלויז פאר די נאאיווע שוטים. מצד שני וועט אין חו"ל זיין לייכטער צו פארקויפן די ערשטע האלב פון די נייעס, ווי גלייך דער ארגאניזירן די מלחמה און מערכה אדירה האט געהאט עפעס א שייכות מיט דעם 'ראש המליצים', ווען די תושבי חו"ל ווייסן דאך בכלל נישט וויאזוי ס'איז פארגעגאנגען די ביטערע מלחמה און מערכה, זיי ווייסן איין זאך אז די גאסן אין ארה"ק האט געפלאקערט, און מער נישט.

צו ענטפערן אויף די שווערע חקירה צו דער 'ראש המליצים' האט יא אריינגעלייגט א פינגער אין קאלטע וואסער אדער נישט, וועלן מיר בעסער איבערלאזן נאך ווען איר וועט הערן אז יא יא, נישט נאר איין פינגער נאר די גאנצע האנט און נישט נאר די גאנצע האנט נאר אפי' ראשו ורובו, און נישט אין קאלטע וואסער נאר אין הייסע קאכעדיגע בלעזלדיגע וואסער... וויפיל ס'וועט זיך זאגן און דערציילן איז נאך אלץ נישט שייך צו פארדייען דער שרעקליכער מציאות וואס האט זיך אפגעשפילט אין די פארגאנגענע וואך באופן אשר תסמרנה שערות אנוש.

*

אצינד וועלן מיר אייך טאקע מיטטיילן איבער וואס איז פארגעגאנגען, וויפיל ס'איז מעגליך צו איבערגעבן, וינועו אמות הסיפים.

ס'נישט קיין סוד אז פון די ערשטע מינוט ווען די טראגישע בשורת איוב איז אנגעקומען איבער די שרעקליכע טראגעדיע וואס האט באטראפן די טייערע משפחה אין שטאט בית שמש מיט די פריצייטיגע פטירה פון זייער טייערער בר מצוה בחור, איז שוין גלייך אין די ערשטע מינוט די טייערע משפחה געווען ארומגענומען מיט די נאענטסע קרובים, מכירים וידידים וואס זענען געשטאנען צו די האנט אויף צו שטיצן, באגלייטן, און צולייגן א פלייצע צו העלפן מיט וואס מ'דארף.

אין יענע שווערע מינוטן איז נאך אפי' נישט געווען קיין פארדאכט אז די שווערע טראגעדיע איז נאר דער ערשטער טייל פון דער שרעקליכער מסע התלאות וואס גייט אריבערגיין אויף די משפחה, אבער ס'האט נישט גענומען צו לאנג ביז ווען מ'האט מכיר געווען דער שווערער פלאנטער וואס נעמט ארום די משפחה מיט די דאפלטע טראגעדיע, ווען אנשטאט צו האבן די צייט צו זיך פארנעמען מיט'ן פארדייען די ביטערע טראגעדיע און זיך קענען צוגרייטן צו די הארץ רייסנדיגע לויה זענען די משפחה מיט די טייערע קרובים געווארן פארנומען צו זען ווי אזוי מ'קען ראטעווען דער הייליגן בחור'ל פון די הענט פון די רשעים.

בד בבד האט אויך געשוועבט דער דאפלטער

שווערער חשש אזיוויי שטענדיג אין אזעלכע פעלער אז די רשעים ווען זיך חלילה פרובירן צו פארלייגן איבער די עלטערן און פרובירן זיי ח"ו - נאך צו די אלע הארץ ווייטאג - זיי אויך ארײנשליידערן אין תפיסה, און אדורכפירן די שווערע שרעקליכע חקירות בעוד מתם מוטל לפניהם.

די מערכה האט זיך אויטאמאטיש צוטיילט אין צוויי, ווי מ'קען דאס אנרופן, ווען פון איין זייט זענען די משפחה געווען פארנומען צו טאן אלע מעגליכקייטן צו באפרייען דער נפטר און אים קענען ברענגען לקבורה ווי א מינוט פריער, ווען פון די מינוט וואס מ'האט געזען די שרעקליכע עקשנות פון די שלטונות הרשע מיט די פאליציי, האט די משפחה מיט די הילף פון די קרובים זיך גלייך פארבינדן מיט די טייערע עסקנים וואס האבן גענומען אויף זיך פון איין מינוט אויפן צווייטן אלע הוצאות, און בד בבד אויך גע'דאגה'עט צו אויפהייבן א פלאקערדיגע מערכה אין גאס וואס מ'דארף געדענקען אז דעמאלט איז נישט געווען אפי' קיין קלער אז די מערכה גייט זיך ציען פאר דרייסיג שעה ברציפות.

די נחשונים זענען פארשטייט זיך ארײנגעטאנצן אינעם פייערדיגן מערכה וההבערה ללהב יצאת ווען דער פלאקער איז געווארן נאר שטארקער און שטארקער. און לענגאויס די גאנצע צייט זענען די טייערע קרובים געווען דארטן צו העלפן מוטיגן און שטיצן און באגלייטן די משפחה אין די שווערע ביטערע פיינליכע שעות וואס האבן אויסגעזען ווי אן אייביגקייט וואס נעמט נישט קיין סוף.

אין די זעלבע צייט איז פון צווייטן זייט אויך געווען די מאמענט ווען מ'האט פארשטאנען אז דער פלאנטער וואס די רשעים ווילן פארפלאנטערן די טייערע חשוב'ע עלטערן איז א מערכה בפני עצמה וואס דארף זאפארט באהאנדלט ווערן, וואס פאר ווער ס'ווייסט נישט איז זייער באקאנט דא אין א"י אז די שטארקסטע און איינציגסטע עצה וואס היט די עלטערן אין אזעלכע פעלער ל"ע און וואס איז די לייכסטע און בעסטע וועג דורכדעם וואס די עלטערן ווערן באהאלטן ערגעץ וואו לכל הפחות ביז די לוי', ווען דער חלק איז פון די באוואוסטע און באקאנטע זאכן דא אין יעדן פאל, וואס ראטעוועט ממש בחוש פון אלע שוועריקייטן וואס ווי ס'הייבט זיך אן קען מען אמאל וויסן, אבער ווי ס'ענדיגט זיך ווייסט קיינער נישט. ומן המפורסמות אין צריכים ראיה.

בדרך כלל איז באקאנט אז די פאליציי דרייט זיך שטענדיג ארום ווי פאר'סמ'טע מייז אויף צו טרעפן די עלטערן ווען זיי וויסן אז טאמער זענען זיי נישט מצליח צו לייגן די הענט אויף די עלטערן ביז די לויה איז דערנאך כמעט אוממעגליך צו קענען עפעס טאן. יעדער איינער ווייסט אז ביי די לויה און דערנאך ביים זיך אראפזעצן שבעה איז שוין א צייט וואס זיי קענען במילא גארנישט טאן, און דער פאקט איז אז בדרך כלל ווערט די זאך אינגאנצן פארגעסן בפרט אין אט דער מדינת כעלעם.

*

אצינד הערט אן ערשט האנטיגע באריכט פון וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין די צייט וואס די קרובים פון משפחה צוזאמען מיט אלע געטרייע עסקנים ובמיוחד די טייערע באקאנטע עסקנים וואס טוען שוין אין די מערכות פון ניתוחי מתים רבות בשנים, שוין צענדליגער יארן, און זיי האבן די עקספערטיז און ידיעות און אלעס ארום. אין די זעלבע צייט וואס די אלע זענען געלעגן בעובי הקורה צו זען ווי אזוי צו סיי שטארקער מאכן און פארגרעסערן די פראנטן אויף אלע אופנים, און סיי איז מען געווען פארנומען מיט די טעכנישע טיילן פון היטן די עלטערן און זיי שיצן און באגלייטן.

אין די זעלבע צייט זענען די שמועסן אנגעהויבן צו לויפן אהין און אהער, אז ויבוא, דער פריש באקרוינטער 'ראש המליצים' אשר אין יודע בין ימינו לשמאלו און האט נאך קיינמאל נישט באהאנדלט אט די האקעלע שווערע מערכות פון ניתוחי מתים, וואס אויב בעבר האט ער נאך געהאט אין זיין אפיס א לויער כדי צו קענען דא און דארטן ווייזן אז מען טוט עפעס למעשה איז מען ווי באקאנט היינטיגע צייטן אויסגעזעקלט און אפי' א לויער לרפואה האט מען נישט.

דער חלק הארי פון די הוצאות פון דעם אפיס וואס מען קאמפיינט דערפאר א גאנץ יאר, הייבט זיך אן און ענדיגט זיך בלויז מיט די אלע פארשידענע 'גאר וויכטיגע' פעולות. דארטן ווערן פארבריצירט די טיטלען און אלע ערליי תוארים, און דארטן איז געבוירן געווארן דער געוואלדיגער 'ועד הפעולה' וואס קיינער ווייסט נישט וואס דאס מיינט בכלל, דארטן ווערן אנגעהאלטן די אלע שווערע פעולות למען דער אויסגאבע 'קלקלא קדישא' ועוד ועוד על זה הדרך אשר אין כאן המקום לפורטם, און פלוצלינג הייבט מען אן צו הערן אז דער 'ראש המליצים' הייבט אן פאטשקענען ארום דער נושא פון די ביטערע מערכה וואס פלאקערט אין גאס.

די טייערע עסקנים וואס זענען שוין צוגעוואוינט דערצו און פארשטייען אז דאס איז פאר פאנדרעיזינג צוועקן שפעטער צו קענען גיין גיין אויסשפרייטן די באמבאסטישע קעפלעך אז זיי האבן געמאכט און געטאן, דעריבער האט מען זיך נישט צופיל צוטאן געמאכט פון די שמועות.

בפרט ווען מ'האט נאך אינמיטן געהערט בעיצומו פון די פלאקערדיגע שעות ווי אזוי ס'הייבט ארומפארן דער הויכהילכער וואס מיר האבן פריער דערמאנט, וואס איז געקומען אויסרופן אז כאטש וואס די גאסן פלאקערן שוין פאר נאענט צו צען צוועלף שעה, איז דא אבער א הכרזה אז די מערכה גייט זיך ערשט אנהייבן בלויז אין א פינף שעה ארום.. און אזוי אויך אז די מערכה וועט חלילה נישט זיין אויפן גאס, און נישט מיט א פייער ס'וועט ס"ה זיין אן עצרת תפילה ומחאה.

פארשטייט זיך אז די משפחה מיט די טייערע עסקנים וואס האבן געהערט דעם הויכהילכער האבן נישט קיין סאך געהאט די צייט צו טראכטן איבער פינסטערע פלענער וואס וועבן זיך, ווען מ'האט זיך פארגעשטעלט אז ס"ה איז דאס טייל פון די געווענליכע בלבול המוחות פון קענען שרייען אין די גאסן אז מען האט געטון. און ס'טאקע נישט געפערליך אז ס'וועלן זיין נאך אפאר אידן וואס וועלן זיך מצטרף זיין צו די מערכה הכבירה וואס האט שוין דאן געהאלטן אין די העכסטע ספערן.

ס'איז אבער נישט אריבער קיין פאר שעה און דער בראך האט אנגעהויבן פאטשן אין פנים. פון אן אומגעראכטענער ריכטונג האט אנגעהויבן קומען די גריסן אז זיי האלטן אסאך ווייטער ווי מ'מיינט, ווען דער ראש המליצים אליין איז פלוצלינג אנגעקומען ביז צו די באהאלטענעם פלאץ וואו די עלטערן זענען געווען באהאלטן, ווי דערמאנט פריער, אבער ער איז נישט געקומען אליין, נאר ער איז אנגעקומען אין באגלייטונג מיט איינער א ידיד זיינער א איינגעשטעלטער אין די פאליציי!

אין יענע שווערע מינוטן האט ער אויסגענוצט זיין גאנצע פרעשור און געפערליכע דרוק אויף צו פארפירן די טייערע מאמע אויף א געפערליכע אופן אז זי מוז זאפארט ארויסגיין צו די פאליציי סטאנציע אויף צו דורכגיין די חקירות ודרישות פון די פאליציי! די עסקנים מיט די קרובים וואס זענען געווען די גאנצע צייט בקשר מיט די עלטערן און האבן אלעס באגלייט האבן פשוט נישט געוואוסט פון וועלכע זייט אנהייבן פארדייען די שווערע ידיעה אבער דער מציאות האט געפאטש אין פנים.

און מ'האט זיך נישט באגנוגט מיט'ן סתם לייגן דרוק, נאר מ'האט אויסגענוצט די געפילן פון די אידישע מאמע וואס באקלאגט איר טייערע בן יקיר, ווען מ'האט איר געזאגט אז די איינציגסטע וועג צו באפרייען איר טייערע בחור איז דורכדעם וואס זי וועט אראפגיין צו די חקירות, ווייל די פאליציי האלט נישט ביים זיך ברעכן אן דעם. ווי אויך האט ער צוגעלייגט א הבטחה וואס די פאליציי האט אים קלאר געזאגט אז זיי ווען נאר דורכפירן אויף איר חקירות פון א האלבע שעה און גלייך נאכדעם ווען זיי איר באפרייען.

אזוי ארום האט ער אויסגעפירט אז ער נעמט אחריות. יא! דער 'שר' נעמט אחריות אויף זיינע פלייצעס אז ס'וועט נישט ארויסגיין קיין שום פראבלעמען פון די חקירות, ווייל אזוי האבן אים דאך זיינע חברים אין די פאליציי איבערגעגעבן, און דערצו נעמט ער אחריות אז ביז א האלבע שעה וועט זי זיין אינדרויסן.

*

לאמיר זיך נאר אפשטעלן דא אויף א האלבע מינוט פאר מיר זענען ממשיך ווייטער, סיי אויף צו צונעמען די לעצטע שורות און סיי אויף צו אייך דערציילן נאך עפעס וואס מיר דארפן אלע וויסן.

די ערשטע זאך לאמיר נאר נעמען אין באטראכט דער פאקט אז מיר רעדן דא אין א צייט וואס אין יענע מינוטן זענען נישט אומזיסט די עלטערן געווען באהאלטן אין א באהאלטענעם פלאץ, וואס ווי שוין פריער געזאגט איז ברייט באקאנט דער פאקט אז אין אזעלכע שווערע צייטן איז קריטיש וויכטיג אז קיינער זאל נישט וויסן וואו די עלטערן געפינען זיך. ועל אחת כמה וכמה איז קריטיש וויכטיג אז די אלע אפטיילונגען פון פאליציי זאלן זיכער נישט האבן קיין שום צוטריט צו די עלטערן. שטעלט זיך ארויס די בילד אז נישט נאר וואס דער 'שר' איז געקומען צייגן אז ער ווייסט יא וואו די עלטערן זענען, נאר ער האט אויך גע'דאגה'ט אז ס'זאל זיין צוזאמען מיט אים אן אפיצעלער איינגעשטעלטער פון די פאליציי, וואס אן צו וויסן בעפאר ווי אזוי ס'וועט זיך אויסלאזן האט ער גענומען די אחריות אזוי קאלטערהייט צו איבערגעבן די עלטערן אין די הענט פון אט די חיות טרף.

עס שטעלט זיך אבער נישט אפ דא, מיר דארפן



אייך דא נישט אויפוויקלען די אלע געשיכטעס פון די באמבאסטישע ליידיגע הבטחות וואס אט דער 'שר הלצים' האט בעבר שוין כמה פעמים פארזיכערט אזעלכע וואס פאליציי האט זיי געזוכט מיט פארשידענע אויסריידן אז זיי האבן נישט וואס צו מורא האבן, ווייל די רשעים זאגן צו אז זיי גייען גארנישט טאן, און ליידער האבן זיך די הבטחות ארויסגעוויזן אלס פוסטע לאזונגען.

ס'גענוג צו דערמאנען אז דער גרויסארטיגער טיטל וואס אט דער 'שר' האט באקומען אין זייערע בית משפט דער תואר פון 'קצין בית המשפט' האט ער טאקע באקומען אין אזא פאל וואס זיי האבן מצליח געווען אים צו באארבעטן ער זאל ברענגען א חשוב'ער מוסר הנפש און א קרבן ציבור צו זייערע הענט, און דער סוף פון יענע געשיכטע איז שטארק באקאנט פאר די וואס ווייסן, און אלס דאנק פאר דעם וואס די רשעים האבן געטראפן אזא אומגעראכטענער מיטארבעטער מיט זיי האבן זיי אים אפי' געשאנקען דער געוואלדיגער תואר פון 'קצין בית המשפט' וואס ער האט צוגלייגט צו די רשימה פון זיינע תוארים.

און דאס איז נישט געווען די איינציגסטע מאל, ווען ערליכע אידן ווייסן שוין מאז ומעולם אז די הבטחות סרק פון די רשעים פון די מדינת השמד איז נישט ווערד אפי' קיין פארדזשאווערטע גראשן, און נישט אונז זאגן דאס נאר חז"ל האבן אונז דאס שוין געלערנט אבער ווי ס'ווייזט זיך אויס איז דא איינער וואס איז קלוגער פון די הייליגע חז"ל און אזוי ארום האט ער גענומען די העזה צו קומען פארלייגן די געפערליכע דרוק און פרעשור באגלייט מיט די קראקאדיל טרערן אז די מאמע מוז זאפארט גיין אויף חקירות אונטער די נעגל פון די חיות טרף ווייל אנדערש וועט זיך די מערכה נישט אפשטעלן און אזוי צושפילט די געפילן פון א איינגעבראכענע מאמע.

איבערהויפט דארף באטאנט ווערן אז אין יעדן פאל איז ברייט באקאנט און זעלבסט פארשטענדליך אז אין די ערגסטע פעלער איז בכלל נישטא אזא מושג אז מ'גייט אריין אין די הענט פון די רשעים אן צו זיך פאראויס דורכרעדן מיט א לויער וואס באגלייט פון פאראויס און זאגט קלאר וואס מ'מעג יא זאגן און וואס מ'טאר נישט זאגן.

אבער דער באנדיט וואס אפי' די מינימאלע הוצאה פאר א לויער איז ער נישט געווען מוכן צו צושטעלן, אזוי ווי ער האט שוין לאנג נישט קיין לויערס אין קיין שום ענין, איז ער געקומען מיט זיין גאונות מיט א געוואלדיגער איינפאל אז וויבאלד ס'דא דא א הבטחה פון די פאליציי איז שוין אפי' נישטא קיין ענין אז די עלטערן זאלן זיך טרעפן מיט א לויער, א פאקט וואס האט געקאסט ליידער א ביטערן פרייז כשלעצמו וואס מיר וועלן יעצט אנרירן.

אויף אזויפיל קען מען שרייבן אז ביז די מינוטן זענען דא טייערע אידן וואס אנטלויפן און באהאלטן זיך פון די פאליציי טאקע בלויז צוליב דעם וואס צוליב געוויסע ווערטער וואס די רשעים האבן אריינגעלייגט אין די מויל פון די מאמע ביי די חקירות זענען זייער שווער פארפלאנטערט געווארן עטליכע טייערע חשוב'ע אידן וואס העלפן ארויס משפחות אין אן ענגשאפט. אלעס א דאנק די גרויסע ברוטאלע חכמ'אלאגישע עצות פון דער אבי אבות האסירים והשוטרים.

ווי נישט ווי איז אבער דער שר געווען אין יענע מינוטן בלויז פארנומען צו דאגה'נען אז די עלטערן זאלן אנקומען אין פאליציי סטאנציע פאר יעדן פרייז, ווען דא איז זייער וויכטיג צו מציין זיין וואו דער מצב האט געהאלטן אין יענע מינוטן.

מ'רעדט דא אין א צייט וואס גאנץ א"י האט געפלאקערט, און די רשעים זענען געווען אונטער אן אויסטערלישן דרוק און פרעשור, ווען אויב ס'איז נישט גענוג דאס, איז נאך אויך אין יענע שעה אנגעקומען די קלארע תשובות פון די פאטאלגישע רוצחים אין אבו כביר אז זיי זעען נישט קיין שום סיבה פארוואס צו דארפן שניידן, ווען זיי האלטן אז אויף די בדיקות וואס זיי האבן געמאכט אן צו מנוול זיין דער מת זעט מען קלאר אז דער טייערע בחור האט ליידער געליטן פון א שווערע אינפעקציע און ס'איז נישטא קיין שום סיבה פארוואס צו צורירן צו דעם נפטר.

פארשטייט זיך אז אין יענע צייט זענען די פאליציי געווען אין שווערסטן פלאנטער ווען זיי האבן געוואוסט אז זייערע שאנסן צו קענען געווינען אין 'בג"ץ הציוני' איז ממש אין דער ערד, און אז זיי קענען אויף אזויפיל ארויסגיין פון דארט מיט אומדערטערגליכע בזיונות. און אויב ס'נישט געווען גענוג דאס האט נאך ממשיך געווען די פלאקערדיגע מערכה אין די גאסן פון ירושלים און אין נאך פילע שטעט ברחבי ארה"ק, און אין זייער גאנצער שווערער פלאנטער איז זיי פלוצלינג אנגעקומען זייער באקאנטער 'קצין בית משפט' וואס העלפט זיי צו ארויסגיין פון דעם זומפ און ארויסקריכן פון די בלאטע ווען זיי האבן דא אן אפשרות צוצוקומען צו דער שרעקליכער מציאות אז די עלטערן זאלן קומען אויף חקירות, א זאך וואס ס'פשוט געווען אוממעגליך אן די הילף פון דער ידיד זייערער.

די רשעים האבן - פארשטייט זיך - זיך צוגעכאפט צו דעם מיט צוויי הענט ווי צו הייסע פרישע געבעקס, און פאר דעם פרייז זענען זיי געווען מוכן אלץ צו צוזאגן אין צייט וואס ס'קאסט זיי דאך גארנישט ווי איר וועט שוין באלד געוואויר ווערן.

דער 'קצין בית משפט' אנשטאט צו איבערלאזן די ארבעט פאר אידן וואס טוען שוין אין דער נושא צענדליגער יארן און זענען שוין באהאוועוונט אין אלע וועגן און מהלכים, איז ער פלוצלינג געקומען בלויז צו צייגן אז ער איז אויך דא. פארוואס? דאס קען נאך קיינער נישט פארשטיין ביז די מינוט. אבער דער מציאות איז דאס געווען, ווען אין צייט וואס אלע האבן געשריגן אז ס'איז נישטא קיין שום סיבה בעולם אז די טייערע עלטערן זאלן ארויסגיין פון זייער באהעלטעניש, און אז ס'איז קלאר ווי דער טאג אז נאר מסירות נפש וועט ברעכן די ביטערע קליפה, איז דער חכם מחוכם געווען פארנומען צו פארקויפן די לאקשן וואס די אפיצירן האבן אים קלאר צוגעזאגט אז סיי די מאמע וועט זאפארט באפרייט ווערן נאך די חקירות און סיי דער נפטר וועט תיכף ארויסגעלאזט ווערן.

מיר דארפן אבער אייך נישט דערציילן אז דער ביטערער מציאות האט זיך אפגעשפילט פונקט אזוויי יעדער איינער האט זיך געקענט פארשטעלן פארדעם, ווען בסופו של דבר איז די התעללות פון די רשעים אריבער אלע גרעניצן נאך ווען די טייערע מאמע איז ארויסגעשלעפט געווארן נאך די ביטערע פרעשור פון דער 'אבי האסירים' וואס איז פלוצלינג אויך געווארן אן 'אבי האסירות', און ביז אינדערפרי איז די מאמע געזעצן אונטער די נעגל פון די רשעים לענגאויס די גאנצע נאכט מיט סאדיזום, וואס ווי געזאגט במהלך דעם איז זי אריבער די שווערע חקירות.

און לאמיר נישט פארגעסן אז דאס אלעס גייט אדורך אויף איר אין די ביטערע שווערע מינוטן ווען דער הארץ רייסנדיגער הימל געשריי פון דער טייער קינד וואס איז איר אוועק פון די וועלט שטייט נאך פאר אירע אויגן, ובעוד מתה מוטל לפניה. אין די זעלבע צייט האט זי נאך אויך געדארפט זיין אונטער די הענט פון די רשעים די גאנצע נאכט בלויז ווייל איינעם האט זיך געדאכט אז ער קען קאכן א קאשע אויף יענעמ'ס חשבון.

וואלטן די הבטחות פון די רשעים געהאט א אפי' א האלבן ספק פון א דעקונג, וואלט דאך לכל הפחות געדארפט זיין א מציאות אז די רשעים זאלן לפחות באפרייען דער נפטר פון אונטער זייערע הענט גלייך נאך די חקירות פון די טייערע מאמע.

דער 'שר העסקנים ואבי האסירים' האט דאך אזוי קלאר געזאגט, אז די גאנצע סיבה וואס זיי באפרייען נישט איז בלויז צוליב דעם וואס די מאמע קומט נישט אויף די קורצע חקירה, און אז ווי נאר זי וועט אריבערגיין די חקירות וועלן זיי איר באפרייען און דערנאך ארויסגעבן דעם נפטר. פארשטייט זיך אלץ לפי דבריו פון דער 'שליח בית דין' און 'שליח בית המשפט' וואס האט קלאר געזאגט אז ער אליין בכובדו ובגמזו איז מוכן צו חתמ'נען אויף דעם.

אבער וואס זאל מען טאן אז איינמאל די רשעים האבן מצליח געווען צו לאכן פון אונטער זיינע פלייצעס אויף דעם וואס ער האט זיי אזוי געטריי געדינט מיט'ן ברענגען די עלטערן צו די חקירות, האבן זיי שוין שפעטער נישט געהאט קיין שום פראבלעם צו אים לאכן שפעטער אין פנים אויך ווען זיי האבן אים קלאר געגעבן צו פארשטיין אז זיי געדענקען נישט קלאר צו זיי האבן אים יא צוגעזאגט אדער נישט צוגעזאגט, און נישט משנה וואס און ווען, זיי האלטן נישט ביים באפרייען דעם נפטר וואס איז דערווייל געהאלטן געווארן אונטער די קאניבאלישע





הענט פון די נאצישע פאטאלגן.

דער סוף איז טאקע באקאנט פאר יעדן איינעם אז זיי האבן געווארט ביז די לעצטע מינוטן ווען ס'איז געקומען די צייט פון דער דיון אין בית משפט, און דעמאלט ברעותם כי כלתה אליהם הרעה, נאכן זען אז סיי די שווערע פראטעסטן איז ממש אומדערטעגליך, און סיי דאס גאנצע לאנד האט גע'רעש'ט פון דעם, און די נייעס איבער די אפיצעלע הודאה פון די פארשאלטענע 'אבו כביר' איז אויך נתפרסם געווארן, און צו דעם אלעם האבן זיי אויך נישט געהאט קיין שום אויסרייד מיט וואס צו טענה'ן אין דער בג"ץ פארוואס צו ווענן שניידן, און דעריבער האבן זיי זיך געאיילט צו אויסרופן אז זיי הייבן הענט, ווען די בזיונות זייערע איז געווען אין לשער ואין לתאר, און יעדער קליין קינד פארשטייט אליין אז טאמער וואלטן זיי געהאט געמאכט עפעס אן אפמאך מיט דעם שר, אזיווי ער פרובירט צו פארקויפן, אז דוקא וועגן די אכזר'ישע חקירות האבן זיי געהאט די מעגליכקייט צו הייבן הענט, וואלטן זיי ארויס אסאך מער מכובד'יג טאמער זיי וואלטן באפרייט דעם נפטר נאך פאר דער גאנצער פראצעדור פון דער בג"ץ.

און ווי איר קענט זיך אבער פארשטעלן איז דער גאנצער כלומר'שטע הסכמה נישט געווען מער ווי א ציניש געלעכטער וואס זיי האבן מצליח געווען צו חוזק מאכן פון זייער באליבטן שר, ווען ס'איז נישט דאס ערשטע מאל וואס זיי זענען מצליח צו אזוי חוזק מאכן פון אים און פון זיין כנופיא, ווען עס איז צייט צו באטאנען אז די רשעים האבן נאך אויך שפעטער זיך געאיילט צו מפרסם זיין אז טאקע צוליב די חקירות וואס איז אריבער אויף די טייערע מאמע מיט אזא געפערליכע אכזריות, האבן זיי פארשידענע זאכן וואס זיי דארפן נאך מברר זיין און אז זיי גרייטן זיך צו ממשיך זיין מיט די חקירות שפעטער, ווען - ווי פריער געזאגט - קענען מיר נישט מרחיב זיין צופיל און אויף אזויפיל קענען מיר אייך איבערגעבן אז ביז יעצט זענען נאך דא אידן וואס באהאלטן זיך טאקע צוליב דעם, און גיבן זיך אכטונג נישט צו אריינפאלן אין די הענט פון די רוצחים וואס זענען מסוגל אויף אלעם.

*

לסיכום קען מען זאגן נאכן הערן די ערשטע טייל פון דער קאפיטל אז אין די זעלבע צייט וואס דער שר האט זיך אזוי מתעלל געווען אין די טייערע עלטערן און נאכדערצו אריינגעלייגט אין א סכנה סיי די עלטערן און סיי די ארומיגע וואס העלפן די משפחה כסדר, אין די זעלבע צייט נעמט ער נאך במצח נחושה ובעזות פנים די העזה צו ארומלויפן פארקויפן איבער די גרויסארטיגע פעולות וואס ער האט געטאן למען המערכה, ווען אויב ס'איז נישט גענוג דאס איז ער נאך אויך געווארן יעצט א גרויסער מבין בין לילה אויף צו זאגן דעות און מבינות פאר די לאנג-יעריגע עסקנים ווי אזוי מ'דאף זיך באגיין אין די פעלער ווען ס'קומט די שרעקליכע גזירה פון ניתוחי מתים, ווען ער האט שוין אויך זיך ארויסגעלאזט מיט א נידעריגע הסתה והדחה מלא רפש וטינופת קעגן די געטרייע עסקנים וואס ס'איז פשוט א שאד צו זיך פאטשקען מיט די פוסטע זינלאזע רייד פון דער פריש געבוירענער מאן דאמר, וואס נאך אלעס וואס ער האט אזוי נידריג אנגעמאכט איז ער נאך מסוגל צו עפענען א מויל אדער שיקן אנדערע צו עפענען נייעס זייטלעך און פארשפרייטן מעסעדזשעס אויף צו האסן און העצן קעגן די ערליכע אידן.

*

אט דאס אלעס איז שוין די והותר פון וואס א אידישע הארץ איז מסוגל צו אויסהאלטן נאכן הערן ווי אזוי א איד איז מוכן צו זיך אזוי מתעלל זיין אין א אידישע מאמע וואס איר טייער קינד ליגט פאר איר, נאכן זיך שיידן פון איר אויף אזא טראגישע שרעקליכע וועג, און איר ארייינשלעפן אויף צו פארווילן צווישן די פושעים און רוצחים א גאנצע נאכט על לא דבר וואס קיין איין גוטע זאך קען נישט ארויסקומען פון דעם, אבער ליידער ליידער דער שרעליכער האס לכל דבר שבקדושה האט זיך נישט אפגעשטעלט דא.

ווי שווער ס'איז געווען צו הערן דער ערשטער טייל פון דער שווערע קאפיטל אזוי שווער און ביטער איז צו הערן דער צווייטער האלבער טייל וואס מיר אליין ווייסן נישט צו שאצן וועלכע חלק איז ערגער.

ווען אצינד קומען מיר אן צו דער חלק פון דער מסע הלויה, וואס ללא ספק וואלט דאס געווען ווערד צו ארויסגעברענגט ווערן מיט אן עקסטערן ברייטן קאפיטל, אבער וואס זאלן מיר טאן אז דער מציאות האט אזוי ביטער שרעקליך געפאטשט אין פנים אז טאמער ס'איז נישט געווען גענוג דער כוס התרעלה וואס די רשעי ישראל און נאצישע חיות טרף האבן אנגעטרינקען דעם ערליכן איד, האט מען צו דעם אלעס געהאט אויסצושטיין דער שרעקליכער התעללות אחר התעללות פון די כנופיות הפשע והטעראר וואס די השחתות דארטן איז אריבער יעדן גרעניץ.

*

מיר רעדן דא נישט וועגן אן ערשטן מאל וואס די כנופיות קומען אויף מיט'ן געפערליכן איינפאל פאר סיי וועלכע סיבה ס'זאל נאר זיין צו צושטערן א מסע לויה פאר נידריגע אינטערעסן.

ערליכע אידן און המוני בני היהדות החרדית האבן נאך פאר קיין איין רגע נישט פארגעסן דער שרעקליכן התנהגות פון די פוסעים על ראשי עם קודש און כנופיות הפשע וואס האבן פרובירט באופן נורא ואיום צושטערן דער מסע הלויה פון רבן ולבן של ישראל רבינו הגדול בעל השערי טוביה זי"ע. וואס כהיום הזה, מיט א בליק אויף צוריק, איז נישטא אפי' איינער וואס זאל קענען האבן די השגות צו פארשטיין דער פשט פון דער רשעות און שגעון וואס האט ארומגענומען די עלעמענטן וואס האבן זיך נישט באגנוגנט מיט יורד זיין לחייו פון רבינו הגדול זי"ע בחיים חיותו באופן שפל ונבזה, נאר זיי האבן אויך פרובירט עד זיבולא בתרייתא, ועד בכלל, וועגן אט די זעלבע אינטערעסן אזוי שרעקליך צושטערן דער מסע הלויה מיט אונטערערדישע תירוצים וואס ס'נישט געבליבן היינט אפי' ווער ס'זאל לאכן פון יענע סארטן איינפאלן וואס האט געקענט איינפאלן פאר אט די כנופיות.

עד כדי כך אז ס'האט דערגרייכט צו א מצב אז נאך וואס זיי האבן נישט געהאט מצליח געווען צו צושטערן דער מסע הלויה האבן זיי גענוצט אנדערע טאקטיקן אויף צו פרובירן אויספירן זייערע שרעקליכע פלענער, וואס נישט יעצט איז די צייט צו אויפוויקלען די אפענע אייטער, דער עיקר איז אבער קלאר אז ס'דארף דערמאנט ווערן אז ס'איז ממש נישט די ערשטע מאל וואס דער נידריגער התנהגות און התעללות קומט פאר, ווען מיר רעדן טאקע וועגן אט די מסע הלויה וואס איז פארגעקומען אין ככר השבת מיט א געוואלדיגער קידוש שם שמים וואס האט אפגעהילכט איבעראל, און וואו דער ציבור פון די טויזענטער אידן האבן געהאט די זכיה צו א טייל נעמען אין אט די משא הלויה נאך וואס מ'האט זוכה געווען צו אזויפיל כאפן פון די נאצישע חיות טרף איפן וועג צו זיך קענען אנעמען פאר דעם נפטר.

דער מציאות פון אט דער חיזוק און התעוררות און ריכטיגן און פאסיגן כבוד המת איז פשוט געווען באופן תמוה ומוזר ביותר לצנינים בעיניהם פון אט די כנופיות, ווען ביז די מינוט איז נישטא קיין איינער וואס זאל קענען מסביר זיין דער פשט פון זייער התנהגות. אבער דער פאקט איז געווען אז אלע שרעקליכע שריט איז גענומען געווארן דורך זיי צו פרובירן מיט אלע כוחות אפהאלטן דער מסע הלויה, כאטש וואס אזויפיל אידן וואס האבן אזויפיל לוחם געווען במסירת נפש און אזויפיל געליטן בגוף, בנפש, ובממון, האבן ווי פארשטענדליך געוואלט האבן א טייל אויך אין דער לוית המת, א זאך וואס הערט זיך אזוי פשוט און קלאר. מיט דעם אלעם האבן זיי מחליט געווען אז פאר זייערע אינטרעסן וועלן זיי אלעס טאן, ווען אלעס מיינט א-ל-ע-ס וואס ס'איז נאר שייך, צו קענען אפשטעלן דער מסע הלויה.

*

די כנופיות הפשע אשר בראותם כי כלתה אליהם הרעה, נאך ווען זייערע אלע שרעקליכע שטיק וואס זיי האבן פרובירט דורכפירן האט נישט מצליח געווען וזממם לא עלתה בידם, און דאן בעוד וואס די בלוט קאכט אין זיי זענען זיי געלאפן פארקויפן איבעראל אז די 'סיקריקים' האבן פשוט צוגענומען די מיטה פון דער נפטר, ווי זיי האבן איבעראל צושפרייט. כאטש וואס אונזערע ליינער האלטן נישט מיט די אלע השמצות וחירופין וגידופין דערציילן מיר דאס כדי צו אייך געבן צו פארשטיין ווי ווייט די גרופעס האבן נישט מצליח געווען צו פארדייען דער פאקט אז בסופו של דבר איז טאקע אפגעראכטן געווארן דער ריכטיגן מסע הלויה אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן וואס קען נאר זיין, מיט די ריכטיגע און פאסיגע התעוררות און חיזוקים און קידוש שם שמים וואס יעדער איינער פון די מלוים האט מיטגענומען מיט זיך.

די כנופיות זענענדיג דעם ריזיגן ציבור מלווים





האבן זיך נאך געאיילט צו מפרסם זיין אז די משפחה האט נישט מסכים געווען צו דורכפירן דער גרויסן מסע הלויה אין ככר השבת, א זאך וואס מיר ווייסן נישט וויפיל איז דער שיעור צו לאכן און חוזק מאכן פון זיך אליין, צו בכלל קענען איבערזאגן אזא ווארט אז די משפחה, לא פחות ולא יותר האט זיך מתנגד געווען אויף א גרויסע לויה פאר זייער טייער קינד. ממש נישט צום גלייבן ווי ווייט קען די טפשות פון איבערקייען אזעלכע זינלאזע פלאפלערייען דערגרייכן.

אבער כדי צו יא געבן צו פארשטיין וואס איז פארגעקומען, פארוואס באמת האבן די מלווים געדאפט טראגן אליין די מיטה אנשטאט די חברה קדישא זאל פירן די מיטה פון דער בית הלוויות ביז ככר השבת, און אזוי אויך וועלכע שרעקליכע מעשים שפלים איז געטאן געווארן במהלך די פאר שעה ביז די לויה, פארדעם אלעס מוזן מיר טאקע אנהייבן פון אנהייב אויף צו דערציילן דער השתלשלות הענינים כאטש דער שווערער חלק וואס ליגט אין דעם פון דעם עפענען אזא שווערן ביטערן און פארווייטאגטן קאפיטל.

*

אלזא!

דאס אז די נאצישע שלטונות האבן געהאט א גרויסן חשק צו אפהאלטן פאר יעדן פרייז דער מסע הלויה דאס איז א דבר פשוט, און מיר דארפן אייך נישט אויסרעכענען די סיבות וואס האט גורם געווען פאר די שלטונות צו וועלן אזוי.

ס'איז גענוג צו צולייגן אז די לאנג יעריגע עסקנים האבן איבערגעגעבן אז דער גאנצער התנהגות זייערע איז געווען עקסטער שרעקליך אין דעם פאל, נאך ווען אין א געווענליכע פאל ה"י וואס די רשעים און קאניבאלן האלטן אונטער זייערע הענט א נפטר אין די פאטאלאגישע אינקעוויזיציע קעלערן געדויערט צו מערסטנס ארום א דריי פערטל שעה פון ווען ס'קומט די החלטה צו באפרייען דעם נפטר ביז ווען דער נפטר געפינט זיך אינדרויסן.

נישט אומזיסט האט מען איבערגעגעבן אין אלע היימישע ליינס און ווי אויך אין די פריוואטע ליינס פון די משפחות פון דעם נפטר און פון די קהילות אז די לויה גייט האפענטליך פארקומען ארום דריי אזייגער מיטאג, וויבאלד לויטן געווענליכן סדר איז געווען פשוט פאר אלע מתעסקים אז דער נפטר וועט זיכער באפרייט ווערן ביז ארום א האלבע שעה, און פון דארטן האט מען אויסגערעכנט די צייט וואס פאדערט זיך אויף צו מאכן די ריכטיגע הכנות און אלעס ארום דעם, כדי צו קענען דאס גיכסטע וואס איז שייך דורכפירן א מסע לויה כראוי וכיאות אפצוגעבן פארן נפטר דעם פאסיגן כבוד.

למעשה בפועל האט אבער פאסירט עפעס שרעקליך. אין דער פאל ווען די רשעים האבן מחליט געווען צו ציען און ציען דער שחרור פון דעם הייליגן נפטר, ווען די מתעסקים בדבר זאגן אז זיי געדענקען נישט אזא פאל אז דער באפרייען פון א נפטר זאל געדויערן 2 גאנצע שעה אן קיין שום סיבה, והדבר אומר דרשוני, דער צייט פון די לויה האט זיך טאקע נאכנאנד אפגעשטופט און אפגעשטופט, ביז ס'איז אנגעקומען די בשורה אז דער נפטר איז שוין אויפן וועג צו ירושלים.

פלוצלינג אינמיטן די הכנות צו די לויה, ווען די נאענטסטע קרובי המשפחה זענען געווען פארנומען אויף צו העלפן אין די שווערע מינוטן פאר די משפחה, און אפי' אין ככר השבת איז שוין געווען אנגעגרייט אלע זאכן פאר די לויה, וואס האט געדאפט פארקומען א קורצע שעה ארום, פלוצלינג האט אנגעהויבן צו רודערן עפעס, וואס האט פאסירט?

ווי ס'שיינט איז דער גרויסער שר נישט געגאנגען שלאפן נאכן פארשפרייטן אין די פרעסע די גרויסע שבחים אויף זיך אליינס, ווי פריער דערמאנט. נאר ער האט אנגעהויבן צו ארבעטן פון אנהייב ווען דא האט ער מצליח געווען צו איינשרויפן א פרישער באקאנטער קרוב פון די משפחה וואס איז פלוצלינג געבוירן געווארן און האט זיך דערמאנט אז ער איז אויך א קרוב פון די משפחה. פארשטייט זיך אז במשך די גאנצע צוויי טעג פון די מערכה איז ער נישט געווען צום האבן, און מ'האט גארנישט געהערט פון אים, און ער האט בכלל פארגעסן אפשר אז זיין קרוב איז אזוי טראגיש געווארן צוגענומען פון די וועלט.

אבער ווען ס'איז אנגעקומען די מינוט וואס מ'דארף ארויסהעלפן די החלטות פון די כנופיות הפשע און פון דעם שר העסקנים דעמאלט האט ער זיך פלוצלינג דערמאנט זיין מעמד, און ער איז געקומען צו לויפן שרייען, פארשטייט זיך מיט א החלטה אז ער איז מייצג די משפחה, אז מ'טאר נישט מאכן די לויה אין ככר השבת בשום אופן, ווען מ'האט אים פרובירט פרעגן פארוואס און פארוועןן, ועל מה יצא הקצף, האט ער אויך נישט געוואוסט צו מסביר זיין, נאר ער האט געגעבן צו פארשטיין אז בתור משפחה איז ער אפוטרפוס צו זאגן אז די משפחה וויל נישט.

די משפחה האט פארשטייט זיך באמת נישט פארשטאנען וואס וויל יענער פריש געבוירענער קרוב, אין די זעלבע צייט וואס אויף די פריוואטע ליין פון די משפחה האט מען שוין אפי' געהאלטן נאכן מפרסם זיין איבער דער מסע הלויה האבן זיי אויך פרובירט זיך פארבינדן דירעקט מיט יענעם פארפירער פרעגן וואס האט פאסירט, פארוואס נישט מאכן די לויה אין ככר השבת ווי ס'דארף צו זיין?

דאן איז יענער געקומען מיט עפעס א מורא'דיגע המצאה און א חידוש אדיר, אז לא פחות ולא יותר ער איז ארויף צום דיין הגאון הגדול ר' יהודה פישער שליט"א וואס האט אים געזאגט קלאר אז מ'טאר נישט מאכן די לויה אין ככר השבת.

עס האט זיך נישט דא אפגעשטעלט. דער שר העסקנים וכנופייתו האבן זיך נישט פארלאזט נאר בלויז אויף דעם פריש געבוירענער קרוב משפחה, נאר אין א געוויסע מינוט איז דאס דערגאנגען עד כדי כך אז דער באקאנטער סד"ד פון די אנפירערס פון זייער שמוציגן פאטשקעוויל, דער צייטונג 'קלקלא קדישא', וואס איז באקאנט דארטן מיט זיין פענע נאמען בן לוי, ער אליין בכבודו ובעצמו האט אריינגעקלינגען פאר די משפחה אז ע"פ הוראתו פון דער דיין הגאון הגדול ר' יהודה פישער שליט"א טאר מען נישט מאכן די לויה אין ככר השבת.

די משפחה האט נישט געוואוסט ווי צו קומען צו זיך, אין א צייט וואס ס'איז נאך קיינמאל נישט פארגעקומען אזא זאך, אז לא פחות ולא יותר דער בי"ד פון שטאט, אדער די וואס פארטרעטן די זאך, מיט'ן נאמען פון די שליחים פון בי"ד, זאלן קומען זיך אריינמישן אין א פריוואטע לויה, און איינטיילן וויאזוי מ'זאל זיך פירן און אויף וועלכער אופן ס'זאל פארקומען.

אבער ווי נישט ווי האבן די משפחה זיך געטראפן אין א שרעקליכן סיטואציע, ווען אנשטאט צו קענען זיך אפגעבן מיט די טראגישע לויה האט זיך געעפענט פאר זיי א פרישער פראנט, דאס מאל קעגן די מתוך המחנה פנימה, און אזוי ארום האבן זיי פאר אלעס געדארפט דאגה'נען, צו שיקן א שליח צום דיין פרעגן צו ער האט בכלל געזאגט דאס וואס מ'גיט איבער בשמו, און פארוואס טאקע.

דער שליח איז טאקע אנגעקומען צום דיין מיט'ן שליחות פון די בני המשפחה, און דאן איז נתברר געווארן דער שוידערליכער בילד. ווי דער דיין האט איבערגעגעבן זענען טאקע געווען ביי אים א טייל פון אונזערע באקאנטע כנופיות וואס האבן אים איבערגעגעבן אז ס'איז ממש א סכנה איומה צו דורכפירן די לויה פון ככר השבת, וויבאלד לפי דבריהם גייט זיין גרויסע מהומות אויפן ארט צוליב די פאליציי, און די מיטה וועט חלילה אראפפאלן... לא פחות ולא יותר. פארשטייט זיך אז נאך ווען דער דיין האט געהערט אז די אלע מעשה'לעך זענען אויסגעזויגענע דמיונות וואס זענען פאבריצירט געווארן דורך די כנויפיות הפשע והטערר, האט ער גלייך געזאגט אז ער זעט נישט קיין שום פראבלעם אין דורכפירן די לויה בכבודה הראוי ווי ס'דארף צו זיין.

טאמער האט מען געמיינט אדער האט מען געוואלט זיך איינרעדן אז מיט דעם איז געשלאסן געווארן דער מסע הטערר, איז אבער קורץ דערנאך געזען געווארן אז ס'האלט נאך פאר אן אנהייב פון אן אנהייב, ווען גלייך נאך ווען די באנדיטן האבן פארשטאנען אז די משפחה האט געשיקט א שליח צום דיין, און נאך איידער די תשובות פון דער דיין זענען אנגעקומען, האבן זיי פארשטאנען אז זייער נידריגן פלאן איז דורכגעפאלן, האבן זיי דאן אויפן ארט אנגעהויבן צו פאבריצירן א גאנצע ליסטע פון נייע הסברים ופירושים פארוואס עס איז אסור, בתכלית האיסור, צו דורכפירן דער מסע הלויה בכבודה הראוי.

ווען ס'איז נישטא ווער ס'זאל געדענקען די פילע הסברים און פשעטלעך זייערע, ווען גארנישט איז נישט געשטאנען אין וועג פאר אט די נידריגע שטיינערנע הערצער, ווען אין א געוויסע פאל האבן זיי אפי' געשיקט א הוראה פאר די חברה קדישא, פארשטייט זיך נוצנדיג ווידעראמאל נעמען פון רבנים כרצונם, אז וויבאלד ס'איז שפעט צו די שקיעה דארף מען אינגאנצן מבטל זיין די לויה, די חברים פון חברה קדישא וואס האבן - ווייזט אויס - נישט פארשטאנען וועגן וועמען און איבער וואס עס האנדלט זיך דא, האבן זיך גלייך צוגעשטעלט און האבן געפאדערט פון די משפחה אז טאמער ווילן זיי אפריכטן דער מסע הלויה דארפן זיי ברענגען א היתר פון א רב לא פחות ולא יותר.

דער אבסורדישער התנהגות האט זיך אבער אויך דא נישט אפגעשטעלט ווען אפי' נאך ווען די משפחה האט געוויזן פאר די חברה קדישא ווי אזוי יעדע רב וואס מ'רופט אריין צו אים, אריינגערעכנט לפחות 3 פון די חברי הבד"ץ און נאך מנהיגי הקהילות שליט"א, אלע פה אחד האבן געזאגט אז זיי פארשטייען נישט וואס די שאלה איז בכלל.

ווען מ'דארף זיך דא אפשטעלן אויף א מינוט אויף צו מסביר זיין אין וועלכע שרעקליכע מינוטן מ'שטייט דא. אין דער צייט וואס דער גאנצער יהדות החרדית שטייט און ווארט צו





וויסן ווען גייט זיין דער מסע הלויה, אין אלע מודעות האט מען שוין געהאט איבערגעגעבן איבער דער מסע הלויה וואס וועט ארויסגיין פון ככר השבת, הונדערטער אידן ווילן ארויסקומען פון אנדערע שטעט און ווילן וויסן אויב ס'דא פארוואס, און והעולה על כולנה ווען אין די גאנצע צייט שלעפט זיך די צייט פון די לויה על לא דבר, ווען ס'פארזוימט זיך די צייט פון דער מסע הלויה וואס די איינציגע גורמים צו דעם זענען טאקע אט די פרעכע נידריגע מתעללים וואס האבן נישט קיין שום פראבלעם צו טעראריזירן א גאנצע משפחה אשר מתם מוטל לפניהם, און אנשטאט צו זיך פארנעמען מיט וויכטיגערע זאכן דארפן זיי שטיין און זיך טענה'ן און זיך שיקן שאלות און תשובות אלעס צוליב וואס אפאר נידריגע יונגען האבן מחליט געווען וואס זיי האבן מחליט געווען.

אבער אין א געוויסע מינוט איז אויך נתברר געווארן ווי ווייט די זאך איז געלאפן, נאך ווען די חברה קדישא האט ערהאלטן א דירעקטע הוראה פון די פאליציי אדער פון די שליחים פון די פאליציי, ווי דער אויבנדערמאנטער שר העסקנים אדער איינע פון זיינע מיטהעלפער וואס האבן איבערגעגעבן פאר די חברה קדישא אז זיי טארן נישט ארויסגיין פון דער בית הלוויות אין שמגר.

פארשטייט זיך אז די חברה קדישא האבן אויסגעזאגט דער סוד פאר די משפחה, אז אפי' טאמער זיי ווילן, האבן זיי א פראבלעם מיט די פאליציי און די שלטונות. אין יענע מינוטן האט אנגעהויבן אסאך זאכן צו קלארער ווערן, ווען איין זאך איז געבליבן אומקלאר, ווען מ'האט נאך נישט געוואסט ווער ארבעט ביי וועמען, צי די פאליציי ארבעט פאר די כנופיה פון דער שר העסקנים, אדער גאר אפשר פארקערט אז דער שר העסקנים האט אפגעמאכט א ביזנעס מיט די פאליציי אז די לויה וועט נישט פארקומען, און דעריבער האט ער פרובירט אויף אלע וועגן צו צושטערן דער מסע הלויה מיט אזויפיל כוחות און ענערגיע וואס ער האט שוין לאנג נישט אויסגעגעבן. ווען אט די שאלה איז געבליבן הענגען אין די לופט, און ביז די מינוט ווייסט מען נאכנישט ווער האט געארבעט פאר וועמען. אויף אזויפיל איז קלאר אז ס'איז געווען א שרעקליכער שיתוף פעולה פוןביידע צוזאמען וואס האבן זיך באהאפטן אויף איין זאך אויף צו צושטערן א אידישע לויה פאר יעדן פרייז.

פארשטייט זיך אז נאך וואס די חברה קדישא האט איבערגעגעבן די ווערטער האבן די משפחה געענטפערט פאר די חברה קדישא אז ס'איז נישטא קיין שום פראבלעם. קיינער בעט נישט פון זיי אז זיי זאלן ארויספירן די מיטה אויף ככר השבת. זיי קענען בלייבן וואו זיי ווילן, און דער ציבור המלוים מיט די בני המשפחה וועלן אליין ארויפנעמען די מיטה. וכך הוה, ווי אלע האבן מיטגעהאלטן איז דאן ארויס די מעלדונגען אויך פארן גאנצן ציבור איבער די באשטימטע שעה פון די לויה. ווען דער ציבור המלוים מיט די בני המשפחה וואס זענען געווען אין שמגר האבן טאקע גענומען די מיטה בדחילו ורחימו, און פון דארט איז דער מסע הלוויה געגאנגען פון שמגר לעבר ככר השבת, וואו דארט איז ביז א האלבע שעה צוזאמגעקומען א ריזן ציבור פון טויזנטער אידן וואס זענען באנעצט געווארן מיט א שטראם פון הייסע קאכעדיגע טרערן זעענדיג דער הייליגע מיטה, פון דער טייערע נפטר וואס האט זוכה געווען צו מקדש זיין שם שמים אויף אזא שטארקע פארנעם.

*

ס'איז איבעריג צו ארויסברענגען אז די כנופיות וואס האבן געליטן פון איין קלאפ נאכן צווייטן אויף א שרעקליכע אופן האבן ווידעראמאל נישט געטראפן קיין בעסערע עצה, נאר די איינציגסטע מיטל וואס איז פארבליבן פאר זיי איז געווען צו נעמען צו הילף די אלע מבואות המטונפות און זייערע אלע ידידים און חברים פון די שמוציגע אינטערנעט קאנאלן, ווען אלע זענען ארויס אין א כאר, בקול אחד, מיט שרעקליכע לאזונגען, מיט א קול חירופין וגידופין און השמצות.

בד בבד האבן נאך אט די 'עושי מעשי זמרי ומבקשים שכר כפנחס' נישט געהאט קיין שום פראבלעם נאך זייערע אלע שענדליכע פעולות ומעשים מסמרי השער, צו זיך מפרסם זיין אלץ די וואס האבן געהאט א טייל אין די מערכה, און מפרסם געווען אז זיי האבן אפי' פרובירט העלפן ארעסטירטע, אין די צייט וואס יעדער איינער ווייסט אז אפי' לפנים האבן זיי נישט קיין שום מעגליכקייט צו ווייזן אז זיי פרובירן אפי' העלפן די אסירים ווען ניטאמאל א לויער האבן זיי נישט. און די איין פארשפרייטע בילד ווי מען איז אין 'ריקוד' - גיי פארשטיי וואס איז די גרויסע שמחה נאכן אויפהאלטן א נפטר פאר לאנגע שעה'ן - איז פאקטיש יענער אסיר ציון פארטיידיגט געווארן דורך א לויער פון 'וועד אסירי ציון'! דער שר איז מיט א קורצע אטעם געקומען צו לויפן אין בית משפט און איז אנגעקומען אינמיטן די סעסיע, ווי מען זעט עס אין די געריכט פאפירן ווי ער האט אריינגערעדט איינמאל שלא מן הענין אויף וואס קיינער האט זיך ניטאמאל באצויגן דערצו. און ביים ענדע האט ער געבעטן אז מען זאל אים כאטש לאזן איינלייגן די געלט וואס דער בית משפט האט געבעטן כדי צו באפרייען דעם אינגערמאן, וואס האט באטראפן 2,000 שקל (וואס באטרעפט גאנצע $543.61) א סכום עצום צו צאלן פאר איין בילד!

פון די 46 אסירים - אלע באהאנדלט דורך אדוואקאטן פון 'וועד אסירי ציון' - איז פאר דעם 'שר בית הסוהר' נאך געלונגען די לעצטע מינוט צו כאפן א בילד מיט'ן 46'סטן 'אסיר' אין א ריקוד. ממש אן אפענע השגחה פרטית...! און דאס ווערט פארשפרייט איבעראל אין אלע מבואות המטונפות וואס דארף דינען אלס זעלטן קלארע 'באווייז' אז מען קען אפהאלטן הפגנות, אויפהאלטן א נפטר רח"ל, ארעסטירן א מאמע בעוד שהמת מוטל לפני', צוריקהאלטן לויות, באשמוצן די קנאים, און בד בבד מאכן א ריקוד מיט א קנאי! דאס האט געזאלט צייגן אז מען קען יא טאנצן אויף ביידע חתונות לבעל ולה' רח"ל.

אט די מבואות המטונפות האבן זיך נישט געשעמט צו מפרסם זיין ווי גלייך די משפחה האט זיך מתנגד געווען צו דער מסע הלויה, אין צייט וואס די נענסטע בני המשפחה אליין זענען געווען די ערשטע שורה פון מספידים ביי אט דער מסע הלויה, און עס האט זיך איבערצייגט זייערע שקרים וואס זיי האבן פארקויפט אין נאמען פון 'דעת תורה' מיטן פרואוו אפצוהאלטן א גרויסע לוי'. ווען אזוי אויך האט מספיד געווען מרן ראש הישיבה הגאון האדיר ר' יהושע דוד טורצין שליט"א, פון די גרעסטע מנהיגי היהדות החרדית. מיט דעם אלעם שטעלט זיך נישט אפ דער גאנצער מציאות פאר די שמוציגע און ביליגע השמצות ווי מ'רעדט מ'כלומר'שט וועגן א ציבור פון אונטער ווועלטניקעס, און די אלע איבעריגע סארט נעמען זייערע.

אין די צייט וואס זייער פארשפראכענע האלבע שעה אויספארשונג האט זיך געצויגן פאר ווייטאגליכע 12 שעה! אן אבל'דיגע מאמע האט געפראוועט א נאכט אין פאליציי סטאנציע אונטער סאדיסטישע אומשטענדן, תסמר שערות אנוש! און דאס אלעס אן קיין לויער, וואס איז פשוט אומדערהערט! די הייסע הבטחות צו באפרייען דעם נפטר תיכף נאך די האלבע שעה אויספארשונג האט זיך פארצויגן אויף 24 שעה! כאטש וואס זיי האבן נישט געהאט קיין שום סיבה דערצו ווי אויבן דערמאנט, איבערהויפט נאך אזא קלארע הבטחה פארן 'קצין בית משפט'. דערנאך פארשלעפט מען די לוי' אויפצוהאלטן דעם נפטר פון קומען למנוחה נכונה מיט זינלאזע דריידלעך באגלייט מיט א דעת תורה וואס ווערט שנעל אויסגעקלארט אלס זינלאזע שקר. און מען האט אפילו נישט די ביסל בושה כאטש צו בלייבן שטיל און זיך באהאלטן אין די מויזן לעכער. אבער ניין! אין דעם זענען זיי גוט מלומד אנצומאכן חורבנות, און דערנאך באשולדיגן און דאס ארויפווארפן אויפן יהדות החרדית וואס בלוטיגט און ווייטאגט אויפן שרעקליכן מציאות.

דער יהדות החרדית האט אויף אזויפיל געזען, אז טראץ די אלע שרעקליכע כוחות וואס זיי האבן אינוועסטירט האט דער נפטר זוכה געווען צו אמת'ער כבוד המת ווען בנוסף צו דער גאנצע מסע הלויה איז ער אויך געטראגן געווארן צופיס ביז הר המנוחות. א מציאות וואס ווייניג זענען היינט זוכה צו אזא כבוד. איבערהויפט דער געוואלדיגער התעוררות און חיזוק וואס דער יהדות החרדית בכל קצוי תבל האט מיט גענומען מיט זיך, סיי בעת די פייערדיגע ימי מלחמה, סיי בעת די בשורה איז אנגעקומען, און סיי בעת דער מסע הלויה וההספדים, וואס האט ווי געשלאסן די ימי החיזוק והתעוררות אויף זייער א געוואלדיגן פארנעם, און דאס אלעס האט זיך זיכער אנגעקליבן לזכותו ולעילוי נשמתו הטהורה פון אט דער טייערע הייליגער נפטר שלא טעם טעם חטא, וואס וועט זיכער זיין א מליץ יושר אויף יעדן איינעם וואס האט געטאן למענו, און זיך אנגענומען פאר זיין כבוד און פאר'ן כבוד פונעם רבש"ע. און אינגיכן זאלן מיר נתבשר ווערן מיט די גאולה השלימה, ויקיצו וירננו שוכני עפר, ומחה ה"א דמעה מעל כל פנים ונאמר אמן!










אין ענין אויף דער פרשה במשנתו של רבינו:

# וללילה ללילה יחוה דעת

נעקליבענע עובדות און הנהגות פון מרן רבינו זי"ע איבער דעם ענין פון

## הייליגע נעכט

הוצאת נחלת רבותינו סאטמאר

מערכת נחלת רבותינו

להעלות נר תמיד, זאגט רש"י כל לילה ולילה קרוי' תמיד, ער ברענגט נאך פון פסוקים, עס איז פארהאנדן אמאל תמיד בתמידיות, ביי לחם הפנים, און אמאל שטייט תמיד וואס עס איז נישט כסדר, [נאר] כל לילה ולילה. פרעגט דער רמב"ן, חכמינו ז"ל זאגן נישט אזוי, ברענגט ער דעם ספרי, וואס זאגט, אז להעלות נר תמיד גייט ארויף אויפן נר המערבי, דער נר מערבי האט כסדר געברענט, דאס איז עדות שהשכינה שורה בישראל, שבה הי' מדליק ובה הי' מסיים, דער נר מערבי האט זיך קיינמאל נישט אויסגעלאשן, ווען מען איז ראוי געווען אויף נסים, [און] ווען מען איז נישט ראוי געווען, האט מען עס אנגעצינדן. איבערדעם שטייט 'נר' תמיד אויפן נר מערבי נישט אויף אלע נרות. איז דאך נישט דער פשט פון דעם תמיד, כל לילה ולילה, ער זאגט דאך אויסדריקליך עס שטייט לשון יחיד, ווייל עס גייט ארויף אויפן נר המערבי, איז דאך נישט דאס דער פשט.

קען זיין איבער דעם זאגט רש"י כל לילה ולילה קרוי תמיד, לעולם עס איז דאך נישט תמיד. נאר וואס דען, ביי יעדע זאך איז כל לילה ולילה קרוי תמיד, **אזוי ווי מען פירט אפ די נעכט אזוי קומען נאך די טעג**, אזוי איז תמיד, **די טעג פירן זיך נאך נאך די נעכט וויאזוי מען פירט אפ**, איבערדעם הייסט די לילה תמיד, כל לילה ולילה קרוי תמיד, ווארן אזוי איז כסדר, עס איז נישט נאר די בלויזע נעכט, [נאר] די בלויזע נעכט זענען [אז] זיי האבן דעם כח אויף תמיד, ס'גיט ארויס דעם כח [אויך אויף בייטאג]. **לויט די נעכט אזוי פירט מען אפ די טעג, לויט ווי די נעכט זענען געווען פריער.** איבערדעם איז כל לילה ולילה קרוי תמיד. א רמז [מוסר] איז עס אויף דעם אויכעט.

איבערדעם זאגט רש"י דא אויכעט כל לילה ולילה קרוי תמיד, איי עס איז דאך להעלות נר תמיד אויפן נר המערבי [כנ"ל], עס איז טאקע אמת הדבר, דער [ספרי] זאגט ארויס, אבער מהאי טעמא, דאס אז עס זאל טאקע 'בפועל ממש' מאיר זיין תמיד איז טאקע נאר דער נר המערבי, אבער 'בכח' זענען אין דער אמת'ן אריין אלע שבעת הנרות תמיד, ווייל אז זיי ברענען כל לילה ולילה זענען זיי אלע [משפיע] תמיד, איבערדעם איז דאס רש"י מזכיר כל לילה ולילה קרוי תמיד, מען זאל וויסן אז דאס תמידיות איז נישט נאר דוקא ביים נר המערבי', ביי אלע איז דא דאס תמידיות דורך דעם וואס איז כל לילה ולילה, איבערדעם איז רש"י מזכיר דעם מאמר, בצירוף צו דעם וואס חכמינו ז"ל זאגן אז דאס גייט ארויף אויפן נר מערבי, דאס איז ביידע איינס.

(דברות קודש ס"ג תצוה תשכ"ז)

### אב מעיד על בנו:

## דעם רבי'נס קריאת שמע לייענען אלס קליין קינד

עס האט דערציילט הרה"ח ר' ישעי' קארפען ז"ל מחשובי אנ"ש אין וויליאמסבורג: וואוינענדיג אין דייטשלאַנד, האָב איך באַגעגנט אַן עלטערן גאַליציאַנער איד וועלכער איז נאָך געווען אַ תלמיד פון מהר"ם שיק זצ"ל. ער האָט גערעדט מיט גאָר גרויס רעספעקט פון רבי'ן זי"ע, און האָט דערציילט אַז ווען דער רבי איז נאָך געווען אַ קליין קינד, האָט מען שוין גערעדט פון דאָס גדלות פון דעם הייליגן קינד.

ער האָט מיר דערציילט אַז ער געדענקט נאָך ווי מ'האָט שוין דעמאָלט געשמועסט אַז דער קדושת יו"ט זי"ע האָט אַמאָל געזאָגט פאַר עמיצן וואָס האָט זיך אונטערגעהערט ווי זיין קליין יואל'יש לייענט קריאת שמע, אַז אַסאַך גרויסע לייט וואָלטן זיך געוואונטשן צו האָבן אַזאַ יראת שמים יום הקדוש ביינאַכט וואָס מיין יואל'יש האָט ווען ער לייענט יעדן טאָג קריאת שמע...

(קונטרס בלשון חסידים ח"ג)

### יראתו קודמת לחכמתו:

## קריאת שמע שעל המיטה וואס האט געדויערט שעה'ן לאנג

נאך איבער דעם רבי'נס קריאת שמע לייענען אין די יוגנט יארן האבן דערציילט די זקני החסידים אין דער אלטער היים, אז ווען דער רבי איז נאך געווען אן אינגער בחור האט ער באקומען א וואונדערליכן כתב סמיכה פון הגה"צ רבי אליעזר דייטש זצ"ל, דער באניהאדער רב, בעל "תבואות השדה".

געווען איז דאס ווען דער רבי איז מיטגעפארן מיט זיין פאטער, דעם קדושת יו"ט אין א קור-ארט וואו דער באניהאדער רב האט געווילט. דער רבי האט זיך דאן געלאזט פארהערן ביים באניהאדער רב אין שו"ע יורה דעה און נאך פילע מקצועות התורה. דער באניהאדער רב איז שטארק נתפעל געווארן פון דעם מבהיל'דיגן בקיאות און חריפות פון דעם אינגן בחור, און האט אים פארשפראכן אפצושרייבן א כתב הורמנא.

אויפצומארגנס, האט זיך דער באניהאדער רב געטראפן מיט אן אשכנזי'שן רב וועלכער איז אויך געווען אין יענעם ארט, און ער האט אים דערציילט אז דעם סיגוטער רב'ס בחור האט זיך נעכטן געלאזט פארהערן ביי אים, און ער איז ארויס פון התפעלות פון זיין געוואלדיגן בקיאות און גייט אים מסמיך זיין בסמיכת חכמים.

דער אשכנזי'שער רב האט אבער אביסל אפגעשפעט פון דעם בחור'ל, זאגנדיג פאר'ן באניהאדער רב, אז **ער האט געזען דאס בחור'ל דאווענען און לייענען קריאת שמע שעל המיטה, וואס האט אים גענומען שעה'ן לאנג.** נו, א בחור וואס דאוונט א גאנצע צייט האט זיכער נישט קיין צייט אויך צו לערנען – האט ער גע'טענה'ט.

ווען דער באניהאדער רב האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן צו יענעם אשכנזי'שן רב: "אויב עס איז אזוי ווי דו זאגסט, דעמאלט דארף איך אים זיכער מסמיך זיין בכתר תורה, ווייל אויסער דעם וואס איך האב זיך איבערצייגט אין זיין גרויסן גדלות אין תורה, הער איך יעצט אז ער איז אויך מופלג מיט יראת שמים, יראתו קודמת לחכמתו".

דער באניהאדער רב זצ"ל האט טאקע דעמאלט אפגעשריבן א וואונדערליכן כתב סמיכה פאר'ן רבי'ן זי"ע. איך האב געהערט פון זקני חסידים פון פאר'ן קריג, וועלכע האבן אליין געזען דעם כתב סמיכה, אין וועלכן דער באניהאדער רב האט באטאנט, אז אויסער זיין געוואלדיגן בקיאות אין שו"ע און אין די נושאי כלים, האט ער זיך איבערצייגט אז דער רבי איז בקי אין רוב סוגיות הש"ס על בוריין.

(באילנא דחיי ח"א עמ' תע"א)

### עול מלכות שמים:

## די מורא'דיגע עבודה ביים לייענען קריאת שמע שעל המיטה

דאס הייסט זעקס שעה אין איין ציה!.

דורכאויס די גאנצע צייט איז דער רבי געשטאנען אויף די פיס ביים סטענדער, און געלערנט גמרא תוספות הויך אויפ'ן קול מיט אן אויסטערלישן ברען און אייפער. ערשט פיר אזייגער ביינאכט, האט זיך דער רבי אראפגעלייגט אויף קוים אפאר שעה.

אמאל אויפדערנאכט האט זיך געמאכט אז עס זענען געווען געסט אין שטוב פונעם קדושת יו"ט, און צוליב דעם איז שוין געווארן שפעט בשעת דער רבי האט שוין געווענליך אנגעהויבן זיינע זעקס שעות רצופות, און דא האט נאך דער רבי געהאלטן פאר מעריב. האט אים דער קדושת יו"ט געפרעגט: "יואל'יש, וואס וועט זיין די נאכט?". האט אים דער רבי געזאגט, אז ער וועט היינט טוישן זיין סדר, ער וועט זיך לייגן באלד נאך מעריב, און ער וועט לערנען ווען ער וועט אויפשטיין.

ר' ישעי' האט דערציילט אז ער איז געווען נייגעריג וויאזוי דער רבי וועט אדורכפירן די נאכט, האט ער באשלאסן אז ער וועט אים נאכקוקן. האט ער דאן געזען, ווי דער רבי האט זיך טאקע געלייגט באלד נאך מעריב, און איז שוין אויפגעשטאנען צוועלף אזייגער ביינאכט!. און נאכ'ן זיך צוגעגרייט מיט די הכנות, איז שוין דער רבי געווען גרייט צוויי אזייגער שטייענדיג ביים סטענדער, אנהייבנדיג דעם "נאכט סדר". לויט ווי ר' ישעי' האט אויפגעפאסט, האט דאן דער רבי געלערנט פון צוויי אזייגער ביינאכט ביז אכט אזייגער צופרי!, צוזאמען זעקס שעה רצופות. – אזוי האט דער רבי נישט מוותר געווען אויף זיינע זעקס שעה רצופות אזוי ווי יעדע נאכט.

## געלערנט צען שעות ברציפות

עס האט דערציילט הרה"ח ר' יחזקאל ווערצבערגער ז"ל: אלס בחור האט מיין טאטע מיך געשיקט לערנען אין רבי'נס ישיבה קיין סאטמאר. דאס איז געווען אין דער צייט פון ערשטן וועלט-קריג, ווען דער רבי - וועלכער איז דעמאלט געווען דער אורשיווער רב - האט זיך אריבערגעצויגן קיין סאטמאר און האט דארט געוואוינט עטליכע יאר און ווייטער אנגעפירט זיין ישיבה.

אין די יארן וואס איך האב זוכה געווען צו לערנען ביים רבי'ן, האב איך אסאך צוגעזען דעם רבי'נס הייליגע עבודה.

איך בין געווען זייער באפריינדעט מיט'ן רבי'נס הויז-בחור, און ווען עס האט זיך געמאכט אז דער הויז-בחור האט זיך נישט געפילט גוט א.ד.ג. און ער נישט געקענט אנגיין מיט זיין ארבעט, האט ער געבעטן איך זאל אים איבערנעמען אויף אפאר טעג ביז ער וועט זיך בעסער פילן און קענען צוריק אנגיין מיט זיין ארבעט.

אין יענע יארן, האט דער רבי זיך געווענליך נישט אריינגעלייגט אין א בעט דורכאויס דער גאנצער וואך, משבת לשבת. אין זיין ספרים-שטוב האט ער געהאט א דיוואן וואו ער פלעגט זיך צושפארן אויף א קורצער ווײלע.

אויך האב איך אין יענע טעג געהאט די זכיה צו באגלייטן דעם רבי'ן אויפ'ן וועג צו דער מקוה. דער רבי איז כדרכו בקודש געגאנגען מיט גאר שנעלע טריט אז איך האב אים כמעט נישט געקענט נאכיאגן.

די ערשטע רביצין ע"ה [הרבנית הצדיקת מרת חוה ע"ה] האט דעמאלט אנגעהויבן צו ליידן יסורים אויפ'ן הארץ, ל"ע, און זי איז געפארן זיך היילן אין א גרויסן שפיטאל אין דער שטאט וויען.

אין יענער תקופה וואס דער רבי איז געווען אליין אין שטוב, בין איך געשלאפן אין רבי'נס דירה, און אזוי ארום האב איך געהאט די זכיה מיטצוהאלטן דעם רבי'נס עבודה ביי די נעכט. עס זענען געווען פעלער וואס איך האב אויפגעפאסט ווי דער רבי האט געלערנט גאנצע צען שעה ברציפות, אין איין צי, אן קיין אפשטעל. דעם רבי'נס לערנען איז געווען מיט א פלאם פייער. ער האט געלערנט הויך אויפ'ן קול, אז מען האט דאס געקענט הערן דריי גאסן ארום.

דער רבי האט געהאט א ספעציעלן זיסן גמרא-ניגון וואס ער פלעגט זינגען ביים לערנען. די בחורים אין ישיבה פלעגן דאס נאכמאכן און זינגען בשעת'ן לערנען, פילנדיג דערמיט די זיסקייט וואס דער רבי האט זיי אריינגעגעבן אין לערנען.

(באילנא דחיי ח"ב עמ' תק"ב)

## לא כל הרוצה ליטול את השם:
## צו פראווען אזעלכע נעכט דארף מען האבן זכות אבות

עס האט דערציילט הגה"צ רבי שמואל בראך זצ"ל מנאנאש, געוועזענער הויז-בחור ביים רבי'ן זי"ע:

יעדן נאכט נאכ'ן טועם זיין האט דער רבי געהאט א טעגליכן קביעות צו שמועסן מיט די רביצין ע"ה פאר א באשטימטער צייט. דאן האט זיך דער רבי געזעצט לערנען הויך אויפ'ן קול מיט א נעימות און מתיקות וואס האט זיך צוגאסן אין די ביינער. דער רבי האט דורכגעאקערט סוגיות הש"ס מיט א געוואלדיגע בהירות און היקף, בפרט ווען דער רבי האט געוואלט מברר זיין א געוויסע הלכה, פלעגט ער דורכאויס דעם לערנען נאכאנאנד ארויפקריכן אויפ'ן לייטער'ל ביים ספרים-שאנק און מעיין זיין אין דעם און יענעם ספר, ביז דער גאנצער טיש איז איבערגעפילט געווארן...

דאס זענען געווען די שעות ווען דער רבי האט געקענט אויספירן שאיפת נפשו הטהורה פון לימוד התורה. דער רבי פלעגט זיך אפטמאל באקלאגן אז ער איז א "פארקויפטער מענטש" - אז די טירדות למען הכלל והפרט פארנעמען אזויפיל צייט, וואס וואלט געקענט געווידמעט ווערן צו לערנען.

דעם רבי'נס נאכט-שלאף איז באשטאנען פון ארום צוויי-און-אהאלב שעה. דער דאזיגער קורצער נאכט-דרימל האט געקלעקט פאר'ן רבי'ן אנצוגיין מיט זיין איבערגעפילטן סדר היום און עבודת הקודש באש להבה. הגם דער רבי האט זיך נישט אראפגעלייגט דורכ'ן טאג, איז דער רבי שטענדיג געווען פריש און מונטער, פול מיט חיות דקדושה.

בשייכות צו דעם האט מיר דערציילט מיין מחותן, דער וואדקערטער רב הגה"צ רבי אלי' פאללאק זצ"ל, אז ס'איז אמאל געווען א חשוב'ער בחור אינעם רבי'נס ישיבה אין 'סאטמאר' וואס האט זיך כמעט נישט געלייגט אין קיין בעט און איז זייער ווייניג געשלאפן, וואס האט אים געשאדט צום געזונט. זיינע קרובים זענען אריבערגעגאנגען צום רבי'ן און זיך אפגערעדט אז דער בחור פונקציאנירט נישט געהעריג, און זיין איבערגעטריבענע הנהגה שאדט אים צום געזונט.

דער רבי האט געלאזט רופן דעם בחור און אים פארגעהאלטן פארוואס ער שלאפט נישט געהעריג און שפילט זיך ארום מיט'ן געזונט. דער בחור האט געזאגט אז ער וויל נאכמאכן "זיין רבי'ן", אבער דער רבי האט אים געענטפערט: "דאס נאכצוטאן, דארף מען האבן זכות אבות!"

(באילנא דחיי ח"ה עמ' רצ"ה)

## ענדערש זיך לייגן און אויפשטיין פרי צו לערנען א בלאט גמרא פאר'ן דאווענען

בשייכות צו דעם האט דערציילט הרה"ח ר' משה אלי' פאלאטשעק שליט"א:



געווינער פרשת תצוה:




געווינער זאלן זיך מעלדן אויפ'ן סיסטעם #8

ספאנסאר פרשת תצוה:
Peppermint supermarket
mintleaf Kosher Market

'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880

בעלי חסד
זוכים בגורל

פרשת תרומה:

NEW YORK *** 4814 EXCELSIOR
משפ' שטיינבערג

NEW YORK *** 2949 EXCELSIOR
ר' יואל יעקב דאסקאל

NEW YORK *** 6562 EXCELSIOR
ר' אברהם עביר ראזענבערג

NEW YORK *** 5396 EXCELSIOR
ר' אהרן יודא ראזענטאל

NEW YORK *** 3547 EXCELSIOR
ר' יחזקאל בלום

ספאנסאר פון פרשת תרומה:
נר שעוה
געגרינדעט דורך
לייב גליק

'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880

אין יאר תשכ"ג, דורכאויס איינע פון די שבתים צווישן פסח און שבועות, האב איך פרייטאג צו נאכטס נאכ'ן טיש באגלייט דעם רבי'ן אויפ'ן וועג אהיים אל ביתו נאוה קודש.

אינמיטן וועג האט מען געהערט זינגען. האט דער רבי אונז א פרעג געטאן וואו זינגט מען יעצט אזוי שפעט אין דער נאכט. (עס איז איז שוין דאן געווען ארום האלב דריי אזייגער ביינאכט.) האט דער דעמאלט'דיגער הויז-בחור, הרה"ח ר' עקיבא וויינשטאק הי"ו, געזאגט פאר'ן רבי'ן אז דאס איז א קבוצה בחורים פון ישיבה וואס נעמען זיך צוזאם יעדן פרייטאג צו נאכטס נאך דעם וואס דער רבי ענדיגט דעם טיש און זענען ממשיך מיט'ן זינגען שירות ותשבחות.

הערנדיג דאס, האט זיך דער רבי אויסגעדרייט צו מיר און אריינגערוימט אין די אויערן: "ענדערש זאלן זיי גיין זיך לייגן שלאפן, און אויפשטיין פרי און לערנען א בלאט גמרא פאר'ן דאווענען".

(באילנא דחיי ח"ג עמ' תקי"ט)

## "אויב ער איז אויף אין די נעכט, זאל ער נישט זיין מלמד!"

ס'איז געווען אמאל א איד וואס האט גע'שמ'ט אלס מלמד מומחה. מען האט שטארק געארבעט אים אריינצובאקומען אין די סאטמארער מוסדות און נאך לאנגע השתדלות איז טאקע געלונגען אים אויפצונעמען אלס מלמד. למעשה האט זיך אבער ארויסגעשטעלט, אז דער מלמד האט נישט געטויגט, מען האט נישט געוואוסט וואס צו טון און די הנהלה איז עס געגאנגען דורכרעדן מיט'ן רבי'ן.

מען האט געזאגט פאר'ן רבי'ן אז ס'איז זייער שווער אים אפצוזאגן, וויבאלד דער מלמד איז באמת א ירא שמים מרבים, און ער לערנט ביז אין די שפעטע נאכט שעות. אזוי ווי דער רבי האט דאס געהערט, האט ער גלייך רעאגירט: "אויב ער איז אויף אין די נעכט, זאל ער נישט זיין מלמד!" א מלמד דארף קומען אין כתה צום באשטימטן זמן, פריש, אויסגערוט און מונטער. (עיין בשו"ע יו"ד סי' רמ"ה סי"ז).

(באילנא דחיי ח"ד עמ' ת"ז)

## זוכה געווען צו א הייליגער זון דורך פראווען נעכט בתורה ועבודה בקדושה וטהרה

עס האט דערציילט הרה"צ רבי משה ארי' לעוו זצ"ל מטמעטשוואר, אז איינער האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן זי"ע, "ווי אזוי האט ר' משה ארי' פריינד זוכה געווען צו אזא הייליגן זון ווי דעם נאסוידער רב זצ"ל. ר' משה ארי' איז דאך ווי-נישט-ווי געווען א בעל-הבית, און נישט קיין רב, און ווי קומט עס צו אים צו האבן אזא הייליגן זון?" האט אים דער רבי דערויף געענטפערט: "אויף ר' משה ארי' איז דאס נישט קיין חידוש. ער אליין איז געווען א געהויבענער איד, ער האט געפראוועט זיינע נעכט בתורה ועבודה בקדושה וטהרה".

ענליכס האט דער ייטב לב זי"ע אמאל געזאגט, אז דער זיידע ר' משה ארי' ז"ל האט זוכה געווען צו אזא קינד ווי דעם נאסויד'ער רב, אין זכות פון זיין אפרעכטן תיקון חצות.

(באילנא דחיי ח"ב עמ' קכ"ו)

## "איינגעוויגט אין אן אנדערע בעטל"

עס דערציילט הרה"ח ר' משה אלי' פאלאטשעק שליט"א געוועזענער הויז בחור ביים רבי'ן: אין די שפעטע נאכט שטונדן, נאכדעם וואס דער רבי האט זיך אויפגעכאפט פון זיין טיפן דביקות, האט דער רבי אנגעהויבן מיט'ן פראווען זיין טעגליכע עבודה ביי די נעכט, לערנענדיג זיינע לימודים אויפ'ן קול מיט א התלהבות און חיות.

אזוי האט דער רבי געפראוועט די אלע נעכט בתורה ועבודה, ווען דאס גאנצע שלאף איז באשטאנען פון צוויי אדער צוויי און א האלב שעה אין די פארטאגס שעה'ן. צומאל איז דער רבי בכלל נישט אריינגעגאנגען אין שלאף שטוב, נאר געכאפט א קורצן דרימל זיצנדיג אויפ'ן שטול ביי זיך אין ספרים שטוב.

איינמאל אין א פרייטאג צופרי האט די רביצין מיר דערציילט, אז יעדע נאכט במשך דער גאנצער וואך האט זי באמערקט דעם רבי'ן אריינקומען אין צימער, אויפשאקלען דאס בעט-געוואנט און אויסגיסן דאס נעגל וואסער, און דאן שטילערהייט ארויס פון צימער. דער רבי האט דאס געטאן אז די רביצין זאל מיינען אז ער איז געשלאפן...

דער ריסקיווער רב, הגה"צ רבי אברהם שלמה כ"ץ זצ"ל, האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן: "איך פארשטיי נישט, ווען איך שלאף נישט געהעריג דריי נעכט, ווייס איך שוין נישט וואס איך רעד, און איך זע ווי דער רבי שלאפט נישט מער ווי א צוויי און א האלב שעה א נאכט און דער רבי איז געהעריג פריש און מונטער. וואס איז פשט דערפון?" האט אים דער רבי אפגעענטפערט בדרך צחות: "מיך האט מען איינגעוויגט אין אן אנדער בעטל..."

(באילנא דחיי ח"ג עמ' תקי"א)

## הולך ואור עד נכון היום: געפראוועט די נעכט ביז דעם קומענדיגן מחזור פון תורה ותפלה

עס דערציילט כ"ק מרן אדמו"ר ממונקאטש שליט"א:

איינמאל איידער איך בין אריינגעגאנגען צום רבי'ן אין א מוצאי שבת, שוין נאך חצות הלילה, האט איינער פון די שטוב-מענטשן מיר אנגעמערקט אז עס איז שוין זייער שפעט, און דער רבי דארף באלד גיין זיך אפרוען פונעם עבודת הקודש דורכאויס דעם שבת. מיינענדיג צו מרמז זיין אז דער יעצטיגער שמועס וועט געוויס צוגיין אין קורצן.

למעשה ווען איך בין אריינגעקומען צום רבי'ן האט זיך דער רבי אריינגעלאזט מיט מיר אין א לענגערע שמועס, און האט מאריך געווען בנועם שיח, וואס האט זיך פארצויגן עטליכע שעה נאכאנאנד ביז ווען עס האט שוין אנגעהויבן צו טאגן. דאן אינמיטן דעם שמועס איז דער רבי אויפאמאל צוגעגאנגען צום פענסטער און האט ארויסגעקוקט, און זעענדיג ווי א איד גייט שוין אויפ'ן וועג צום בית המדרש, האט זיך דער רבי אנגערופן צו מיר: "נו, אז אידן גייען שוין אין בית המדרש צום לערנען און דאווענען, קען מען זיך שוין גיין לייגן..." איך האב ארויסגעהאט פון אט די ווערטער, אז דער רבי האט געהאט אן ענין דערביי מיט דעם וואס ער פלעגט זיך שטענדיג לייגן ערשט אין די פארטאג'ס שעה'ן, און האט געפראוועט די גאנצע נאכט בתורה ועבודה ביז עס איז געקומען דער צווייטער 'מחזור' פון תורה ועבודה, ווען אנדערע אידן שטייען שוין אויף צום לערנען און דאווענען.

(באילנא דחיי ח"ד עמ' כ"ג)


בעזהשי"ת
שנת "גדאו יאה ד' כי תשא י"ט אד"א" לפ"ק
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושל
קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה
ברוב שבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה,
נשמח להזמין את אע"כ קרובינו וידידינו
לבוא להשתתף בשמחת נישואי צאצאינו היקרים ה"ה
בחור החתן המופלג בתוי"ש בנש"
כמר מרדכי נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה ב"ק
מרת חנה תחי'
אשר נחוג בעזהשי"ת למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ד' לסדר בשמים ראש מר דרור (תשא)
אור ליום כ' לחודש אדר ראשון תשפ"ד לפ"ק הבעל"ט
בעטרת מאיר צבי
38 בני יואל דרייוו היילענד מילס נ.י.
קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00
יהי רצון שזכות אבוה"ק יגן עלינו, ועל כל השמחים בשמחתינו,
להושע בכל משאלות לבינו, וברכה והצלחה בכל מעשי ידינו,
ושמחה כי ישפע שפע רב בתוכינו, ומכל טוב לעולם אל יחסרינו,
ונזכה במהרה לשמחת עולם על ראשינו, בביאת בן דוד גואלינו, בב"א.
ידידיכם האחכים לקבל פניכם וברכותיכם בשמחה
הורי החתן
אברהם יקותיאל יהודה רובין וב"ב
ברוקלין יצ"ו
הורי הכלה
יודא בינער וב"ב
קרית יואל יצ"ו
שבת שבע ברכות
תתקיים אי"ה
בשבת קודש פרשת כי תשא
בסעפייער
5 Hayes ct.


בעזרת השם יתברך
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה
בשבח והודאה להשי"ת על כל החסד אשר גמלנו ואשר עתיד לעשות עמנו
מתכבדים אנו להזמין את קרובינו וידידינו
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו ה"ה
הבחור החתן המופלג בתוי"ש
שמעון חזקי' שרגא פייבל נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
סילקא תחי'
שתתקיים אי"ה במזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ב' לסדר "כי אות הוא ביני וביניכם" (כי תשא)
י"ז אדר א' שנת תשפ"ד לפ"ק הבעל"ט
(ולמספרם Feb. 26)
קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00
באולם עטרת מאיר צבי
38 Bnai Yoel Dr, Monroe, NY 10950
ותזכו לראות גם אתם רוב נחת מכל יוצאי חלציכם
ואי"ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל"נ
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום
הורי החתן
יואל יאקאבאוויטש וב"ב
חתן הרה"ח ר' חזקי' כ"ץ ז"ל
קרית יואל יצ"ו
הורי הכלה
יוסף וויטריאל וב"ב
קרית יואל יצ"ו
העלי' לתורה תתקיים אי"ה
בשבת קודש פרשת תצוה
בביהמ"ד ידאי השם
שכונת סמיט גארדענס
37 Meribeth Lane
קידושא רבא אחר התפלה גם לנשים
שבת שבע ברכות תתקיים אי"ה
בשבת קודש פרשת כי תשא
בבנין קיפמאן
156 Acres Rd.


בעזהשי"ת
נעלה את ירושלים על ראש שמחתינו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה
ששון ושמחה דיצה וחדוה הגיענו מטל השמים יראו עינינו בשמחת בנינו לבנות בית חדש כה יוסיף ה' בלוית אור עד בלי ד'
לקראת חתן וכלה האספו לקריה נאמנה לנטוע נטע שורק וחנוכת התורה ולעשות שם אהרן וקדושת נפתלי עד אילת השחר לתפארה
ו משפע צדיקי בית ארזי הלבנון, ראפשיץ, מעליץ, קאזניץ, מאגלאניץ ימשכו נהרי אפרסמון ומזיו נועם אלימלך ובנו רבי אלעזר זי"ע נגילו
מקירות לב יאחלנו ידידים יקרים בשיח יצחק ובאמרים מאירים שישפיע ה' זרע קודש מרחובות הנהר ומברכות שמים יחד
דורות ישרים ומבורכים אדירי התורה יתמשך כפלגי מים, ומגנזים המאירים ישפיעו נשמות קדושות ולה' המגלה עמוקות נביע ש'
ואילין מיליא שהזיווג יהא קשר של קיימא ויפאר מזלם בתפארת נפתלי ותמיד לאלוקינו נספר תהילות על כל הטובות
במהרה נזכה לשמוע קול שופר ותחזינה עינינו עבודת ישראל עמך ויקבץ ה' שארית, מנחם ציון ובונה ירושלים במזלא טבא
הננו מתכבדים בזה להזמין ולקרוא בקריאה של חיבה את מע"כ קרובינו וידידינו הי"ו
להשתתף בשמחתינו לשוש אתנו משוש בשמחת נישואי בנינו היקרים ה"ה
הבחור החתן המופלג בתוי"ש
כמר שלום דוב נ"י
עב"ג הכלה הבתולה המהוללה
מרת יהודית תחי'
שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ה' לסדר כי תשא את ראש בני ישראל (תשא)
כ' אדר א' שנת תשפ"ד לפ"ק הבעל"ט
קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00
באולם עטרת מאיר צבי
38 Bnei Yoel Drive Highland Mills, New York
נקרא למאהבינו המה יכבדוני לשמוח אתנו יחד בקול רנה והמון חוגג
וזכות אבוה"ק מוסדי דור ודור יעמוד לנו לראות דורות ישרים ומבורכים.
ואי"ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל"נ
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום
הורי החתן
שמואל אהרן חנני' טענענבוים וב"ב
קרית יואל יצ"ו
הורי הכלה
נפתלי הירצקא דייטש וב"ב
קרית יואל יצ"ו
העלי' לתורה תתקיים אי"ה
בשבת קודש פרשת תצוה
בביהמ"דקהל נהרי אפרסמון טארנא
29 Getzil Berger Blvd
קידושא רבא אחר התפלה
קידוש לנשים באולם אפריון
7 Getzil Berger Blvd
שבת שבע ברכות תתקיים אי"ה
בשבת קודש פרשת כי תשא
בביהמ"ד ידאי השם
שכונת סמיט גארדענס
37 Meribeth Lane


בעזהשי"ת
נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
מהרה ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה
בשבח והודאה להשי"ת שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה
הננו מתכבדים בזה להזמין את מעלת כבודכם לבוא ולהשתתף
בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו
הבחור החתן המופלג בתוי"ש
ישראל מאיר דוד שלמה נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
רחל תחי'
שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ה' לסדר "ארבה את זרעכם ככוכבי השמים" (כי תשא)
אור ליום כ"א אדר א' תשפ"ד לפ"ק הבעל"ט (ולמספ' Feb. 29)
קבלת פנים בשעה 6:30 והחופה בשעה 7:30
באולם ויואל משה
590 Bedford Avenue, Brooklyn New York
ואי"ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל"נ
ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום
הורי החתן
יואל ליבערמאן
הורי הכלה
בנימין שמרם נתן גרויז
העלי' לתורה
תתקיים אי"ה
בשבת קודש פרשת תצוה
באולם בנין קיפמאן
156 Acres Rd.



# שאלת חכם

אַקטועלע און אינפאָרמאַטיווע שמועסן, באַגלייט מיט
יסודות'דיגע פניני דעת ותבונה, און מיט אַ אידישן בליק


געענטפערט דורך
הרה"ג רבי נחום אַבראַהאַם שליט"א
דומ"ץ במאָנסי


# מיר האבן א תורה מיט א בחירה

## שאלה:

**מיר ווייסן אז השי"ת האט אזוי אויסגעשטעלט די וועלט אז ס'זאל זיין א בחירה, דער מענטש זאל קענען אויסקלויבן די גוטע וועג אדער חלילה דאס פארקערטע, און די בחירה דארף זיין אייניג גלייך אויף גלייך, ווייל נאר אזוי קומט זיך א שכר פארן מענטש, אויב האט ער נישט קיין בחירה נאכצוגיין דאס שלעכטס פונקט ווי דאס גוטס, איז נישט קיין קונץ אז ער האט אויסגעוועלט די גוטע וועג, און מיט דעם איז א מענטש וואס האט אויסגעפאלגט די תורה און זיך געהיטן פון יעדע שלעכט גרעסער ווי א מלאך, וואס האט נישט קיין בחירה, און וועגן דעם דארפן די מלאכיםווארטן מיט קדושה אויף אידן, ווייל אידישע לויב און תפלה איז ביי השי"ת חשוב'ער ווי די לויב פון מלאכים, כאטש פון די מלאכים איז אויף סאך א גרעסערן פארנעם.**

**אבער פון די צווייטע זייט, איז די בחירה נישט ממש אפן און פריי, ווייל דער חינוך וואס א קינד באקומט אין א חסיד'ישע, היימישע, פרומע שטוב און היימישע סביבה, איז ב"ה אזוי אוועקגעשטעלט אז אויף הארבע זאכן האט ער אפילו נישט קיין נסיון, למשל חילול שבת און עסן טריפות, ער דערוויטערט זיך דערפון פון זיך אליינס. אויסער דעם ווייסט ער אז אויב איז ער נישט געווארנט דערין וועט ווערן דערפון א גרויס איבערקערעניש און עגמת נפש, אויך ווערט ער באשטראפט פון די עלטערן און זיינע רבי'ס. קיינער וויל נישט ווערן אראפגעקוקט און דערוויטערט. קיינער זאגט נישט חלילה פאר א קינד ווען ער ווערט עלטער: יעצט אז דו ביסט שוין געגוג גרויס וועל דיר אליין אויס וועלכע וועג דו ווילסט גיין, אפשר ווילסטו אוועקגיין פון דיין מסורה און געהערן צו די מאדערנע מחנה, אדער איז דא געוויסע מצוות וואס דו ווילסט חלילה מיקל זיין, אדרבה מיר זאגן אן די קינדער זייער שטארק און ווי ווייט מעגליך חלילה ניטאמאל צו טראכטן דערפון. קומט אויס אז ס'פעלט די אייגענע בחירה, דאס זעלבע פארקערט איינער וואס איז געבוירן אין גאר א פראסטע משפחה אדער מאדערן לכאורה האט נישט די געהעריגע בחירה צו זיין פרום, חוץ אין אויסערגעוויינליכע פעלער, ווען ס'פאסירט עפעס וואס ברענגט אים דערצו.**

## תשובה:

די שאלה איז גארנישט שווער צוליב עטליכע טעמים:

ערשטנס: די תורה זאגט ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב את המות ואת הרע - עטס האטס א בחירה אויסצואוועלן גוטס אדער שלעכטס, אבער אין די זעלבע צייט זאגט די תורה קלאר אז דאס גוטס ברענגט לעבן און דאס שלעכטס דאס פארקערטע, און ער פירט אויס ובחרת בחיים - דאס וועט דיר ברענגען גוטס אויףביידע וועלטן, זאגט רש"י אז דאס איז ווי א מענטש וואס זאגט פאר זיין קינד "וועל דיר אויס דאס בעסטע חלק פון מיין פארמעגן" און ער ווייזט אים צו וועלכע איז דאס בעסטע חלק. זעט מען דאך קלאר אז מיט דעם וואס מ'ווייזט אן וואס ס'איז די גוטע חלק און מ'רעדט צו דערצו נעמט גארנישט אוועק פון די בחירה.

ס'איז נישט קיין סוד אז די נידעריגע געמיינע וועלט איז אסאך מער געאייגנט פאר דעם יצר הרע ווי פאר'ן יצר טוב. דאס געברויך פונעם גוף צו גשמיות איז אפן און קלאר און אומפארמיידבאר. מ'דארף דאס נישט שטופן און זיך בעטן דערצו, יעדער לויפט דאס נאך נאטורליך און מיט גרויס חשק, (עסן, שלאפן, שפילן, מאכן א לעבן). ווידער רוחניות'דיגע זאכן איז נישט עפעס וואס דער גוף פונעם מענטש איז אינטערעסירט דערין, און כאטש די נשמה בענקט דערצו, אבער די נשמה זעט מען נישט, און מ'פילט דאס נישט. ס'איז באהאלטן. און אלע זאכן אויף די וועלט שלעפן אראפ צו גשמיות און ציען נישט צו רוחניות. אדרבה ס'מאכט אז מ'זאל אנטלויפן דערפון. ווי צדיקים האבן געזאגט "ווי גוט וואלט געווען ווען דער עולם הזה ליגט באהאלטן אין ראשית חכמה און דער שער הגיהנום זעט מען אויף אלע גאסן. וואס זאל מען טון אז די שער הגיהנום איז באהאלטן ערגעץ אין ראשית חכמה אבער דער יצה"ר טאנצט אין אלע גאסן." קומט אויס אז די בחירה איז בכלל נישט באלאנסירט, ס'איז מער צו די נישט גוטע זייט. איז כדי דער באלאנס זאל זיין אייניג, מוז מען זיך מער קאנצענטרירן צו ערקלערן אונזערע קינדער די קאנסקעווענצן פון נישט לעבן א תורה'דיג לעבן און די גרויסע מעלות פון יא לעבן א תורה'דיגע לעבן.

מיר לערנען מיט אונזערע קינדער די פסוקי התורה, אז די בחירה איז טאקע פריי, ער קען זיך אויסקלויבן וועלכע וועג ער וויל, אבער ער זאל וויסן קלאר אז די וועג וואס ער וועט אויסקלויבן דאס וועט אים פירן צום גוטס און צום לעבן אדער חלילה צום שלעכטס און צום טויט. מיר זאגן זיי קלאר אז מיט דעם וואס ער קלויבט זיך אויס א וועג סטעמפלט ער אפ זיין עתיד און דעם עתיד פון זיינע דורות, און דאס וועט שפעטער שווער זיין צוריקצודרייען, און אויב וועט ער חלילה אויסקלויבן דאס נישט ריכטיגע וועג וועט ער דאס חלילה זייער באוויינען.

מיר ווייזן אים ביישפילן פונעם עבר וואס האט פאסירט מיט די אויבער-חכמים וואס האבן געמיינט אז מיטן אביסל אוועקגיין פונעם מסורה איז נאך גארנישט געשען, און ווי ווייט זיי האבן געגרייזט, און ווי ס'האט זיך איבערגעוויזן ווי יעדע קליינע אפנויג האט ווייטגרייכנדע רעזולטאטן. ס'ווערט נאר ברייטער און טיפער. ווייל אויף צו גיין בארג ארויף - דאס מיינט צו ווערן בעסער דארף מען גרויסע הארעוואניע, ס'קומט נישט אן גרינג, ווייל די גאנצע וועלט ארבייט קעגן דעם, אבער אויף צו גיין בארג אראפ צו ווערן ערגער, נאכצולאזן, דאס קומט אן זייער גרינג, מ'דארף גארנישט טון נאר נאכלאזן די לייצעס און ס'גליטשט זיך פון זיך אליין. מ'זעט דאס ליידער אז מיט דעם בעסטן חינוך וואס מיר זאלן נאר געבן דארף מען רחמי שמים אויף יעדן קינד באזונדער אז זיי זאלן זיך האלטן ביי דעם דרך התורה והמסורה. אין לך יום שאין קללתו מחבירתה - מיט יעדן טאג וואס דער גלות געדויערט גליטשן מיר מער און מער, הלוואי זאל מיר האבן די ריכטיגע בחירה אויף דאס גוטס ווי אויפ'ן שלעכטס.

רבינו הקדוש (דברי יואל הושע"ר אות קכז) ברענגט פון כתר נהורא און פון אוהחה"ק אז די ריכטיגע בחירה איז געווען ווען מ'האט געהאט א בית המקדש (פאר דעם הייסט דאס בית הבחירה), אין גלות איז די בחירה זייער שווער, אבער אוודאי איז דא א בחירה, נאר מיר האבן דאס שווערער געמאכט מיט אונזערע עוונות. (לעומת זה ווען איינער שטרענגט זיך אן אפי' נאר אביסל, איז דאס זייער חשוב און ער באקומט גאר אסאך סייעתא דשמיא, טאקע ווייל ס'איז אזוי שווער. ווי דער אריז"ל האט געזאגט אז א קליינע עבודה היינט איז אסאך חשוב'ער ווי א גרויסע עבודה אמאל. ומה נאמר אנן.)

צווייטנס: די גאנצע שאלה איז א טעות, ווייל יעדער פארשטייט אליינס אז די מלחמת היצר (דאס מיינט דארט ווי ער דארף באשליסן זיין בחירה) איז בעיקר אויף די נקודות וואס מ'איז נאך נישט אויסגעארבעט אז ס'זאל פארן פון זיך אליין, און דאס מעסט זיך ביי יעדן מענטש אנדערש, אן איידעלער איד האט זיין מלחמת היצר אין זיינע נסיונות ווי ער האט נאך וואס צו פארעכטן, און א מער פשוט'ער מענטש האט די נסיונות אין זיינע זאכן, אבער ביידע האבן א בחירה וואס זיי דארפן באשליסן צו זיי זענען גרייט זיך אנצושטרענגען און באזיגן זייער יצר הרע. דער

עיקר שכר באקומט מען אויף דעם וואס מ'האט א בחירה און מ'דארף זיך שטארקן, נישט אויף דעם וואס מען טוט מצוות אנשים מלומדה און מ'האט נישט דערויף קיין נסיון.

די ספרים זאגן א משל: ווען צוויי גרויסע מדינות האלטן א מלחמה, שפירט מען נישט די מלחמה אזוי שטארק אין די גאנצע לאנד הונדערטער מיילן אוועק פוןביידע פראנטן, דער עיקר מלחמה איז קאנצענטרירט צווישן די צוויי פראנטן, און ווען איין מיליטער שטארקט זיך איבער די אנדערע, און שטופט אים צוריק צען מייל, טוישט זיך דער צענטער פון מלחמה מיט צען מייל אהינציר. ס'איז די זעלבע מלחמה, ס'איז נאר אין א אנדערע פלאץ, ווייט אוועק פון דארט דערקענט זיך דאס כמעט נישט. דאס זעלבע איז ביי מלחמת היצר, דער עיקר בחירה וואס ווענדט זיך אין דעם מענטש איז אויף דעם פראנט ווי ער איז נאך נישט מחונך פון אינגערהייט און ער איז נאכנישט געניג שטארק דערין, ס'איז נישט געניג איינגעבאקן אין אים אז ער זאל אפילו נישט האבן דערויף א נסיון, אבער דער אמת איז אז אפילו אויף איינער וואס האט א ריינע נשמה און א גוטע טבע זאגן חז"ל אז אדרבה ער האט א גרעסערע יצר הרע - 'כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו', נאר זיי שלאגן זיך און גיבן נישט נאך.

וועגן דעם איז זייער וויכטיג א מענטש זאל אויסשטעלן זיך און די קינדער ארויפצושטופן דעם שטאפל פון זיין בחירה אויף א העכערע פלאץ, צב"ש אז דו גייסט דאווענען אין א שול ווי מ'שמועסט ביים דאווענען איז דיין נסיון נישט מיטגעריסן ווערן מיט די שמועסערס.

אבער אז דו דאוונסט אין א שול ווי מ'שמועסט נישט ביים דאווענען און מ'דאוונט געלאסן און אויפן קול, איז דיין נסיון צו אינזין האבן וואס דו דאוונסט און זאגן די הייליגע ווערטער מיט מער פנימיות און ברען. אויך שטעלסטו זיך אויס דיר מיט דיינע קינדער מיט בעסערע חברותא.

# דער עיקר תכלית איז אויפצובויען די בחירה אז מ'זאל טאקע מער נישט האבן קיין ברירה!

אויב גייסטו אבער אין שול און דו שטעלסט זיך דאווענען אן קיין שום הכנה, און דו רעדסט דברים בטלים פארדעם אד"ג האסטו דיר אויסגעקליבן צו דאווענען א פשוט'ע דאווענען, א.א.וו. ביי יעדער פרט אין לעבן מוז א מענטש וויסן אז ער האט א בחירה ער זאל זיך אויסקלויבן דעם וועג וואס זאל אים פירן צו זיין בעסער און איידעלער וואס דאס שטעלט דיר אויף א העכערע שטאפל אין דיין בחירה. צו דאס איז מיט קליידונג, צו מיט כשרות המאכלים, צו מיט וועלכע ליין מאטריאל מ'לאזט אריין אין שטוב, און ווער רעדט נאך פון די פארשידענע גע'אסר'טע כלים, וואס אויב ביסטו נישט הונדערט פראצענט געווארנט דערין האסטו דיר אויסגעקליבן אסאך א שווערערע שטאפל פון בחירה, וואס קען איבערלאזן א שרעקליכע עפעקט אויף דיינע דורות אז ס'זאל פארן אויף גאר אן אנדערע דירעקציע ווי דיינע עלטערן זענען געפארן.

דאס זעלבע ווען ס'קומט צו שידוכים זאל דיין עיקר זארג זיין צו טרעפן עפעס וואס שטימט מיט ערליכקייט און מיט מסורה ווי אזוי מיר האבן דאס מקבל געווען פון די פריערדיגע דורות. מאך נישט קיין גרייז צוליב די נגיעה פון כבוד, יחוס, אדער געלט. דאס איז נאר א טפל שבטפלים קעגן דעם עיקר וואס ס'פעלט זיך אויס אויפצושטעלן א ערליכע אידישע שטוב, א שטוב ווי מ'גייט נישט נאך די מאדעס, און מ'איז נישט אויסגעשטעלט נאכצולויפן עולם הזה, ווייל מ'האט נאר איין איינציגע תכלית אויפצושטעלן הייליגע אידישע שטיבער. מ'קען אפילו זיין זייער ערליך אבער טאמער כאפט זיך אריין אפילו איין קליינע ווערימל, צב"ש מ'איז פארכאפט פאר שיינע טייערע קליידונג, און ס'גייט אריין אין די בלוט פון די קינדער איז דאס א בכיה לדורות.

געדענק! פאר דו גייסט ארויף אויף א געוויסע וועג נעם און באטראכט אלע קאנסקעווענצן וואס קען דערפון ארויסקומען, ווייל ווען דו גייסט דיר כאפן אז דו פארסט נישט ריכטיג ביסטו שוין צו ווייט אוועקגעפארן. דאן וועט שוין זיין זייער שווער, אדער גאר נישט מעגליך זיין צו צוריקדרייען דעם רעדל. האסט געטוישט די צורה פון דיין שטוב, אלעס פארט שוין אין גאר אן אנדערן ריכטונג.

א פאסיגע ביישפיל דערויף: איינער דארף פארן קיין קאליפארניע. ער ווייסט אז זיין טאטע איז שוין געפארן עטליכע מאל דעם וועג. ער פרעגט זיין טאטן דעם וועג און ער זאגט אים נעם דעם רוט 208 און פאר גראד אויף דעם ראוד גיי נישט ארויס אויף קיין שום עקזיט, וועסטו האבן א גרינגע נסיעה בעזהשי"ת. אבער אינמיטן וועג זעט ער פונדערווייטנס שיינע בערג און ער טראכט לאמיר אהינגיין זען די נפלאות הבורא, ער דרייט זיך אריין אין די קומענדיגע עקזיט און ער פארט אהין, אבער נאכדעם פארט ער שוין אויף גאר אן אנדערן וועג, ס'געדויערט לענגער, ער בלאנדזשעט, ביז ער דערזעט זיך צוריק אויף דעם גראדן וועג אביסל שפעטער פארגלוסט זיך אים נאכאמאל אריין צו פארן אין אן עקזיט, פון דארט און ווייטער פארט ער אויך גאר א נישט אויסגעפרואווטע וועג, ער מאכט זיך אליין פראבלעמען.

דאס זעלבע ווען א מענטש קלויבט אויס אן אנדערן וועג, ווי מיר האבן מקבל געווען פון אונזערע עלטערן, איז נישט נאר די איינע זאך וואס ער האט אנדערש געמאכט נאר אלעס פארט שוין אויף גאר אן אנדערן וועג. ער קען נישט וויסן פון פאראויס ווי ער וועט אלץ אנקומען און פארבלאנדזשען, און וויפיל צייט ער גייט פארשפעטיגן, און וויפיל זאכן וועט זיך טוישן פון ווי אזוי ס'איז געווען געפלאנט. דאס





KHAL ADAS KASHO
KIRYAS YOEL



התאחדות תלמידי
וחסידי קאשוי
קרית יואל יצ"ו

12 OLD TOWN RD. | MONROE NY 10950 | 845-782-3895

תאו ואתכנשו להלולא דרבי

הננו מודיעים בזה לקהל אנשי שלומינו תושבי קרית יואל שיחיו, שבעזר השי"ת יתקיים כמדי שנה

סעודת הילולא

לקראת כ' אדר א', יומא דהילולא קדישא של

מרן רבינו הגה"ק זי"ע

מקום חדש ומרווח

מוצש"ק פ' תצוה הבעל"ט - באולם "פילמאר גארדענס"
11 fillmore Ct.

סיפורים נפלאים יושמעו לראשונה מפי
הרה"ג ר' חיים בער אדלער שליט"א
מפארי תלמידי רבינו זי"ע ומ"מ פה קרית יואל

נטילת ידים בשעה 9:15
ויה"ר שזכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אכי"ר.
הנהלת הקהילה

דמי הסעודה נתנדבו
ע"י ידידינו היקר מתלמידי רבינו מוה"ר יעקב גליק הי"ו, ב"פ. זכות רבינו יגן עליו להיושע בכל מילי דמיטב.
טראנספארטאציע פון גלילות קרית יואל:
מען קען רופן ליבערמאנ'ס טעקסי פון אלע ארומיגע געגנטער במשך די גאנצע נאכט 845-783-3000

זעלבע אויב דו דרייסט זיך אין א סביבה ווי די וועג פון דיינע עלטערן זענען אפגעפרעגט, אויב דו שיקסט דיין קינד לערנען אין אזא ישיבה אדער טוסט מיט אים א שידוך און דו לייגסט אים אריין אין א שטוב ווי מ'קוקט נישט ארויף אויף דעם וועג פון דיינע עלטערן, זאלסטו זיך נישט איינרעדן אפילו פאר איין מינוט אז דאס וועט נישט האבן א השפעה. ס'איז נישט דא בכלל אזא מציאות. א סביבה - חברים - ארבעטס פלאץ - בית המדרש האט א געוואלדיגע השפעה אויף א מענטש. און אויב שטעלסטו זיך אויס צו א שוואכע סביבה אפילו מיט א כוונה לשם שמים, אויב ביסטו מיקל אין געוויסע זאכן וואס ביסט נזהר געווען דערין, ביסטו אין א סכנה. האסט מיט דעם געגעבן א עמטליכע הסכמה צו גליטשן בארג אראפ דו מיט דיינע קינדער ח"ו.

דאס זעלבע פארקערט, אויב דערנענטערסטו זיך צו ערליכע אידן, דו גייסט דאווענען אין א שול ווי ס'איז דא אן ערליכער רב אנגעפילט מיט יראת שמים וכו' וכו', האסטו מיט דעם אונטערגעשריבן א גוטע געלונגענע געשעפט. אלעס וואס וועט ארויסקומען דערפון פאר דיר און דיינע קינדער איז דאס דיין זכות. דאס איז גארנישט קיין וויץ, ס'איז זייער ערנסט. חז"ל זאגן אוי לרשע ואוי לשכנו. גרויסע צדיקים זענען מיטגעשלעפט געווארן מיט קרח נאר ווייל זיי זענען געווען נאענט, ווי דער פרי הארץ (פ' נשא, הרה"ק ר' מענדלע וויטעפסקער) אז נאר פון 'קוקן' אויפ'ן שלעכטס קען מען צוגעצויגן ווערן, ווי די פרוי פון לוט ווען זי האט צוריקגעקוקט צו סדום.

דריטנס: אפילו ווען איינער איז אין א גוטע סביבה, און ער טרויעט זיך נישט צו טון זאכן וואס וועט אים פארשעמען און מאכן א גרודער, אבער קען ער דען נישט טון באהאלטענערהייט די הארבסטע עבירות אן דעם וואס קיינער זאל וויסן דערפון? איז דאך זיכער אז דאס האט צו טון מיט דעם מענטשנ'ס אייגענע בחירה, אויף ווי ווייט ער האט קונה געווען יראת שמים און געהארעוועט דערויף צו גלייבן באמונה שלימה אז יעדע מעשה און יעדע פרט דארף מען אפגעבן דין וחשבון, גארנישט ווערט פארגעסן אדער פארזען, השי"ת קוק אויף אים און ווייסט וואס טוט זיך אין זיין הארץ און אין באהעלטעניש, ער בויעט אויף אין זיך זיין אינערליכע נאטורליכע יראה און אהבה וואס יעדער איד ווערט געבוירן דערמיט אז ס'זאל זיך אנזען אפן און ס'זאל זיך שפירן אין זיין מוח און אין זיין שכל.

פערטנס: אדרבה דער עיקר תכלית איז אויפצובויען זיין בחירה אז ער זאל טאקע מער נישט האבן קיין ברירה, נישט קענען מער טון אן עבירה, און ער זאל פון זיך אליינס ציען צו תורה ועבודה, ווי דוד המלך האט געזאגט (מדרש רבה בחקותי) יעדן טאג האב איך געהאט פארשידענע וויכטיגע זאכן צו ערלעדיגן, איך האב געהאט א סקעדזשול צו גיין דא און דארט, איך האב אנגעהויבן גיין אבער איך בין אנגעקומען אין בית המדרש. מיינע פיס האבן מיר אהינגעטראגן. ער האט שוין גארנישט געקענט אנדערש.

איי וועסטו פרעגן אז ס'איז נישט דא קיין בחירה וואס קומט זיך א שכר? דער תירוץ איז פשוט, וויפיל האט ער געדארפט הארעווען און צוברעכן זיין גוף און זיך פלאגן מיט זיין נפש ביז ער איז צוגעקומען צו די מדריגה? אויף דעם באקומט מען שכר! אויך ביי אברהם אבינו שטייט ביי די עקידה אז ער האט געדארפט אויסשטרעקן די האנט צו נעמען דעם מעסער, זאגט דער הייליגער ר' מענדעלע רימאנאווער זי"ע אז פון דעם האט ער פארשטאנען אז דאס איז נישט רצון השם, ווייל ווי קען זיין אז זיין האנט האט זיך נישט פון זיך אליין אויסגעשטרעקט צו נעמען דאס מעסער נאר ער האט דאס געמוזט אויסשטרעקן, ווייל אברהם אבינו איז שוין געווען אזוי אויסגעארבייט אז אלע זיינע איברים זענען פון זיך אליינ'ס געווען גרייט שטענדיג צו טון דעם רצון ה', און צוליב דעם ווען דער מלאך האט אים געזאגט נישט צו שחט'ן האט ער אים געגלייבט.

דאס זעלבע איז פארקערט ווען א מענטש לאזט זיך אריין אין עבירות און תאוות עולם הזה, ציט אים דאס שוין מיט זיין געוואלד אפילו ער וויל נישט. ווי דער רבי זי"ע טייטשט וואס מ'זאגט אל תזכור לנו עוונות ראשונים, געדענק נישט אונזערע ערשטע עבירות. און וואס איז מיט די שפעטערע עבירות? נאר דער עיקר עונש איז אויף די ערשטע ווייל דאס האט אים ארייגעשלעפט ער זאל ווערן אדיקטעד. אויף די שפעטערע עבירות איז ער שוין כמעט אן אונס, ווי דער פרי מגדים זאגט אז דער מלאך וואס ווערט באשאפן פון די עבירות שלעפט אים דערצו ער זאל דאס טון נאכאמאל. עבירה 'גוררת' עבירה. ס'שלעפט אים אפילו ער וויל נישט גיין. דער דמיון רעדט אים איין אז ער 'מוז' דאס טון ער קען זיך נישט איינהאלטן. אבער ווען א מענטש שטרענגט זיך אן און ער ווייזט אז ער מוז טאקע נישט, ער קען זיך יא איינהאלטן, דאן פארט ער צוריק ארויף אויף די שינעס און ער קומט צוריק צו די בחירה.

# אפילו די וועלטליבע לימודים, מדות, מענטשליבקייט, זוכן פרנסה און זיך לערנען א פאך, דארף מען טון לשם שמים, מיט א לשם יחוד מיט א גוטע כוונה לש"ש.

און דאס איז א בפירושע מדרש (בראשית רבה פרק ס"ז, ג) דריי זאכן זענען נישט אינעם מענטשנ'ס קאנטראל: די אויגן, די אויערן, און די נאז. מ'זעט, מ'הערט, און מ'שמעקט פון זיך אליין. דריי זאכן זענען יא אין קאנטראל פונעם מענטש: די מויל, די האנט, און די פיס. ס'טוט נישט נאר מיט'ן בחירה פון דעם מענטש. נאר ווען ער מאכט אפ אז ער וויל רעדן, טון, אדער גיין. ווען א מענטש איז זוכה און ער ארבייט זיך אויס מאכט השי"ת אז די זאכן וואס זענען אונטער קאנטראל זאל נישט זיין אין קאנטראל, ער זאל מוזן לערנען און דאווענען ווייל נאר אזוי שפירט ער גוט און פרייליך. דאס מיינט מדה כנגד מדה. ווייל ער האט מבטל געווען זיין רצון פאר די רצון השי"ת האט השי"ת מבטל געווען דעם רצון פון דעם גוף צו דעם רצון פון די נשמה. קודם האט השי"ת אוועקגעגעבן פאר'ן מענטש דאס יכולת פון הקב"ה, ער האט אים געגעבן די בחירה ער זאל קענען טון וואס ער וויל אפילו קעגן דעם רצון פון השי"ת, אבער אויב דער מענטש האט שכל טוט ער צוריק די זעלבע זאך, ער ארבייט זיך אזוי אויס אז ער גיבט אוועק זיין יכולת צו הקב"ה אז ער זאל שוין נישט קענען טון נאר גוטס. (ועיי"ש במדרש אות ח' צדיקים לבן ברשותן.) דאס מיינט 'אין



OWL
SECURITY
אברהם יהושע בינער | 845.782.8090
sales@owlsecurityinc.com



בית הוראה
זמני לשכת בית הוראה
24 שעה הוראה ליין:
845.783.0546
לשכת בית הוראה:
6 גארפיעלד רד. #013

משעה 7:00 עד 8:50 בבוקר
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

חדש
משעה 9:00 עד 9:45 לפנצ"ה
הרה"ג רבי מרדכי דוד יוראוויטש שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

חדש
משעה 9:45 עד 10:30 לפנצ"ה
הרה"ג רבי משה זאב שווארץ שליט"א
מו"ץ בביהמ"ד בית יקותיאל

משעה 10:30 עד 12:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 12:30 עד 2:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי שלמה יונגער שליט"א
דומ"ץ טאהש

משעה 2:00 עד 3:30 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם מענדל ווייס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד טיב לבב

משעה 3:30 עד 5:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי מנחם נתנאל יונגרייז שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב

משעה 5:15 עד 6:15 אחצ"ה
הרה"ג רבי יואל ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית יעקב נחמי'

משעה 6:15 עד 7:00 אחצ"ה
הרה"ג רבי בערל ראזענבערגער שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד ישמח משה

משעה 7:00 עד 7:30 בערב
הרה"ג רבי יצחק בריזל שליט"א
מו"ץ בבית הוראה דקהלתינו הק'

משעה 7:30 עד 9:00 בערב
הרה"ג רבי שמואל יעקב מייזעלס שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מרדכי לייב

משעה 9:00 עד 10:10 בערב
הרה"ג רבי שבתי קאהן שליט"א
מורה צדק בקהלתינו הק'

משעה 10:10 עד 10:45 בערב
בחדר הוראה בביהמ"ד הגדול
הרה"ג רבי יעקב יודא ברוין שליט"א
דומ"ץ ביהמ"ד בית מאיר

ערב שבת קודש: עד שעה 2:00 הכל כרגיל בכל יום

לך בן חורין אלא מי שעוסק בתורה' - ווי מער א מענטש לערנט און פילט אן זיין מח מיט דעם שכל התורה, אלס מער ווערט ער פריי פון די מלחמת היצר ער וועט שוין אזוי צוגעוואוינט און באפריינדעט מיט די גוטס אז דאס איז שוין זיין גרעסטע תענוג ער דארף זיך מער נישט שלאגן דערויף.

און פון די גרויסע יסודות אין חינוך איז אז נישט נאר די רוחניות'דיגע חלקים פון א מענטש, ווי דאווענען, לערנען און טון מצוות דארף ווערן שטארק אריינגעברענגט אין א מענטש, נאר פונקט אזוי דארפן די גשמיות'דיגע חלקים פונעם מענטש אויך ווערן גענצליך קאנטראלירט דורך די תורה און דער צד הקדושה. ס'באלאנגט נישט פאר'ן יצר הרע.

נאכמער פון דעם אפילו די וועלטליכע לימודים, מדות טובות, מענטשליכקייט, זוכן פרנסה און זיך לערנען א פאך, אלעס מוז ווערן איבערגעדרייט צו די צד הקדושה, מ'דארף דאס טון לשם שמים און דאס דארף געטון ווערן מיט א לשם יחוד מיט א גוטע כוונה לשם שמים. מ'דארף אריינברענגען דעם ליכטיגקייט פון באשעפער אין יעדע ריר וואס א איד טוט און טראכט, אויב נישט איז דאס נישט אויסגעהאלטן.

ווי דער רע"ב זאגט אנפאנג מסכת אבות אז וועגן דעם הייסט דאס מיטן נאמען אבות צו זאגן אז אפילו די מדות טובות וואס ווערן דארט געברענגט איז נישט ווי מדות טובות וואס די בעסערע גוים לערנען אויך, ווייל ביי זיי איז דאס נישט מער ווי א מענטשליכע שכל און 'נימוסי בני אדם', געזעצן פון די מדינה אד"ג, ביי א איד איז נישט דא אזא זאך, די שיינע שכל'דיגע מוסר רייד איז אויך מקובל פון די אבות, וועגן דעם הייבט זיך דאס אן משה קיבל תורה מסיני. און אפילו ווען מ'האלט איין די גוי'אישע געזעצן איז דאס אויך נאר ווייל די תורה האט אונז אנגעזאגט דינא דמלכותא דינא.

נאך א ענין פון בחירה וואס יעדער מענטש דארף אויסקלויבן איז: צו קוקן מיט א גוט אויג. נישט ארויסזוכן פעלערס אויף יעדן איינעם, זיכער נישט אויף איינעם וואס איז מוחזק אלס ערליכער איד. און אוודאי נישט זיך אנשטרענגען מיט אלע כוחות אים צו מאכן פאר א שגץ ווייל ער האלט אנדערש ווי דיר.

צו ערקלערן די ווערטער ווועלן מיר ברענגען נאר איין קליינע ביישפיל:

ס'איז באקאנט וואס ס'שטייט אין שבילי אמונה (נתיב ח) אז ער האט זיך מצער געוועזן ווען ער האט געזען אז אויך אין גוי'אישע ביכער איז דא אמת'דיגע חכמה און מוסר, ער האט זיך זייער געוואונדערט דערויף פון ווי קומט דאס צו זיי, זיי לערנען דאך נישט תורה, ביז ער איז געוואויר געווארן אז דאס אלעס האבן זיי גענומען פון די תורה. (ווען אלכסנדר מוקדון האט איינגענומען ירושלים האט ער מיטגעברענגט די ספרים פון שלמה המלך און געגעבן צו זיין רבי אריסטו - דער הויפט פילוסוף פון די יוונים, און ער האט פון דארט איבערגעשריבן אין זיינע ספרים.) איז יעדע אמת'דיגע זאך וואס מ'זעט ביי די גוים קומט פון די תורה. פארשטייט זיך אז זיי דרייען דאס אויס לויט זייער גוי'אישע פארנארטע קאפ. אבער די גמרא זאגט יש חכמה בגוים תאמין, די גוים זאגן אז קינדער

נאך א ענין פון בחירה וואס יעדער מענטש דארף אויסקלויבן איז: צו קוקן מיט א גוט אויג. נישט ארויסזוכן פעלערס אויף יעדן איינעם, זיבער נישט אויף איינעם וואס איז מוחזק אלס ערליבער איד

מוזן לערנען וויסנשאפט, שפראך, שרייבן און רעכענען, כדי ווען ער ווערט גרויס זאל ער קענען מאכן גוטע און נוצבארע באשלוסן. דאס מיינט אנשטאט צו רויבן און הרג'נען און שיכור'ן זאל ער זיך קענען אויסקלויבן א גוטע פרנסה, אא"וו אלעס וואס ער וועט ווילן טון מיט זיינע קענטעניסן. לויט'ן גוי מיינט דאס אז די אלע זאכן זאל געטון ווערן לויט זיין קערפערליכע גלוסטעניש, צו קענען צוקומען צו געלט, עוה"ז אא"וו. ביי א איד האט דאס אבער גאר אן אנדערן באגריף, ער דארף וויסן די אלע וויסנשאפטן כדי ער זאל צו קומען צו א פרנסה וואס וועט אים ערמעגליכן צו אויפשטעלן א אידישע שטוב און זיי שפייזן, כדי צו קענען אויפשטעלן געטרייע עבדים פאר השי"ת און טון מיט דעם רצון ה'.

יעצט, עס זענען דא עלעמענטן וואס זאגן אז אונזער כוונה איז די זעלבע ווי די גוים רח"ל, און ווען מיר זאגן אז מיר זענען מחנך אונזערע קינדער מיט לימודי חול כדי ווען זיי ווערן גרויס זאלן קענען אויסקלויבן א גוטע אויסגעהאלטענע פרנסה, מיינט דאס די זעלבע בחירה פון וואס די גוי רעדט; א בחירה זיך צו לאזן וואוילגיין און זיך נאכגעבן אלע תאוות האסורות רח"ל. ס'פאלט זיי גארנישט איין אז ווען א איד רעדט פון בחירה, מיינט דאס בוחר זיין דעם צד הקדושה, בוחר צו זיין דעם רצון ה', מפרנס צו זיין א הייליגע אידישע שטוב א בית מקדש מעט.

בכלל איז דאס זייער א נארישע דומע מהלך צו נעמען יעדע ווארט וואס דער פריוואטער גוי זאגט, ווי אזוי ער קוקט אן דעם תועלת פון לערנען שפראך, און זאגן אז מיר טארן דאס וועגן דעם נישט טון. צב"ש אויב די גוים זאגן אז א מענטש דארף האבן פאר זיין געזונט א גוטע דייעטע וואס זאל האבן די ריכטיגע מאס פראוטין און פייבער און סאודיום, אזוי ער זאל קענען מאכן א לעבן, ער זאל קענען הוליען, שפילן פוטבאל, טאר נישט א איד אננעמען דעם דייעטע ווייל א איד טאר נישט הוליען און שפילן באל?? דאס איז דאך אבסורד. עס פארשטייט יעדער אליינס אז די בליק פון א איד אויפ'ן לעבן איז הייליג און געווידמעט צו טון רצון הבורא און זיך גרייטן צו יענע וועלט, און כדי דאס צו קענען טון דארף מען האבן א געזונטע דייעטע. איי דער גוי מיינט דערמיט א טמא'נע לעבן, איז וואס? פארדעם זאגן מיר דאך יעדן טאג אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו! מיר לערנען שפראך נאר לתועלת און נאר וויפיל מ'מוז, און נאר ווייל רבינו הקדוש האט אזוי איינגעפירט ס'איז דא דערויף א הסכמה פון די פריערדיגע גדולים, ווי ס'שטייט אין משיב דבר סי' מ"ד און אין דרשות הצל"ח וכו' אין חתם סופר וכו', (ווער ס'וויל נישט לערנען מוז נישט, מיר רעדן פון די וואס לערנען יא), וואס עפעס נישטערן די חברה אין די טמא'נע גוי'אישע ווערטער צו זען וויאזוי זיי קוקן אן דעם תועלת דערפון? מיר האבן נישט דעם זעלבן בליק ח"ו.

השי"ת זאל העלפן מיר זאלן האבן די ריכטיגע בחירה, מיר זאלן האבן א גוט אויג אויף ערליכע אידן, און מיר זאלן שטענדיג זיין דבוק נאר אין בורא כל עולמים און אין זיין הייליגע תורה, נישט אין קאנספיראציעס און פאנטאזיעס אכי"ר.

אין די ראַמען פון דעם קאָלום ווערט געגעבן די געלעגנהייט פאַר די "וואָכנשריפט" ליינער צו אַריינשיקן אַלע סאָרט שאלות און פראַגעס בעניני השקפה, וואָס ווערט אַדרעסירט לויט'ן סדר, און געענטפֿערט בטוב טעם ודעת דורך דער חשוב'ער דיין שליט"א

**מען קען אַריינשיקן סיי וועלכע אָנפראַגע אָדער שאלה דורך דעם טעלעפאָן נומער 845.774.6234 עקס. 6**
**אָדער אויף אימעיל Questions@kyweekly.com**

SPONSOR #1
PRO DECKS
845.352.DECK
SPONSOR #2
MEN'S CORNER
845.782.6756
SPONSOR #3
QUICK FIX
Appliance repair
845-206-9733
SPONSOR #4
שטעטל פלייש
SPONSOR #5
MOVERS
MOVING EVERY CUSTOMER WITH CARE
845.287.4190
SPONSOR #6
נר שעה
גענעריינדעט דורך
לייב גליק
SPONSOR #7
Peppermint supermarket
mintleaf
Kosher Market
'היטשט' און 'געווינט'
845.288.3880



#52

# די תפיסה

וועגט פארצייילן...

# איך בין אקעי מיט דעם באשלוס פון השי"ת, ווייל איך געטרוי אים פולקאָם!

רירנדע שילדערונגען און בריוו פון האי איש חסיד הנכבד, ידיד כל בית ישראל, הרה"ח רבי נחמי' צבי בן דינה וועבערמאַן שליט"א

## די גאַנצע וועלט דרייט זיך אַרום אונזערע מעשים

דער פסוק זאָגט: "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם" - דאָס מיינט אַז אידן דאַרפן זיך אויפפירן ריכטיג, ווייל יעדער קוקט אויף אידישע קינדער. סיי די מענטשן און סיי די מלאכים!

די גאַנצע וועלט שפיגלט אָפּ די מעשים פון אידישע קינדער. דאָס וואָס מיר טוען, דאָס פּאַסירט אויף דער וועלט. אַלע מזלות, אַלע כוחות מיט וואָס השי"ת פירט די וועלט, אַלע קוקן אויף אונז, וויאַזוי מיר היטן די תורה און מצוות.

## יעדער קוקט אויף אונז

לאָמיר דערמאַנען אַ 'מילתא דבדיחותא' פאַר'ן לערנען, איבער דעם ענין אַז אַלעס דרייט זיך אַרום אונזערע מעשים טובים.

אַ איד האָט געזוכט אַ פרנסה, האָט ער אויפגעהויבן אַ צייטונג און געזען אַן אַדווערטייזמענט: "אַ פּרימיטיווע נעטיוו אַמעריקאַנער געמיינדע זוכט אַ ריכטיגער פערזאָן אַלס זייער פירער, זינט זייער באַליבטער פירער איז נפטר געוואָרן".

דער איד טראַכט צו זיך: אפשר טאַקע? פאַרוואָס נישט? לאָמיך פּרובירן...

ער האָט זיך געקויפט זייערע טראַדיציאָנאַלע קליידונג וויאַזוי זיי גייען אַרום אָנגעטון. ער האָט זיך אָנגעטון ווי זיי און, נישט מער און נישט ווייניגער, זיי האָבן אים אַקצעפּטירט מיט עקסטאַז און שמחה.

***

איידער דער ווינטער איז אָנגעקומען איז געווען זייער טראַדיציע צו גיין פרעגן פון זייער פירער: "עס עס גייט קומען אַ קאַלטע ווינטער? זאָלן מיר אָפּהאַקן אַסאַך האָלץ?".

אַצינד, בעפאָר ווינטער, זענען זיי געקומען אים פרעגן די שאלה, און דער איד טראַכט: "רבוש"ע, פון אַזאַ קשיא האָב איך קיינמאָל נישט געטראַכט"...

האָט ער זיי געזאָגט: "איך וועל אייך ענטפערן אין דריי טעג אַרום. איך וועל צוערשט שטודירן די וואלקענעס און די ווינטן און כ'דאַרף רעדן צום באַשעפער דערוועגן"...

ער האָט גענומען עטליכע מטבעות מיט זיך און ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ לאַנגע שפּאַציר פון דריי מייל, אַריין אין שטאָט, וואו ס'איז געווען אַ פּובליק פאָון.

ער גייט צום טעלעפאָן און ער רופט אַריין דעם 'וועטער ביוראָ' מיט אַ פראַגע: "קענסט מיר ביטע זאָגן, וויאַזוי גייט זיין די קומענדיגע ווינטער, קאַלט אָדער הייס?"

ווען יענער האָט אים געענטפערט אַז ס'גייט זיין קאַלט האָט ער זיך באַדאַנקט און ער האָט צוריקשפּאַצירט אין וואַלד צו זיין געמיינדע.



דאָרט האָט ער זיי דערציילט אַז ער האָט באַקומען אַ ידיעה פון הימל אַז ס'גייט זיין קאַלט דעם קומענדיגן ווינטער.

זיי האָבן טאַקע אָנגעהויבן האַקןביימער, צו אָנגרייטן גענוג האָלץ פאַר'ן ווינטער.

***

נאָך עטליכע וואָכן האַקן ביימער זענען זיי נאָכאַמאָל געקומען צו אים: "פירער, ס'גייט זיין זייער קאַלט?". האָט ער זיי נאָכאַמאָל געזאָגט אַז ער דאַרף האָבן עטליכע טעג. ער שפּאַצירט די דריי מייל ביז'ן טעלעפאָן און ער פרעגט: "עס גייט זיין זייער קאַלט". ענטפערט יענער אַז "יאָ, ס'גייט זיין זייער קאַלט".

שפּאַצירט ער צוריק און זאָגט פאר די גוים אַז עס וועט זיין גאָר קאַלט. זיי הייבן אן האַקן מער און מער ביז ס'האָט זיך אָנגעהויפנט אַ ריזיגע הויפן פון האָלץ.

עטליכע וואָכן שפּעטער קומען זיי נאָכאַמאָל: "פירער, ווי ביטער קאַלט גייט זיין?".

איך דאַרף צוריקגיין אין הימל פרעגן.

ער שפּאַצירט די דריי מייל, גייט אַריין אין דעם טעלעפאָןביידל און פרעגט די שאלה, זאָגט אים דער וועטער אַרבעטער: "עס קומט זייער אַ ביטערע קאַלטע ווינטער".

דער איד קומט צוריק און זאָגט זיי דעם ענטפער. איז די גאַנצע געמיינדע זיך צוזאַמגעקומען, מענער, פרויען און קינדער, און האָבן נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן האַקן ביימער.

***

נאָך אַפּאָר וואָכן זענען זיי צוריק מיט אַ פראַגע: "אונזער טייערער פירער, גייט זיין נאָך קעלטער?".

איז ער נאָכאַמאָל געגאַנגען צום טעלעפאָן און געפרעגט די פראַגע און דער אַרבעטער האָט אים געענטפערט אַז ס'גייט זיין אַזעלכע פראָסטן וואָס מ'קען זיך נישט פארשטעלן.

האָט דער איד זיך אָנגעהויבן בייזערן צום וועטער ביוראָ איינגעשטעלטער: "פאַרוואָס מאַכסטו מיך משוגע?! פאַרוואָס האָסטו מיר דאָס נישט גלייך געזאָגט ביים ערשטן מאָל ווען איך האָב דיך געפרעגט. יעדעס מאָל איך רוף אָן מיט דער פראַגע זאָגסטו מיר פאָר מער און מער קעלט, וואָלסט דאך געקענט דאָס זאָגן אין אָנהויב?!"

זאָגט אים דער וועטער אַרבעטער: מיין טייערער מענטש, לאָמיך דיך זאָגן דעם אמת, ס'איז אוממעגליך צו וויסן וויאַזוי די וועטער וועט זיין קומענדיגע ווינטער! מיר קוקן אויף די נאטורליכע מקורות, מיר קוקן אויף די אויפפירונג פון די חיות און מיר קוקן אויף די מענטשן וואָס לעבן אין די וועלדער.

לעצטנס זען מיר אַז די נעטיוו אַמעריקאַנער שבטים הויפענען אן אַ ריזיגע צאָל האָלץ פון די ביימער. זיי מאַכן זיך גרייט פאר אַ ביטערליכע קאַלטע ווינטער. דעריבער האָב איך אַלס מער פאָראויסגעזאָגט אַז ס'קומט אַ גרויסע פראָסט...

דער נמשל פון די מעשה'לע איז אַז מיר דאַרפן אָבאַכט געבן! יעדער קוקט אויף אונז אידישע קינדער! די גאַנצע וועלט דרייט זיך אויס און קוקט צוריק צו אונז אידן! אפילו אין הימל איז אַלעס געוואָנדן וואָס און וויאַזוי מיר פירן זיך אויף!

## באַקומען אַ ביליגע פאַרקינג פאר די טייערע קאַר...

די גאַנצע תורה איז אַ וועג וואָס לערנט אונז וויאַזוי זיך צו אויפפירן ריכטיג.

מען דערציילט אַ געשיכטע אַז פרעזידענט טראָמפ האָט מיט יאָרן צוריק אַמאָל אַריינשפאַצירט אין אַ באַנק אין מאַנהעטן אין אַ דאָנערשטאָג. דער אידישער באַנק דירעקטאָר מיט אַ יאַרמולקע אויפ'ן קאָפ האָט אים געגריסט 'היי'.

- אַ גוטן, מיין נאָמען איז דאנאלד טראָמפ, דיין שכן. איך וואוין עטליכע בלאקס אַוועק פון דאָ. דאָס איז די באַנק וואָס איך האָב געזוכט.

זאָגט אים דער דירעקטאָר: "מיט וואָס קען איך דיך העלפן?!"

טראָמפ: איך דאַרף האָבן אַ לאָון פון אַ האַלב מיליאָן דאָלער.

באַנק דירעקטאָר: אָקעי נישט קיין פראָבלעם מר. טראָמפ, בלויז פיל אויס די אַפליקאַציע און דאָס איבריגע וועט זיין מסודר.

טראָמפ פילט אויס אַלע דעטאַלן און שרייבט אונטער אַלע דאָקומענטן. דער באַנק דירעקטאָר גייט דאָס איבער און פרעגט אים: "פיין, וואָס וועסטו געבן פאַר אַ זיכערהייט משכון (קאַלאַטעראַל)?!"

טראָמפ: איך קען אייך געבן מיין לימאזין קאַר, וואָס איז ווערט צוויי מאָל אַזויפיל.

באַנק דירעקטאָר: אָבער די רולס פון אונזער באַנק איז אַז אויב ס'איז נישט האַרטע נכסים, ווי פראַפערטי, דאַרף דער משכון בלייבן מיט אונז.

טראָמפ: נישט קיין פראָבלעם. וואו זאל מיין דרייווער עס ברענגען?

באַנק דירעקטאָר: ער זאָל ברענגען די קאַר דאָ אין דער פאַרקינג לאַט הונטער די באַנק.

טראָמפ: אין פופצן מינוט וועט עס דאָ זיין.

פופצן מינוט שפעטער איז טאַקע די לימאזין קאַר געוואָרן פאַרקירט אויפ'ן אָרט און אַ טשעק פון 500 טויזנט דאָלער איז געוואָרן איבערגעגעבן פאר מר. טראָמפ.

***

אַ וואָך שפעטער איז טראָמפ צוריק אין באַנק. ער האָט געבעטן דעם אָפיציר פון די באַנק די רעכט צו אונטערזוכן זיין לימאַזין, דאַן האָט ער צוריקגעגעבן פאַר'ן באַנק דירעקטאָר די פולע סומע פון 500 טויזנט דאָלער, אין צוגאָב צו אַ טשעק פון 568 דאָלער פאר די 'אינטערעסט', אינשורענס און קלאזוינג קאסטן.

"טענק יאָ" האָבןביידע געזאָגט צוזאַמען.

אויפ'ן וועג אַרויס איז דער באַנק דירעקטאָר אים נאָכגעגאַנגען: "מר. טראָמפ אויב איך מעג פרעגן וואָס איז געווען פשט פון באָרגן און צוריק באַצאָלן אַזוי שנעל?".

זאָגט אים טראָמפ, מיט אַ ביזנעסמאַן שמייכל אויף זיין געזיכט:

"איך האָב געדארפט אַוועקפאָרן אויף אַ וואָך און כ'האָב געוואָלט האַלטן מיין קאַר ביי אַזאַ פלאַץ וואָס וועט מיך באַצאָלן אויב עס פאַסירט סיי וועלכע 'דעמעדזש' פאַ די קאַר. אויף קיין פאַל וואָלט איך נישט געקענט טרעפן אַ מער פאַראַנטוואָרטליכע פאַרקינג פלאַץ ווי אין אַ באַנק! פאר בלויז 568 דאָלער אַ וואָך האָב איך באַצאָלט פאר אַ 'שומר שכר', די באַנק איז געווען פולקאָם פאַראַנטוואָרטליך פאר אַלע שאָדנס ווילאַנג ס'האָט זיך געפינען אין אייער באַזיץ...

## יעדע מאורע פון אַ איד האָט אַ העכערע חשבון

די וואך האָט ר' יואל אפרים ווייס מיך איבערגעזאָגט אַ הייליגע שטיקל פון ספר הק' דברי חיים אַז אַלעס וואָס מיר





זכרון
• תורת משה •
לזכרון נשמת כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל
מוסר • ש"ס • הלכה
• קרית יואל •

בס"ד

# לוח הלימודים פרשת כי תשא

חבורת לומדי ש"ס ישראל ואורייתא
פטרון מסכת מנחות
הרבני הנגיד התורני
מו"ה אברהם בנימין אלימלך קרויס הי"ו

| | היום | שבוע | חודש |
|---|---|---|---|
| יום א' | פט. | פו: | עט. |
| יום ב' | פט: | פו. | עט: |
| יום ג' | צ. | פז: | פ. |
| יום ד' | צ: | פז. | פ: |
| יום ה' | צא. | פח: | פא. |

בחינה ו' במס' חולין • יום א' פ' ויקהל
לימודי החודש: פ"א. - צ: - חזרת החודש: ס"ט. - פ

חבורת לומדי הלכה
הליכות יוסף עזרא

| | סימן | סעיף | מג"א |
|---|---|---|---|
| יום א' | סימן קי"ט | א | א - ב |
| יום ב' | | א | ג - ו |
| יום ג' | | ב - ג | ז - י |
| יום ד' | סימן ק"כ | א | א - ו |
| יום ה' | | ב - ה | ז - יא |

בחינה הבא בשו"ע או"ח • יום א' פ' פקודי
לימודי החודש: מסימן ק"ו עד אחר סימן קי"ד סעיף ג'
חזרת החודש: מסימן צ"ב עד אחר סימן ק"ה

SPONSORED BY:
PRO DECKS
BECAUSE OUR PROFESSION IS LIMITED TO DECKS.
OUR PROFESSIONALISM AT DECKS IS UNLIMITED.
T: 845.352.DECK (3325) F: 845.371.3325
E: DECKSNY@GMAIL.COM W: PRODECKS.COM

קול זכרון • 718.387.1010

זענען אין די תורה, אפילו אַזעלכע הלכות וואָס זענען אויס ווי פשוט'ע זאַכן. למשל איינער האָט געשעדיגט אַ צווייטנ'ס פאַרמעגן אָדער פיזיש געשעדיגט אַ צווייטן, אָדער אַז מען פאַרקויפט איינעם פאַר אַ קנעכט, א.ד.ג. די אַלע הלכות האָבן אַ מורא'דיגע טיפע באַדייט אין די פנימיות התורה.

דאָס איז די סיבה פאַרוואָס מיר ווייסן אַז ס'איז דאָ אין דער תורה אַזעלכע מצוות וואָס זענען אַ "חוק" אָן קיין טעמים. מיר דאַרפן דאָס טון אָן פאַרשטיין. פאַרוואָס?! ווייל בפנימיות התורה ליגט דאָ גאָר טיפע זאַכן!

## 11 יאָר אין תפיסה האָט אויך אַ פנימיות'דיגע סיבה

דאָס האָט מיך געמאַכט זייער עמאָציאָנעל, ווייל דאָס מיינט אַז מיין זיצן אין תפיסה, שוין העכער 11 יאָר און נישט קענען זיך באַטייליגן אין די חתונות פון מיינע קינדער און אַנדערע אַלע שמחות, האָט אויך אַ פנימיות! עס האָט אַ חשבון אין הימל וואָס איז נישט פאַר אונז צו פאַרשטיין!

ווי דער הייליגער תניא שרייבט אין זיין מאמר "להשכילך בינה" (אגרת הקודש י"א): "אין רע יורד מלמעלה רק שאינו מושג" - מיר פאַרשטייען עס נישט און מיר גלייבן זייער קלאָר און שטאַרק אַז איין טאָג וועט עס קומען צו אַן ענדע.

אויב דער רבוש"ע וויל, וועט ער מיך ווייזן די סיבה. און אויב נישט, איז דאָס זיין באַשלוס און איך בין אָקעי דערמיט, ווייל איך געטרוי אים פולקאָם!

## די טיפע באַדייט פון די פסוקי התורה

די תורה פון דעם הייליגן דברי חיים האָט מיך געברענגט אַ גאַנצע אַנדערע פערספעקטיוו וויאַזוי צו קוקן אויף די וואָכנדיגע פרשה. עס האָט מיך דערמאַנט פון אַן מורא'דיגער שטיקל וואָס עס שטייט אין ספר הק' אור התורה, פון דעם צמח צדק זי"ע, אין פרשת משפטים.

די תורה הק' זאָגט די וואָך: "כי יתן איש אל רעהו כסף או כלים לשמור, וגנב מבית האיש, אם ימצא הגנב ישלם שנים" - אויב אַ מענטש גיט געלט אָדער כלים צו זיין חבר צו אָפּהיטן, און ס'ווערט גע'גנב'ט פון דעם הויז פון דעם שומר, אויב דער גנב ווערט געטראָפן זאָל ער באַצאָלן דאָפּלט.

אַז מ'לערנט דאָס פשוט זאָגט אונז די תורה אַז אַ גנב דאַרף נישט בלויז פאַרגיטיגן דעם קרבן פאַר די פאַרלוסט, נאָר דער גנב באַקומט אויך אַ שטראָף אַז ער איז מחויב צו באַצאָלן דאָפּלט די סומע וואָס ער האָט גענומען.

אָבער לויט דעם אויבנדערמאַנטן דברי חיים און ווי אַלע ספרי תלמידי בעש"ט הק' זאָגן כסדר איז אין יעדע פסוק פון דער תורה הק' באַהאַלטן, אויסער די פשוט'ע פשט, אויך אַ טיפע רוחניות'דיגע באַדייט.

אפילו אין אַ מציאות וואָס די טעכנישע און




פיזישע אָפּטייטש פון די מצוות איז נישט שייך צו מקיים זיין בפועל ממש, אָבער די רוחניות׳דיגע מעסעדזש דערפון פאַרבלייבט אייביג מיט אַ שטאַרקע משמעות אין אונזער אינערליכע הארץ און מח.

## יעדער פון אונז האָט באַקומען אַ פּקדון צו אָפּהיטן

זאָגט דער צמח צדק אַז אויך די מצוה פון ״ישלם שנים״, אַז אַ גנב דארף צאָלן כפל, דאָ ליגט אויך אַ טיפע רוחניות׳דיגע משמעות איבער אונזער חיוב אויף דער וועלט.

״כי יתן איש על רעהו כסף או כלים לשמור״ קען ווערן אויסגעטייטשט אַלס אַן אינערליכע ציפּעדיגע באַדייט; השי״ת, וואָס איז דער באַשאַפער פון אונזער לעבן, האָט געטרויעט דעם מענטש מיט ״כסף או כלים לשמור״.

דער אויבערשטער האָט יעדן פון אונז געשאנקן אַ גוף, אַ מחשבה אַ נשמה אַ פאַמיליע און אַ קליינע חלק פון די שפע פון דער וועלט.

## דער אינערליכער ׳גנב׳ וויל אַלעס אַוועקרויבן

דער רבוש״ע בעט אונז אַז מיר זאָלן זיך אָפּהיטן און באַשיצן פון נסיונות, מיר זאָלן אַכט געבן פון אינערליכע אָדער אויסערליכע כוחות וואָס באַדראָען דעם פּקדון וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן.

יעדער פון אונז פאַרמאָגט אַן אינערליכער ׳גנב׳ וואָס פּלאַנירט צו גנב׳ן די מתנות און זיי נוצן לויט זיין אייגענע ווילן! דער אינערליכער גנב איז דער יצר הרע, וואָס חז״ל זאָגן אַז ער פונקציאָנירט אין דעם ׳נפש האדם׳, און אַ גאַנצע צייט זוכט ער צו קאָנטראָלירן אונזער נפש און נשמה! ער וויל באַרויבן אונזער אמת׳ע אידענטיטעט, ער וויל אַז מיר זאָלן פאַרלעצן דאָס ערליכקייט און זיך אַראָפּלאָזן פון אונזער ריכטיגע אויפפירונג.

למשל, ווען אַ שטאַרקע אינסטינקטיוו פון תאוה צווינגט דעם מענטש זיך אונטערצוגעבן צו פאַרצווייפלונג, צו פאַרלירן אַלע האפענונגען, צו פאַרלירן זיין געדולד, צו ווענדן זיינע אויגן צו עפּעס וואָס איז פאַרבאָטן דורך די תורה אָדער חז״ל. דאָס זעלבע ווען דער מענטש האָט אַ תאוה צו עסן עפּעס וואָס איז אַ חורבן פאר זיין גוף און נשמה. דאָס איז די אינעווייניגסטע ״גנב״ וואָס האָט ממש ׳קינדעפּט׳ יעצט אַ טייל פון די נפש און נשמה!

דאָס זעלבע ווען אַ מענטש זאָגט אַ שקר, צוליב אַ קורץ-טערמיניגע באַקוועמליכקייט. זיין אינעווייניגסטע גנב איז אַצינד אַריין און בארויבט זיינע אינעווייניגסטע ״ליפּן״ און ״ווערטער״, ניצנדיג זיי פאַר אוממאָראַלישע פונקציעס, דערמיט דערנידעריג זיין נשמה און באַזיגן זיין בחירה פון טוב און רע.

ווען איינער מאַכט אַ שווינדל צו אָפּנאַרן אַ ביזנעס דיעל, האָט די אינערליכע ׳גנב׳ יעצט באַוויזן צו לייגן זיינע האַנט אויף די ביזנעס.

## די טעותים וואָס מענטשן מאַכן בנוגע דעם מלחמת היצר

ס׳איז טאַקע געווען יחידים, הייליגע צדיקים, וואס זענען קיינמאָל נישט דורכגעפאַלן פון באהיטן זייער הייליגע נשמה. אָבער רוב פון אונז באַקומען אָפּט אַזעלכע באַזוכן דורך דעם קליינעם ׳גנב׳, וואָס כאַפּט אַוועק חלקים און תקופות פון אונזער לעבן. וויאַזוי דאַרפן מיר האנדלן מיט אים?!

טייל מענטשן שפּירן נאָך אַ שטיק צייט, אַז זייער קאַמף קעגן זייער אינערליכע גנב איז געענדיגט, ס׳איז שוין סייווי אַ דורכפאַל, זיי געבן אַרויף דעם קאַמף, ערלויבנדיג דעם גנב צו נעמען וואָס ער וויל. זיי אַנטוויקלען אַ געוויסע ביטול און צינישקייט צו די גאַנצע העכערע און טיפערע לעבן.

אנדערע, אויף די אנדערע עקסטרעם, זענען טיף דערשלאָגן און בעצבות. זייער דורכפאַל גיט זיי אַריין אַ געפיל פון זיך אַליין צוקלאפּן. זיי וואַלגערן זיך אין שולד געפילן און פאַרצווייפלונג.

אָבער די אמת׳ע וועג פון אידישקייט טוט אָפּשלאָגן דיביידע באַגריפן, ווייל ביידע פירן אַריין דעם מענטש אין תהום, אין אַ טיפע גרוב אין דער ערד. איינער דורך הוללות און די אַנדערע דורך עצבות (ספה״ק ליקוטי אמרים תניא פר׳ ל״ו).

## דו קענסט פאַרדינען דאָפּלט וויפיל דו האסט פאַרלוירן

די תורה גיט אונז אַנשטאָט די עצה: **כי איש אל רעהו כסף או כלים לשמור וגנב מבית האיש אם ימצא הגנב ישלם שנים** - אויב א מענטש גיט געלט אדער כלים פאר זיין חבר דאָס צו אָפּהיטן. און עס ווערט גע׳גנב׳עט. אויב דער גנב ווערט געפונען, זאל ער באצאלן דאָפּלט.

די תורה זאָגט אונז: גיי אַרויס און געפין דעם גנב! דעמאלט וועסטו טאקע באקומען דאפלט פון וואס דו האסט פאַרלוירן ארגינעל!

## תשובה מאַכט דעם מענטש אַסאַך בעסער ווי ער איז געווען בעפאָר די עבירה

דא ווערן מיר באַקענט מיט א דינאמישע באַגריף, באקאנט ביי אונז אידן אלס ״תשובה״, וואָס איז אַ רוחניות׳דיגע רפואה!

אַנשטאָט זיך וואַלגערן אין שולד געפילן און פאַרצווייפלונג, און אַנשטאָט זיך מכניע זיין צו גלייכגילטיגקייט און צינישקייט, קאנפראנטיר דיין ׳גנב׳. אידענטיפיציר די שלעכטע כוחות אין דיין לעבן וואָס שלעפּן דיך אַוועק!

דאַן וועסטו באַקומען פון דעם ׳גנב׳ דאָפּלט די סומע וואָס ער האָט גענומען דאָס ערשטע מאָל! ברוחניות מיינט דאָס אַז די ערפאַרונג פון ׳נפילה׳ און ׳זיך אויפהייבן׳ וועט מאַכן אַז דיין רוחניות׳דיגע חשיבות וועט ווערן אַסאַך חשוב׳ער, אין אַ בחינה פון דאָפּלט פון וואָס עס וואָלט געווען אן די גניבה!

אַזוי זאָגט די גמרא אין מסכת יומא (דף פ״ו) גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות!

ווען דו דערקלערסט אַז דיין אָריגינעלע לעבן איז דיין עכטע אייגענע לעבן. דעמאָלט געבן דיך דיינע פריערדיגע דורכפעלער אַ פערספעקטיוו, אַ טיפע פעסטקייט וואָס ווען נישט די עבירה וואָלסטו דאָס נישט עררייכט.

דער תניא אין פרק ז׳ זאָגט אַז ווען אַ מענטש איז עוסק בתשובה, ווערט די עבירה זעלבסט גערעכט ווי אַ מצוה. פאַרוואָס?! פארוואס?? ווייל די דורכפאַל אַליין און די צובראָכנקייט וואָס קומט מיט דער תשובה, טוט פאַבריצירן אַ תשוקה און אַ ברען פאר די קדושה און צו השי״ת!

דאָס קומענדיגע מאָל וואָס דיין אינערליכע ׳גנב׳ היידזשעקט דיין מאָראַלישע לעבן, כאַפּ די געלעגנהייט צו זיך אומקערן. בוי צוריק אויף דיין לעבן מיט אַ דאָפּלטע דאָזע פון ליכטיגקייט!

**משנכנס אדר מרבין בשמחה. דאָס יאָר האָבן מיר נאָך דרייסיג טעג צו זיין בשמחה!**

**אַ גוט שבת.**

יעדע תפלה מאכט א רושם אין הימל!

זייט מתפלל אז נחמי׳ צבי בן דינה זאל באפרייט ווערן פון תפיסה בקרוב

איך ברויכט נישט היטשען...

מיר פארמאגן ריזיגע סופערמארקעטס אין

אלט

און אויך אין

ניי קרית יואל...

אייגענטליך; איך דארפט בכלל נישט ארויסגיין פון שטוב מיט אונזער שנעלע דעליווערי

Peppermint supermarket

mintleaf Kosher Market

CAMPAIGN SPONSOR Week #7

845.288.3880 'היטשט' און 'געווינט'

# בנין בית רחל החדש - מוסדות סאטמאר קרית יואל



אנגעהויבן פארבן לאנגע קארידארן אויפן דריטן שטאק



שטח ביים נייעם געביידע פ̀יבערט מיט אקטיוויטעטן



אויפגעפרעכאפעמדע בנין בית רחל החדש לויט די פארגעשריבענע סקיצעס

# בנין בית רחל החדש - מוסדות סאטמאר קרית יואל



רייע הייב מאשינען רינגס און ארום ריזן בית רחל פעסטונג



בנין ווערט פראכטפול פארענדיגט ארום די ווינדאו פרעימס אויפן העכסטן שטאק



עיר קאנדישאן דאקס שוין געצויגן אין פילע קלאס



ארבעטער ביים אינסטאלירן די טייערע 'ספליט יוניט'ס' פאר יעדע קלאס באזונדער

# ביהמ"ד הגדול והחדש - דק"ק סאטמאר אנטווערפען



ברוב שבח והודיה להשם יתברך נעמען אנשי שלומינו אויף די בשורה טובה ומרנינה, אז נאכדעם וואס בייזוויליגע אלמענטן האבן אריין געגעבן עטליכע קלאגעס אנטקעגן די פערמיטן פארן אויפבוי פון בית מדרש הגדול והמפואר דק"ק סאטמאר אין אנטווערפן וואס איז ענדליך ערהאלטן געווארן פארגאנגענעם חודש אלול, אין די קלאגעס האט אויפגעהאלטן די מלאכת הבנויה די פארגאנגענע חדשים, איז די היינטיגע דאנערשטאג לס' ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם אפגעווארפן געווארן דורך די שטאטישע אינסטאנצן אלע זייערע קלאגעס אין געגעבן געווארן די פולע רשות לנצח על מלאכת בית השם, די מלאכת הבנויה צו איינווארפן די בנינים ווערט יעצט נמשך ביתר שאת ועוז, אין בעזהשי"ת ביז סוף אדר א' וועט די גאנצע באדן פון פאזע איינס שטיין גרייט צו אנהייבן אנדער פינונג אין אויסגראבן די ריזן לאך פארן בנין האדיר החדש דקהילתינו הק'. בורא עולם בקנין השלם זה הבנין


# משנכנס אדר
# מרבין בשמחה




Till Rosh Chodesh nisan
25% off

Bright
beautiful
Exclusive designs
Exclusive styles
One day job
We clean after
Low prices
Cheaper elec. bills

Spotlight Pro
Your house bright
lighting installation services.
since 2006
845.537.9787

## ויתערבו וילמדו ממעשיהם:

# שוידערליכער איבערפאל באישון לילה איבער די אפיסעס פון 'מרכז הצלה'

**אין א פרואוו דורך משתפי פעולה משולי המחנה צו דערשטיקן דעם קול ישראל סבא פונעם יהדות החרדית קעגן די ביטערע "גזירת הגיוס" דורך רויבן קאמפיוטערס און אנדערע חפצים**

**רווח והצלה יעמוד ממקום אחר: פעולות הצלה זעצט ווייטער פאר אין אנדערע אפיסעס אין בית שמש און אין ירושלים**

איבערפאַל האָט פאַראורזאכט אומגעהויערע שאָדנס אינעם אָפיס גופא – מעכטיגע "25,000 דאָלער" קאַמפיין אונטערגענומען דורך 'מרכז הצלה' אין חוץ לארץ צו קענען צוריקשטעלן דעם אָפיס ווירטשאַפט

**סייעתא דשמיא ווידעראמאל אנערקענט ווען די פארברעכער האבן נישט באוויזן צו לייגן די הענט אויף די פילצאליגע רעקארדס פון בחורי ישראל ווייל דאָס ווערט יעדן טאָג אַוועקגעטראָגן פון אָפיס אויס זאָרג איבער ספּאָנטאַנע אָבלאַוועס פון די רשעי ישראל און זייערע פארבינדעטע**

**כל כלי יוצר עליך לא יוצלח!**





**מרכז הצלה היפטקווארטיר שוידערליכער איבערפאל שוין צום דריטן מאל. ערשטע צוויי מאל דורך די ממשלת השמד זעלבסט, און אצינד איז די מעשה נבלה ליידער אפגעטון געווארן דורך זייערע משתפי פעולה און נאנטע בוזעם פריינט וועלכע זעען אין די יהדות החרדית א שטער צו זייערע פינסטערע צילן**







# שמחת שבע ברכות בביהמ"ד קשאנוב - שכונת ווערצבערגער

## לרגל שמחת נישואי בבית הגה"צ אב"ד קשאנוב שליט"א



הרה"ח ר' משה אלי' עסטרייכער הי"ו מנכ"ל מוסדות סאטמאר קרית יואל מחשובי תושבי השכונה טרעט אויף לכבוד די שמחה



דער הערליכער אויבנאן מיט די חשוב'ע זיידעס בוני השכונה



דער רב שליט"א בדברי תורה ביים שמחת שבע ברכות



הרב שלום אליעזר דים שליט"א ביים משמח זיין חתן וכלה ושושבינין



הגה"צ רבי שלמה רובין שליט"א אבד"ק ציעשנוב קרית יואל



דער מחותן שליט"א ביי די ברכת נישואין

# ביהמ"ד החדש דקיט"ל ווינטשעסטער





גאנצע סקרעיפינג פארענדיגט די וואך אינעם היכל ביהמ"ד אין עזרת נשים דורך בארימטע Prime Flooring

# מאנראו פייער דעפארטמענט - חברים קרית יואל

## גרויסע פייער אויסגעבראכן מוצ"ש אויף ספרינג סטריט ווי גאראדזש מיט 2 קארס האבן אפגעברענגט



היימישער פייער וואלונטיר א תושב שכונת סמיט פארם פון די
מאנראו פייער דעפארטמענט אויפן פייער סצענע



חברים קרית יואל פארזיכערן די גאסן נאכן פארלעשן די פלאמען
צו גיסן זאלץ אויף די שטחים און ראוד ארום



חברים פארזיכערט ראוד פון גליטש און אייז



פייער סצענע אויף ספרינג סטריט אין טאון און מאנראו









כולל לבעלי בתים אין ביהמ"ד בית יקותיאל דקיט"ל נתרבה בספסלי ביהמ"ד מיט פרישע לומדים תושבי השכונה זענען מנדב צו האבן א חלק בלימוד התורה פון בעה"ב




פארקויפט זיצן אין גרויסן ביהמ"ד צום מעמד 'צאצאינו' פארלאפענעם מוצ"ש




טרעפיק אויף בעיקערטאון



כ"ק הגה"ק הפ"ר שליט"א ביי א ביקור קודש אין שטאט לרגל ימי השמחה פארענט פון אלטן ביהמ"ד



קורצע מוסר דרשה ביים טשארדזשער סטאנציע אין איינס פון די בתי מדרשים



נייע שטיגן געגאסן צום ביזנעס צענטער אויף בעיקערטאון




אדרעס ארויפגעלייגט אויפן בנין עצי חיים וועלכע איז נתנדב
געווארן דורך כ"ק מרן רבינו הברך משה זי"ע




געז נעמט מען ביי 'קארגא' אויפן רוט 17 עם אין קרית יואל



פארטשעס געבויעט אין שכונת ויואל משה אין די נייע בנינים
נעבן 'בית יקותיאל' דורך בארימטע 'פראו דעקס'



ביזנעס בעפאר באקוועמליכקייט... ביים ביזנעס צענטער אויף בעיקערטאון

# מעמד 'צאצאינו' בביהמ"ד הגדול שע"י מסגרת 'ושננתם לבניך' בבתי מדרשים דקיט"ל מוצש"ק



עסקני המעמד נעמען די אינטרעס קארטלעך פון די חשוב'ע קינדער



הר"ר ליפא טארים הי"ו גבאי 'ושננתם' דביהמ"ד הגדול טרעט אויף



הר"ר אברהם יוסף שטערן הי"ו גבאי 'ושננתם' בביהמ"ד בית יקותיאל



הר"ר שמואל אליעזר אילאוויטש הי"ו גבאי 'ושננתם' בביהמ"ד מעריוואלד



הר"ר חיים צבי ראזענבערג שליט"א מנהל 'ושננתם' בביהמ"ד הגדול



הר"ר אייזיק וואלטער הי"ו גבאי 'ושננתם' בביהמ"ד בית יעקב נחמי' - עצי תמרים



הרבני הנגיד ר' מיכל הערמאן שליט"א ביים מעמד צאצאינו

# מעמד 'צאצאינו' בביהמ"ד הגדול שע"י מסגרת 'ושננתם לבניך' בבתי מדרשים דקיט"ל מוצש"ק





פאראייניגונג פון אלע תשב"ר לומדים במסגרת 'ושננתם' וואס קומט פאר וועכנטליך אין אלע סאטמארער בתי מדרשים 'עדן מוצ"ש צו לערנען אבות ובנים

# מעמד 'צאצאינו' בביהמ"ד הגדול שע"י מסגרת 'ושננתם לבניך' בבתי מדרשים דקיט"ל מוצש"ק



הר"ר יחזקאל שווארטץ הי"ו גבאי 'ושננתם' בביהמ"ד בית יקותיאל



הנהלת הקהלה ביים מעמד צאצאינו



הר"ר אלי' לאנדא הי"ו גבאי 'ושננתם' בביהמ"ד מעריוואלד




הר"ר חיים צבי ראזענבערג שליט"א מנהל 'ושננתם' בביהמ"ד הגדול טרעט אויף ביים מעמד



הר"ר חיים אברהם ראזענפעלד הי"ו חבר הנהלת הקהלה ביים זאגן קדיש
נאך לימוד משניות דורכ'ן דער ריזיגער ציבור קינדער בליעה"ר






קינדער ארויפגערופן צו זינגען ווארימע ניגונים לכבוד סעודתא דדוד מלכא משיחא



קארטלעך פון אזויפיל וואכן ווערט אויסגעראפעלט




רייע מתנות פארטיילט פאר יעדן תלמיד וועלכע האט מיטגעהאלטן די וועכנטליכע מוצ"ש לימודים




טייערע גורלות און ווערדפולע מתנות פאר די פלייסיגע לומדים

# מעמד 'צאצאינו' בביהמ"ד הגדול שע"י מסגרת 'ושננתם לבניך' בבתי מדרשים דקיט"ל מוצש"ק



הר"ר שלמה יודא מאנן הי"ו מגדולי נאמני הקהלה



הר"ר מנחם יאקאבאוויטש הי"ו מגדולי נאמני הקהלה



שר העסקנים וראש חבורת ושננתם הרה"ח ר' פישל ראזענבערג
שליט"א ביים קארדענירן צענטראלן מעמד רבתי



הר"ר משה יצחק קויפמאן הי"ו גבאי 'ושננתם' בביהמ"ד בית מרדכי לייב



גאר אינטערסאנטער קונצן מאכער מיט
פארשטעלונגען נאכן מלוה מלכה



הר"ר אלתר לאנדא הי"ו גבאי 'ושננתם' בביהמ"ד בית כהנא




הנהלת המוסדות מנדב געווען גאנצע מלוה
מלכה לתועלת די חשוב'ע קינדער

# מעמד יציקת רצפת האוצרות המקוה

## פארן מקוה טהרה שע"י ביהמ"ד החדש בית שמש – דינסטאג פרשת תרומה תשפ"ד לפ"ק – בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א



דער רב שליט"א ביים גיסן די צעמענט פארן "אוצרות המקוה" אין פאר די "בורות זריעה און השקה" און דערנאך געגאסן די "יסודות פון די דרום וואנט פון היכל הביהמ"ד".



הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א אויפן שטח אינאיינעם מיט הרה"ג רבי אברהם כהנא שליט"א משפיע רוחני דק"ק סאטמאר בית שמש



שטח פיבערט מיט די ווייטערדיגע בוי ארבעט לנצח על מלאכת בית ה'



דער רב ביים איבערגיין מיטן "ועד קרן הבנין" אלע דעטאלן פון די בוי ארבעט אויפן פלאץ



שטח הבניה פון בית מדרשינו הגדול והחדש אויף רחוב בן איש חי

# מעמד יציקת רצפת האוצרות המקוה

## פארן מקוה טהרה שע"י ביהמ"ד החדש בית שמש - דינסטאג פרשת תרומה תשפ"ד לפ"ק - בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א



בימת הכבוד אין א ריקוד און געזאנג "בורא עולם בקנין השלם זה הבנין"



פון לינקס צו רעכטס: הרה"ג ר' אברהם אלי' שטערן שליט"א חבר הנהלת הקהלה הרה"צ ר' אברהם כהנא שליט"א משפיע רוחני דקהלתינו הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א הרבני הנגיד ר' רבינו איזראעל שליט"א פון אנטווערפען הרה"ג ר' אברהם יצחק בארמינקא שליט"א חבר הנהלת הקהלה הרב ר' פנחס לייפער שליט"א מנהל הכולל



פילע ילדי תושבי בית שמש ביים מיטהאלטן דעם מעמד יציקת המקוה דורכן רב שליט"א

# ביקור בקרב מוסדות יטב לב - דורך הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

## ביי די עלטערע כיתות אין ביהמ"ד הגדול בירושלים עיה"ק



די רב שליט"א ביים אויפטרעטן פאר די תלמידים נאך א ווארימען דאווענען מיט די עלטערע כיתות
פון די תלמוד תורה ווי דער רב שליט"א האט נאכדעם פארטיילט פאר אלע תלמידים די גאלדענע
מטבעות געבענטשט דורך כ"ק מרן רבינו שליט"א ספעציעל פאר די תלמידי מוסדות יטב לב



דער רב שליט"א ביים פארטיילן די מטבעות פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א



הילדים אשר חנן אלקים את עבדך: די שטאלץ פון טהרת הקודש אין ירושלים עיה"ק



בימת הכבוד ביים באזוך פון הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א אין ת"ת ביי די עלטערע כיתות







טעכנאלאגיע פאַרמאַגט נישט קיין דאַטום.

מיר קענען נישט אראפלייגן אונזער געווער, ווילאנג טעכנאלאגיע האט נישט.

ס'איז א שטענדיגע קאמף!

טעכנאלאגיע איז נישט קיין דעווייס.

ס'איז א טאטאל-געטוישטע מהלך המחשבה.

איך בלייב ארגינעל!

טעכנאלאגיע איז נישט קיין חפצא.

- איר צורה טוישט זיך טעגליך.
- אירע נסיונות בייטן זיך כסדר.

מ'רעדט פון מיר!

# דעריבער שטיי איך פעסט אנטשלאָסן!

מחניך קדוש

ביצור חומת מחנינו מפגעי הטעכנאלאגיע

דקהל יטב לב ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# וואודבארי ווילעדזש סקעפטיש איבער געבן וואַסער צוטריט פאר טרואוועי אויטאָריטעט

נאך וואס די ניו יארק סטעיט טרואוועי אויטאריטעט האט געהאט אריינגעגעבן א פארלאנג צו באקומען וואסער אין די קוואנטום פון ארום 5,000 גאלאן פער טעג פון די וואודבארי ווילעדזש וואסער סופליי, האבן זיי אצינד געענדערט באדייטענד דעם שאצונג וויפיל וואסער זיי דארפן האבן צום באנוץ.

אין דעם נייעם שאצונג אריינגעגעבן צו די וואודבארי ווילעדזש באורד שרייבט די טרואוועי אויטאריטעט אז זיי ציען צוריק פון זייער פריערדיגע שאצונג און אז זיי וועלן זיך בלויז נויטיגן אין א געשאצטע 2,000 גאלאן פער טאג.




אָבער טראץ דעם באדייטענדען רעדוקציע וואס שניידט די געברויך צו ווינציגער ווי האלב, זענען נאך ווילעדזש מיטגלידער און איינוואוינער היבש סקעפטיש איבער אויב מען זאל נאכגעבן דעם פארלאנג פון די טרואוועי אויטאריטעט, און זיי ערלויבן צו פארבינדען די טרואוועי געביידע אין הערימאן צו די לאקאלע ווילעדזש וואסער סיסטעם.

רעדנדיג צו די ווילעדזש באורד האט די אטוירני פון די ניו יארק סטעיט טרואוועי אויטאריטעט געזאגט אז זיי זענען זיכער אז די באנוץ פון די וואסער דורך די אגענטור וועלכע זי פארטרעט וועט נישט איבערגיין די 2,000 גאלאן פער טאג, און אז זייער פריערדיגע שאצונג איז געווען באזירט אויף א בלויזע טעות. אבער טראץ די פארזיכערונגען האבן לאקאלע איינוואוינער פארפירט אז מען זאל נישט נאכגעבן די פארלאנג פון די אויטאריטעט. "איינמאל זיי ווערן באשטעטיגט צו זיך פארבינדען מיט די ווילעדזש וואסער סיסטעם וועט שוין קיינער נישט קענען זיי איינטיילן וויפיל זיי וועלן נעמען" האט א ווילעדזש איינוואוינער געזאגט ביי דעם מיטינג.

אויך דער סופעראינטענדענט פון די וואסער סיסטעם אין די וואודבארי ווילעדזש האט געזאגט אז ער זעלבסט האט שוין אפגעווארפן אן ענליכע פארלאנג פון די טרואוועי אויטאריטעט מיט עטליכע יאר צוריק ווען די באשלוס איז געווען אין זיינע הענט.

אויסער די פארלאנג דורך די טרואוועי אויטאריטעט איז געווען נאך עטליכע געזעצן אויפן טיש פון דעם ווילעדזש באורד. איין געזעץ וועט ערלויבן די ווילעדזש צו איבערגיין דעם באגרעניצטן סומע פון שטייער ערלויבט לויטן געזעץ ווען זיי וועלן אין באטראכט נעמען דעם ווילעדזש בודזשעט פון דעם קומענדיגן יאָר. אן אנדערע געזעץ וועט ערלויבן די קאוד אינפארסירער צו אריינגיין אין פריוואטע שטחים אויב דער אייגענטומער שענקט זיי ערלויבעניש.

די ווילעדזש באורד וועט באטראכטן די ניי פארגעשלאגענע געזעצן ביי א פובליק הירינג זיצונג, קומענדיגן מערץ דעם 14'טער אין די ווילעדזש האל.

# 'טאַון אָוו וואודבארי' באַקומט 2.9 מיליאָן צו פאַררעכטן בריק

די טאון אוו וואודבארי האט באקומען א געשאצטע 2.9 מיליאן דאלאר פון די "ברידזש-ניו-יארק" פראגראם, וואס וועט גיין צו פאררעכטן דעם רידזש שאסיי בריק.



די סומע געלט וואס זיי האבן באקומען איז מיטגעטיילט געווארן דורך דעם טאון אינדזשעניר דורכאויס א פרעזענטאציע וואס ער האט פארגעשטעלט פארנט פון די טאון באורד דעם פארלאפענעם דאנערשטאג. ער האט געזאגט אז די אונטערשטע טייל פון דעם בריק סטרוקטור איז שוין פארענדיגט געווארן און ארבעט אויף די הויפט טייל פון די בריק האט זיך שוין אנגעהויבן, און אז אלעס ווערט געמאכט אין איינקלאנג מיט די סטעיט און פעדעראלע רעגולאציעס.

ווען אנוועזענדע האבן אויסגעדרוקט זארגן אויב דער בריק קען פארנעמען שווערערע טראק טראפיק האט ער געזאגט אז ער זעט נישט פאראויס קיין ערנסטע טראק טראפיק אין דעם געגנט אז מען זאל דארפן זיין באזארגט דערוועגן, און אז די געוועגליכע טראפיק איז גענומען געווארן אין באטראכט ווען מען האט פארגעלייגט די פלענער פאר דעם בריק.

לויט זיין שאצונג וועט דער בריק געבויעט ווערן גענוג שטארק צו קענען זיך האלטן שטאַרק און פאַרזיכערט פאר אמווייניגסטענס 35 יאר, אויב די געוועגליכע פאררעכטיגונגען וועלן ווערן דורכגעפירט יערליך. די טאון סופערווייזער האט דערביי אנגעוויזן אויף די שוואכע מצב אין וועלכע דער בריק איז געווען, זאגנדיג אז מען האט געקענט זען די שפאלטענעס אין דעם בריק פון דרויסן.

אין צוגאב צו דעם באריכט וואס די וואודבארי טאון באורד האט באקומען איבער דעם בריק, האבן זיי אויך באטראכט און באשטעטיגט פארשידענע טוישונגען צו די פינאנציעלע יאר 2023-2024 בודזשעט פון דעם טאון. דערביי האבן זיך אריבערגערוקט געוויסע געלטער פון וואו זיי זענען געווארן צוגעטיילט צו אנדערע ערטער.

# 'טאַון אָוו וואָלקיל' באַטראַכט אָפּציעס איבער וועירהאַוז מאָראַטאָריום

נאך וואס די צווייטע זעקס-חדשים'דיגע מאראטאריום איבער ערלויבן דאס באשטעטיגונג פון נייע וועירהאוז צענטערן אין די טאון אוו וואלקיל לויפט אפ, באטראכטן די לאקאלע באאמטע איבער וואס זיי זאלן ווייטער טון אין דעם געביט.



די טאון באאמטע האבן ארויפגעלייגט א מאראטאריום, א צייטווייליגע פאַרבאָט, איבער ארויסגעבן פרישע באשטעטיגונגען פאר וועירהאוז דיסטריביושאן צענטערן אין די טאון, אבער דער פארבאט איז ערווארטעט צו אויסלויפן. די באאמטע קוקן אריין אין זייערע אפציעס, אויב זיי זאלן דאס ווייטער אנהאלטן אדער זיי זאלן דאס לויזער מאכן.

איין אלטערנאטיוו אין וועלכע זיי קוקן אריין איז צו ערלויבן די וועלכע זענען שוין אויפגעבויעט אז זיי זאלן קענען באקומען א געהעריגע ערלויבעניש צו טון געשעפטן, און זען וויאזוי דאס וועט אפעקטירן די שאסייען פון דעם טאון.

די באאמטע זאגן אז זיי זענען באזארגט אויב די פארמערטע טראפיק פון טראקס און טרעילער וועלכע וועלן טראגן און ברענגען סחורה פון די וועירהאוזעס וועלן נעגאטיוו אפעקטירן די טראפיק אויף די לאקאלע שאסייען. אמווייניגסטענס נאך זעקס נייע וועירהאוז צענטערן זענען געווארן פארגעלייגט פאר די טאון, אוןווארטן נאך אז זיי זאלן גענומען ווערן אין באטראכט.

קרית יואל
# וואכנשריפט
KJ · WEEKLY

P.O. Box 113 Monroe NY 10949
845-774-6234
845-501-0246
אדווערטייזמענט:
Ads@kyweekly.com
נייעס:
News@kyweekly.com
בריוון:
Letters@kyweekly.com
מעילינג אדרעס טויש:
MailingList@kyweekly.com

**נייעס און באריכטן פון קהילות, מוסדות, און וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציעס, מוז אַריינגעשיקט ווערן דורך אי-מעיל, און דערנאָך זיך פאַרבינדן מיט'ן אָפיס פאַר באַשטעטיגונג.**

די מיינונגען פון שרייבער אין אונזער אויסגאַבע, ווי אויך בריוו אין דער רעדאַקציע, שטעלן נישט פאָר די מיינונג פון די רעדאַקציע.

מיר טראָגן נישט קיין אחריות פאַר די כשרות פון אַרטיקלען און פּראָדוקטען וואָס ווערן אַדווערטייזט אין אונזער צייטונג.

KJ Weekly (USPS #22640) is published weekly by Vuchenschrift Inc. "Periodicals Postage Paid at Monroe, NY" Postmaster: Please send address changes to KJ Weekly, PO Box 113 Monroe NY 10949


## אינהאַלט


| | |
|---|---|
| גאסט עדיטאריעל | 14 |
| דבי מדרשא | 36 |
| משמרת חומותינו | 40 |
| ציטאטן פון אמאל | 50 |
| שריפטן צום וואכנשריפט | 52 |
| צא והלחם בעמלקן! | 54 |
| אן ענין אויף דער פרשה במשנתו של רבינו | 62 |
| שאלת חכם | 68 |
| זמני בית הוראה | 70 |
| תפיסה וועגט | 72 |
| לוח הלימודים בחבורת זכרו | 73 |
| בילדער זייטן | 76 |
| לאקאלע באריכטן | 92 |
| לוח הזמנים לעיר קרית יואל | 93 |
| וועטער פון קרית יואל | 93 |


## זמנים

| הדלקת הנרות | סוף זמן קר"ש | מוצאי שב"ק |
|---|---|---|
| 5:25 | 8:48 | 6:54 |

## וועטער

| פרייטאג | שב"ק | זונטאג |
|---|---|---|
| רעגן 44/32 | זון ג'י 31/17 | זון ג'י 30/40 |











































# סטעיט קאָמיטע באַטראַכט שטראָפן אויף 'האָדסאָן וועלי' וואַסער פירמע

די סטעיט פובליק סערוויס קאמיטע וועט באטראכטן וואספארא שטראף צו נעמען אנטקעגן די האדסאן וועלי וואסער פירמע נאך וואס זי האט צוגעשטעלט זייער שוואכע סערוויס פאר אירע קונדען, ווען פילצאליגע פון זיי זענען פארבליבן אן קיין וואסער פאר כמעט א חודש.

די קריטיק איז געהערט געווארן אין לויף פון א זיצונג דורך דעם קאמיטע דעם פארלאפענעם מיטוואך, ווען אלסטער קאונטי עקזעקוטיוו דזשען מעצגער און אנדערע לאקאלע באאמטע האבן געטאדעלט דעם פירמע און פארלאנגט זי זאל שטעלן א נייע אייגענטומער.

די אגענטור האט געזאגט אז זייער אויספארשונג איבער דעם פירמע איז אקטיוו, און האט פארגעשלאגן אז די פירמע זאל זיך נעמען אין די הענט אריין צו צושטעלן זייערע קאסטומער מיט א גוטע וואסער סופליי.

די וואסער פירמע פארמאגט פינף קווועלער און פאמפינג סיסטעמען אין אלסטער קאונטי, וואס רעכענט אריין מאונט מאריאן, היי פאללס, פיין לעין, וועסט הורלי און בויסוויל. ווען איר סיסטעם אין די בויסוויל געגענט איז געגאנגען שלאפן דעם פארלאפענעם דעצעמבער איז די געגענט געבליבן אן קיין טרינקען וואסער פאר כמעט א חודש.

לאקאלע באאמטע זאגן אז די וואסער פראבלעם דעם פארלאפענעם חודש איז נישט געווען קיין איזאלירטע אינצידענט נאר איז א טייל פון דעם מוסטער פון דעם פירמע, וועלכע פארמאגט נישט קיין געהעריגע פלאן וויאזוי זיך צו ספראווען אין פאל פון נויט.

# מאָנראָו וואודבארי שולע אויף דער יאַרכע נאָך אַ סופעראינטענדענט

בײ א זיצונג וואו די עלטערן פון די מאנראו וואודבארי סקול דיסטריקט האבן דיסקוסירט דאס אויפנעמען א נייער סופעראינטענדענט פאר די שולע האבן זיי מיטגעטיילט וואס זיי זוכן אין א קאנדידאט וואס זאל נאכקומען זייערע פארלאנגען.




די מאנראו וואודבארי באורד אוו עדיוקעישאן האט אריינגעברענגט די "דיסטריקט ווייס סוירטש קאנסולטאנטס" זיי צו העלפן מיט אויפזוכן א גוטן קאנדידאט פאר דעם פאזיציע און די פירמע האט אנגעפירט דעם זיצונג און געזאגט זייער מיינונג איבער וויאזוי דער מהלך דארף צוגיין.

די אנוועזנדע ביי דער זיצונג זענען פארזיכערט געווארן אז זייערע קאמענטארן וועלן געהאלטן ווערן אין געהיימניס, און דעריבער האבן זיי זיך ערלויבט צו רעדן מיט מער פרייהייט. געוויסע פון די עלטערן און סטודענטן האבן אויסגעדרוקט זייער אינטערעסע אין א סופעראינטענדענט וואס וועט אדרעסירן די שווערע אישו וואס פלאגט אין די שולע פון שלעגערייען צווישן די עלטערע סטודענטן און די באנוץ פון אומלעגאלע סובסטאנצן. ווי אויך האבן פילע אויסגעדרוקט זייער ווילן אז דער קאנדידאט זאל האבן ערפארונג אין פירן א קלאס, און נישט בלויז ערפארונג אין אפיס.

# ניי-פאָרגעשלאָגענע קאָנגרעסיאָנאַלע מאַפּע פון ניו יאָרק טוישט ווינציגער ווי דעמאָקראַטן האָבן געהאָפט

א פארגעשלאגענע טויש אין די ניו יארקער קאנגרעסיאנאלע ליניעס וועט העלפן די ווידערוויילונג שאנסן פון צוויי אמטירנדע קאנגרעסלייט, און אפשוואכן די זיץ פון א דריטן, אויב זאל דאס פאקטיש ווערן באשטעטיגט פאר די קומענדיגע וואלן.




דער דעמאקראט פעט רייען פון די 18'טע קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט וועט האבן מער שאנסן צו געווינען, נאך וואס זיין נייע דיסטריקט וועט פארמאגן א פיל גרעסערע צאל פון דעמאקראטיש גענייגטע ווילער, ווידער דער רעפובליקאנער מארק מולינארא פון די 19'טע קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט, וואס נעמט אריין די אידישע געגענטער אין סאליוואן קאונטי, וועט בענעפיטירן פון די גרעסערע צאל רעפובליקאנער וועלכע זיין נייע דיסטריקט נעמט אריין.

אבער דער רעפובליקאנער ברענדאן וויליאמס פון די 22'טע קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט איז נישט אזוי מזל'דיג, ווען זיין נייע דיסטריקט וועט זיך בייגן מער צו די דעמאקראטישע זייט נאך וואס די מאפעס זענען ווידער אויסגעמאלן געווארן דורך א נייע קאמיטע, נאך וואס די פריערדיגע מאפעס איז געווארן אפגעווארפן אין געריכט.

די דיסטריקט פון דעם רעפובליקאנער קאנגרעסמאן פון די 17'טע קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט, וואס שליסט איין די היימישע מאנסי אומגעגענט וועט בלייבן אומגעטוישט, ווי אויך די דיסטריקט פון דעם דעמאקראט דזשאמאאל באומען פון דעם 16'טען קאנגרעסיאנאלע דיסטריקט.

# סטעיט קאָמפּטראָלער באַריכט שטייגט אונטער הויכע האַוזינג קאסטן

א באריכט וואס דער סטעיט קאמפטראלער טאם דינאפאלי האט ארויסגעגעבן שיינט א ליכט איבער די הויכע האוזינג קאסטן אין ניו יארק סטעיט.

איינער פון יעדע פינף מענטשן אין ניו יארק געבן אויס מער ווי העלפט פון זייער חודש'ליכע געהאלט פאר זייער דירה קאסטן, און מער ווי דריי מיליאן משפחות אין די סטעיט פלאגן זיך מיט האוזינג קאסטן וואס עסט אויף מער ווי דרייסיג פראצענט פון זייער חודשליכע איינקונפט.

די צאל הייזער וואס זענען גרייט פאר ניו יארקער איז איינע פון די שטארקסטע סיבות פאר די טייערע פרייזן. צווישן די יארן פון 2012 און 2022 האט ניו יארק צובאקומען אזויפיל ווי 462,000 הייזער, וואס איז א העכערונג פון בלויז 5.7 פראצענט, פיל שוואכער ווי אנדערע שטאטן, וואו ניו יארק שטייט אויף די 32'סטע אין ראנג איבער'ן לאנד.

דינאפאלי זאגט אז די סטעיט דארף צושטעלן מער הילף און מער האוזינג טעקס קרעדיטס, צווישן אנדערע.



בס"ד
TO PARENTS & TEACHERS...
Inspire vital messages and middos in a wonderful, child friendly way.
Album
Raisy Rose
When life gets blurry adjust your focus!
You are braver than you believe, stronger than you seem and smarter than you think!
Effort is like toothpaste, you can always squeeze out just a little bit more
28
Collect them all!
Gorgeous card collection inspiring parents, teachers and children's dreams!
TO CHILDRENS DREAMS...
Discovering yourself with Raisy Rose, Family & Friends
Cards and albums at your local shops. For wholsale enquiries email nigun2009@gmail.com

בס"ד

# אפען מוצאי שבת

פרעסקריפשען ארדערס וואס קומען אריין ביז 10:30PM וועט ווערן דעליווערט מוצאי שבת.

פרעסקריפשען ארדערס וואס קומט אריין נאך 10:30PM וועט ווערן דעליווערט זונטאג צופרי פאר 11:00.

**Hours:**
**Sun-Thu:** 9am to 8pm
**Fri:** 9am to 1.5 hours before Zman
אפען מוצאי שבת מיט פולע דעליווערי סערוויס

RegionRx

PROFESSIONAL & CONVENIENT

**845.775.4175**
FAX: 845.775.4185
info@RegionRX.com • RegionRX.com
1291 Dolsontown Rd. Middletown, NY
FREE DELIVERY IN KIRYAS YOEL & SURROUNDING AREAS

MGM HelloMGM.com